NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01534

MAYN YIDISH BUKH

M. Feldman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. פעלדמאַן

מיין יידיש בוך

פיר

•

געצייכנט פון

מאָרים פּאַס

פאַרלאַג פון יידישן פראַטערנאַלן פאָלקס-אָרדן

Copyright by the
BOOK LEAGUE
of the Jewish Peoples Fraternal Order, I.W.O.
80 Fifth Avenue, New York 11, N. Y.
1946

PRINTED IN U. S. A.

209



מיר וואַקסן, מיר וואַקסן!

• שנייער וואַסערמאַן

מיר וואַקסן, מיר וואַקסן — פון קליין ווערן גרויס.
די נאַכט הינטער אונדז און דער מאָרגן פאָראויס.
דעם מאָרגן אַנטקעגן צו שפּאַנען מיט פרייד,
מיר לערנען זיך פלייסיק און מאַכן זיך גרייט!

עס גרייט אונדזער שול צום מאָרגן דעם וועג;
זי קײטלט, ווי גילדענע רינגען, די טעג
אין איין גילדענער קייט — דעם נעכטן און היינט
צום מאָרגן, וואָס קומט שוין אַנטקעגן צעשיינט!

פאָראויס צו דעם מאָרגן, צום העלן באַגין,
ווי יידישע טעכטער, ווי יידישע זין!
מיט פרייהייט אויף אונדזער צעפלאַטערטער פאָן,
אין פענער-געפלאַטער שטאָלץ אויבן-אָן!

אין פוסטריט פון דורות, די פאַקלען צעהעלט!
מיר קומען אָנצינדן דעם טאָג אויף דער וועלט!
דעם ליכטיקן מאָרגן פון פרידן און פרייד —
מיר וואַקסן און לערנען און מאַכן זיך גרייט!

די צוויי „טשעמפּס" פון פערטן קלאַס

• מ. פעלדמאַן

א

שמואליק איז אַלט געווען ניין יאָר און זיין שוועסטער שיינדל אַכט יאָר, ווען ביידע האָבן אָנגעהויבן לערנען אין שול, אין ערשטן קלאַס. שמואליק איז געוואַקסן גרויס און שטאַרק און שיינדל האָט קעגן אים אויסגעקוקט ווי אַ קליין שוועסטערל. האָט מען אין דער היים געזאָגט:

— שמואליק, דו ביסט דאָך עלטער און טאַקע אויך גרעסער און שטאַרקער, וועסטו פירן שיינדלען אין שול אַריין און וועסט אויף איר אַכטונג געבן.

האָט זיך שמואליק אַוועקגעשטעלט ווי אַ „טשעמפּ", מיט די הענט אין די קעשענעס, און האָט מיט גרויס גדלות געזאָגט:

— געוויס, געוויס, פאַרלאָזט זיך אויף מיר. איך וועל שוין אויף איר אַכטונג געבן. איר זעט אַ פּאָר מוסקולן? זאָל נאָר עמעצער איר וועלן שלעכטס טאָן.

— וועסט איר שוין אויך העלפן מיט דער היים-אַרבעט — האָט מען אין דער היים געזאָגט, — ווייל דו ביסט דאָך עלטער און גרעסער פון איר.

— געוויס, געוויס, פאַרלאָזט זיך אויף מיר.

האָט שמואליק טאַקע פאַרמאָגט צוויי שטאַרקע פויסטלעך, וואָס מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן, און אין אַלע שפּילערייען איז ער געווען דער ערשטער. דאָס האָט ער טאַקע אָרגאַניזירט אַ „קליינע בייזבאָל-טים", און חברה האָט פון אים זייער געהאַלטן. אַז שמואליק האָט געזאָגט „יאָ" איז געווען „יאָ", און אַז ער האָט געזאָגט „ניין" איז געווען „ניין". און קיינער וועט שוין שיינדלען קיין שלעכטס ניט טאָן, ווען שמואליק איז ביי איר זייט.

אָבער שמואליק האָט זיך אָפּטמאָל שטאַרק פאַרשפּילט און האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער דאַרף שיינדלען אַרויסהעלפן אין איר היים-אַרבעט. און שיינדל האָט גראָדע ניט געוואַרט אויף שמואליקן און האָט אַליין צוגעגרייט איר היים-אַרבעט. וואָס-זשע איז זי שולדיק, אַז זי קריגט בעסערע צייכנס פון שמואליקן? זי וויל דען שמואליקן שלעכטס טאָן דערמיט?

אָבער צום סוף יאָר, אַז שיינדל איז אַריבער אין צווייטן קלאַס

מיט די בעסטע צייכנס, האָט עס שמואליקן פֿאַרדראָסן. עפּעס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי איז שולדיק אין זײַנע שלעכטע צייכנס... פֿאַרוואָס שולדיק? דאָס האָט ער ניט געטראַכט, אָבער ער האָט גע־טראָגן אַ האַרץ אויף שיינדלען. דאָס האָט ער טאַקע פֿאַרשפּרייט צווישן די קינדער, אַז זי איז דעם לערערס „ליבלינג", און קינדער האָבן אַלעמאָל אַ שלעכט וואָרט פֿאַרן לערערס „ליבלינג".

ב

לערנען שוין ביידע אין דעם צווייטן קלאַס. וואָס־זשע איז שיינדל שולדיק, אַז זי איז טאַקע דעם לערערס „ליבלינג"?

האָט שיינדל זיך געלערנט אַלץ בעסער און בעסער און שמואליקן האָט עס אַלץ מער און מער פֿאַרדראָסן. עס האָט זיך אים אָנגעהויבן

אויסוויזן, אַז אויך ביי טאַטע־מאַמע איז שיינדל געוואָרן אַ „ליבלינג". און דאָס האָט שוין שמואליק גאָרניט געקאָנט פֿאַרטראָגן, ווייל ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ „טשעמפּ", מיט די הענט אין די קעשענעס, און האָט געזאָגט:

— געוויס, געוויס, פֿאַרלאָזט זיך שוין אויף מיר!

וואָלט דאָך שמואליק געדאַרפֿט טאָן דאָס בעסטע וואָס מען קען טאָן אין אַזאַ פֿאַל: זיך נעמען מיט גרויס פֿלײַס צו דער היים־אַרבעט. און שמואליק, אַבי ער וויל נאָר, — קען מען זיך טאַקע אויף אים פֿאַר־לאָזן. אָבער שמואליקן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס פּאַסט ניט פֿאַר אַ „טשעמפּ": גאָר נאָכטאָן שיינדלען! ניין, שמואליק טוט ניט נאָך קיינעם...

דער סוף איז געווען, אַז שמואליק איז קוים דורכגעקראָכן פֿונעם צווייטן קלאַס אין דריטן, און שיינדל איז ווידער געקומען די ערשטע.

ביי שמואליקן איז דער פּאַרדראָס געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט שוין אינגאַנצן אָנגעוואוירן דעם חשק צו דער שול.

ג

האָבן שוין שמואליקס טאַטע-מאַמע זיך אָנגעהויבן אויף אַן אמתן זאָרגן. וואָס טוט מען? הייסן שיינדלען זי זאָל א י ם העלפן? האָבן זיי אָבער געוואוסט, אַז דער „טשעמפּ" וועט אויף אַזאַ זאַך ניט איינגיין: ער האָט דאָך געזאָלט שיינדלען העלפן, וועט גאָר פּלוצלונג שיינדל ווערן דער „טשעמפּ" און אים העלפן... און דאָ דאַרף מען אַריבערגיין פון דעם דריטן קלאַס אין דעם פערטן און אויסהאַלטן אַ גאַנץ שווערן עקזאַמען, ווייל פון דעם פערטן, אויב מען צייכנט זיך אויס, קען מען גלייך אַריין אין מיטלשול... וועט דאָך שיינדל זיך אויסצייכענען, ווי אַלעמאָל, און וועט טאַקע אַריין אין מיטלשול. און שמואליק? טאָמער חלילה פאַרבלייבט ער אין פערטן קלאַס אויף נאָך אַ יאָר, וועט זיין גרויסע צרות: ער קען נאָך קראַנק ווערן פאַר פאַרדראָס און ערגערניש...

האָט שיינדל אויך געטראַכט וועגן דעם ,און אַ קלוגע איז זי דאָך, געראָטן אין טאַטע-מאַמע, האָט זי שוין צוגעטראַכט, ווי אַזוי צו העלפן שמואליקן ער זאָל אַפילו ניט אָנהויבן צו וויסן, אַז זי העלפט אים. און, קומענדיק אַהיים פון דריטן קלאַס, האָט זי זיך אָנגעהויבן בעטן ביי שמואליקן מיט אַ רחמנות-פּנים:

— אפשר וואָלטו מיר אַביסל געהאָלפן? די אַרבעט פון דריטן קלאַס איז מיר זייער שווער...

— דיר איז שווער? — האָט שמואליק זיך ניט געוואָלט גלויבן.

— אַוודאי איז מיר שווער! — האָט שיינדל זיך שיר ניט צעוויינט... — עס איז דאָך דער דריטער קלאַס און מען דאַרף דאָ שוין צולייגן קאָפּ... און דו ביסט פאָרט עלטער און פאַרשטייסט מער... אוי, ציטערט מיר מיין האַרץ פאַרן עקזאַמען!...

איז דאָך שמואליק אין דער אמתן אַ גוטער, האָט ער איר שוין גענומען העלפן, און ביידע צוזאַמען האָבן זייער גוט צוגעגרייט זייער היים-אַרבעט. און שיינדל האָט אים שוין ניט אָפּגעלאָזט: אַלע טאָג האָט זי מיט טרערן אין די אויגן אים געבעטן ער זאָל איר העלפן... ביז ער האָט טאַקע אַליין אָנגעהויבן גלויבן, אַז ער העלפט איר... און טאַטע-מאַמע און אויך דער לערער האָבן זיך שטאַרק געוואונדערט: ווי שמואליק האָט זיך עס מיטאַמאָל פאַרבעסערט...

אָבער איינמאָל האָט שיינדל שיר ניט אויסגעגעבן איר סוד.



דער לערער האָט געפרעגט עפּעס אַ שווערע פראַגע, וואָס ניט שמואליק און ניט קיינער פונעם קלאַס זיינען געווען צוגעגרייט צו ענטפערן אויף אַזאַ פראַגע. שיינדל האָט געוואוסט דעם ענטפער און האָט האַסטיק אַ הויב געטאָן די האַנט, און באַלד זי אַ כאַפּ געטאָן צוריק... דער לערער האָט שוין אָבער באַמערקט און אַ פרעג געטאָן:

— ווילסט ענטפערן, שיינדל?

אַוודאי וויל שיינדל ענטפערן, אָבער זי האָט זיך פּלוצלונג דער־מאָנט, אַז זי טאָר דאָך ניט וויסן מער פון שמואליקן... פאַרקערט, שמואליק דאַרף דאָך וויסן מער פון איר: ער העלפט איר דאָך... איז זי רויט געוואָרן און געזאָגט:

— ניין, לערער, עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך ווייס...

דער לערער האָט שוין געוואוסט, אַז שיינדל זאָגט אַלעמאָל דעם אמת, אָבער דאָ האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז שיינדל באַהאַלט עפּעס פון אים... זאָל טאַקע שיינדל אים זאָגן אַ ליגן? ניין, ער וועט זי נאָכ־אַמאָל איבערפרעגן: ..

— אָבער מיר ווייזט זיך אויס, שיינדל, אַז דו ווייסט יאָ, נאָר ע . . .

איז שיינדל נאָך שטאַרקער רויט געוואָרן און טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן... גוואַלד, פאַרוואָס זאָל זי אָפּנאַרן איר גוטן לערער? און פאַרוואָס טאַקע זאָל זי ניט טאָרן ווייזן, אַז זי ווייסט יאָ? עס איז דאָך אַזוי גוט, אַז מען קאָן ענטפערן אויף אַזאַ שווערער פראַגע... אָט־אָט וועט זי טאַקע ענטפערן... און איר האַנט וויל זיך שוין אויפהויבן, אָבער זי דערמאָנט זיך אין שמואליקן, און איר האַנט הויבט זיך ניט אויף...

דאָס יאָר איז גרויס, און קינדער פאַרגעסן פון איין מאָל צום צווייטן מאָל. האָט זיך טאַקע שיינדל נאָך אַ פּאָר מאָל פאַרגעסן, האָט אויפגעהויבן די האַנט ביי שווערע פראַגעס און האָט די האַנט באַלד צוריקגעכאַפּט... האָט עס שוין דעם לערער אָנגעהויבן פאַרדריסן: וואָס הויבט זי די האַנט, אַז זי ווייסט ניט? זי וויל זיך, ווייזט אויס, אויסשטעלן... עפּעס אַן אַנדער שיינדל געוואָרן... און דער לערער האָט אָנגעהויבן קוקן אויף איר קרום און האָט עס שוין אַפילו איבערגערעדט פאַר טאַטע-מאַמע, און טאַטע-מאַמע האָבן אויך אָנגעהויבן קוקן אויף איר אַנדערש... האָט שיינדל שטילערהייט געוויינט און ס'האָט איר זייער וויי געטאָן... ס'איז איר אַזוי שווער, אַזוי שווער, אָבער זי מוז שמואליקן אַריבערשלעפּן אין פערטן קלאַס.

איז דאָך שמואליק ניט קיין נאַר, האָט ער דערפילט, אַז שיינדל טראָגט זיך אַרום מיט אַ גרויסן ווייטיק און ער האָט זיך איינמאָל אַ נעם געטאָן צו איר. און אַזוי ווי איר האַרץ איז געווען זייער אָנגעווייטיקט האָט זי זיך צעוויינט. האָט זי שוין שמואליק איינגענומען מיט גוטע רייד, טאַקע ווי אַן עלטערער ברודער, און האָט אַזוי לאַנג גערעדט איבער איר ביז זי האָט אים דערציילט דעם אמת, אַז דאָס האָט זי געטאָן צוליב אים...

האָבן זיך גרויסע-גרויסע טרערן געשטעלט אין זיינע אויגן, און ערשט איצט האָט ער געוואָלט זיך צעוויינען, אָבער ווי פּאַסט עס פאַר אַ „טשעמפּ" זיך פלוצלונג צעוויינען... האָט ער זי מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט און האָט מיט האַרץ געזאָגט:

— אָ, דזשי, שיינדל, ביסט דאָך נאָך אַ גרעסערער „טשעמפּ" פון מיר! איך האָב גאַרניט געוואוסט, אַז מען קען זיין אַ „טשעמפּ" אין האַרצן... און קיינער זאָל אַפילו ניט וויסן.

האָט זיך שוין שיינדל דערפילט זייער גוט, וואָס שמואליק רופט זי אַן „טשעמפּ" און, ווישנדיק די טרערן זיך און שמואליקן, האָט זי געזאָגט:

— נו, וועלן מיר דערפאַר זיין צוויי „טשעמפּס" אין פערטן קלאַס.

און זיי האָבן ביידע געהאַלטן וואָרט. ביידע „טשעמפּס" זיינען אַריין מיט די בעסטע צייכנס אין פערטן קלאַס.

פאַרשטייט די ווערטער:

גדלות — pride	געראָטן — resembles

רבי הלל

הלל פון בבל איז געווען אַ פּשוטער ייד, אָבער ער האָט גרויס חשק געהאַט צו לערנען. איז ער געקומען קיין ירושלים, ווייל ער האָט געהערט, אַז דאָרטן איז דאָ אַ גרויסע ישיבה. און אַ גאַנצן טאָג האָט ער שווער געאַרבעט, כדי צו פאַרדינען זיין שטיקל ברויט און אויך צו באַצאָלן זיין שכר-לימוד אין דער ישיבה.

האָט איינמאָל געטראָפן, אַז הלל האָט גאָרניט פאַרדינט, און דער ישיבה-באַדינער האָט אים אָן געלט ניט געוואָלט אַריינלאָזן. האָט דאָך הלל ניט געוואָלט פאַרפעלן קיין לעקציע, איז ער אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך פון דער ישיבה, האָט צוגעלייגט זיין אויער צום דאַך-פענצטערל און האָט זיך צוגעהערט. און ווינטער איז דעמאָלט געווען, איז אויס-געפאַלן אַ שניי און באַדעקט דעם אָרעמען הללן פון קאָפּ ביז די פיס... האָט הלל אָנגעהויבן פרירן, אָבער ער האָט ניט געפילט, ווייל ער איז געווען שטאַרק אַריינגעטאָן אין דער לעקציע...

אינעווייניק אין דער ישיבה האָט מען זיך אָנגעהויבן וואונדערן: ס'איז נאָך, דאַכט זיך, גרויסער טאָג, און אין דער ישיבה איז פּלוצלונג פינצטערלעך געוואָרן... צי האָט ניט דער שניי פאַרדעקט דאָס דאַך-פענצטערל?

מען גייט אַרויס און מען טוט אַ קוק — אַ מענטש ליגט אויפן דאַך און פאַרשטעלט די שיין פון טאָג, וואָס קומט אַריין דורכן דאַך-פענצטערל. האָט מען באַלד אַרונטערגענומען דעם פאַרפרוירענעם הללן און מען האָט אים אָפּגעמונטערט, ווייל ער איז שוין כמעט געווען פאַרחלשט, און דער רבי פון דער ישיבה האָט אַזוי געזאָגט:

— ניט אַנדערש אַז אָט דער הלל וועט אַמאָל זיין אַ גרויסער גע-לערנטער, ווייל דאָס לערנען איז ביי אים טייערער פון זיין לעבן!

האָט מען שוין אָנגעזאָגט דעם ישיבה-באַדינער, אַז פון היינט אָן זאָל ער שוין הללן אַריינלאָזן אָן געלט. און הלל האָט ווייטער געלערנט מיט גרויס חשק און איז טאַקע געוואָרן דער גרעסטער געלערנטער פון זיין צייט. ער איז מיט דער צייט געוואָרן אַזוי באַרימט, אַז יידן אין ארץ ישראל האָבן אים אויסגעקליבן פאַר זייער פירער און אים גערופן הלל הנשיא.

דאָס איז פאַרגעקומען מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. אָבער ביז היינטיקן טאָג לערנען מיר הללס קלוגע משלים און שיינע ווערטלעך.

אָט זיינען עטלעכע פֿון הלל׳ס ווערטלעך:

„אַ שעמעוודיקער קען ניט זיין קיין געלערנטער."
„וואָס דיר איז ניט ליב זאָלסטו דיין חבר ניט טאָן."
„אויב איך וועל נאָר זאָרגן וועגן זיך, טאָ צו וואָס טויג איך?"
„איז ניטאָ קיין מעל — איז ניטאָ קיין תורה."

פֿאַרשטיי די ווערטער:

פֿאַרחלשט (פֿאַרכאַלעשט) — שוואַך, fainted
הנשיא (האַנאָסי) — דער פֿירער

שכר־לימוד (סכאַר־לימעד) — tuition fee
ישיבה (יעשיווע) — אַ העכערע שול

●

גוט מאָרגן — גוט יאָר!

— אַ גוט מאָרגן דיר, חיים!
— אַ גוט יאָר דיר, שרה? וואוהין לויפֿסטו?
— וואָס הייסט וואוהין? איך איל זיך אין שול אַריין. אַ גוטן טאָג דיר!
— גיי געזונטערהייט!

גוטן אָוונט — גוט יאָר!

— אַ גוטן אָוונט דיר, רבקה!
— אַ גוט יאָר דיר, שלמה! וואָס ווילסטו עפּעס זאָגן?
— איך האָב דיך געוואָלט פֿרעגן וויפֿיל איז דער זייגער.
— שוין עלף אַזייגער.
— שוין עלף אַזייגער? איז שוין טאַקע צייט צו גיין שלאָפֿן. אַ גוטע נאַכט דיר!

אַ ר ב ע ט: זעץ איבער פֿון ענגליש אויף יידיש:
Good evening, Good night, Good day, Good morning

איינצאָל			מערצאָל
דאָס לידל	— די לידלעך	דאָס לידעלע	— די לידעלעך
דאָס רעדל	— ________	דאָס רעדעלע	— ________
דאָס בעטל	— ________	דאָס בעטעלע	— ________
דאָס העמדל	— ________	דאָס העמדעלע	— ________
דאָס בלימל	— ________	דאָס בלימעלע	— ________

אַ ר ב ע ט: שרייב איבער אין העפֿט און שטעל צו די מערצאָל.



אַ בוים אין האַרבסט • ריטאַס

אַ גליקלעכע רייזע

• ה. רויזנבלאַט

סוף זומער, סוף זומער!
און אָט וועלן באַלד
שוין אָנהויבן פֿאַלן
די בלעטער אין וואַלד.

און ס׳וועט זיי פֿאַרקערן
דער ווינט — און אַ סוף!
חלומות אייך גוטע,
אַ פֿרידלעכן שלאָף!

סוף זומער, סוף זומער!
אָט נאָך אַ פּאָר טעג
און ס׳נעמען די פֿייגל
זיך קלייבן אין וועג.

און פֿוסט און פֿאַרלאָזן
אַ נעסט נאָך אַ נעסט.
אַ גליקלעכע רייזע
אייך, ליבינקע געסט!

די פאָן

• שלום עליכם

קינדער! איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה מיט אַ פאָן. ווי אַזוי איך, אַן אָרעמאַנס אַ יינגל, האָב באַקומען אויף שמחת תורה אַ פאָן, ווי שווער זי איז מיר אָנגעקומען און ווי גרינג איך האָב זי פאַרלאָרן.

האָבן אויף שמחת־תורה אַ פאָן, טאַקע וואָס אַ פאָן הייסט, אַ פאָן מיט אַ שטעקל, פון אויבן אַן עפל, אינעם עפל אַ ליכטל — דאָס האָט ביי מיר דעמאָלט אויסגעוויזן אַזאַ גליק, אַזאַ גליק, וואָס איך האָב גאָר מורא געהאַט אַפילו טראַכטן פון דעם. קאַרג גוטע זאַכן איז פאַראַן אויף דער וועלט? למאי ס'איז פאַראַן אַזעלכע יינגלעך אין חדר, וואָס פאַרמאָגן געלט אויף צו קויפן אַ מעסערל, אַ בייטעלע, אַ שטעקעלע? למאי ס'איז פאַראַן יינגלעך אַזעלכע, וואָס עסן אַלע טאָג קאָנפעקטן, קנאַקן ניסלעך? היינט איז פאַראַן אַזעלכע, וואָס עסן ווייסע בולקע אין דער וואָכן... אַזאַ מזל!

אוי, קינדערלעך! איך האָב קיין ווייסע בולקע אין דער וואָכן קיינמאָל נישט געגעסן! איך בין גערן געווען, אַז איך האָב געהאַט שוואַרץ ברויט צו זאַט, מחמת מיר זיינען געווען, נישט פאַר אייך געדאַכט, ביטערע אָרעמעלייט.

היינט ווער שמועסט האָבן ביי זיך אין קעשענע אַ קאָפּיקע, אַן אייגענע קאָפּיקע — דאָס האָט זיך מיר אַפילו ניט געחלומט. און שטעלט אייך פאָר, אַז איך, קאָפּל קוקאַריקו, ווער מיטאַמאָל אַ גביר און באַקום מיין אייגנס צוויי־און־צוואַנציק קאָפּיקעס!

דאָס איז געווען פּורים, האָט מיך דער טאַטע געשיקט, איך זאָל צעטראָגן דעם שלח־מנות צווישן די בעלי־בתים, און פון די גראָשנס, וואָס מען האָט מיר געשענקט פאַרן וועג, האָב איך געמאַכט אַ זיל־בערנעם פערציקער מיט פיר גראָשנס.

און ס'איז געבליבן, איך זאָל איבערלאָזן דאָס געלט אויף סוכות — זיך קויפן אַ פאָן.

גאָט האָט געהאָלפן, דער סוכות איז געקומען, און איך האָב מיר געקויפט אַ פאָן, אַ גרויסע, אַ געלע, אַ „צווייזייטנדיקע". פון איין זייט זיינען געווען אויסגעמאָלט צוויי חיות, וואָס האָבן געהאַט אַ פּנים פון קעץ, נאָר באמת זיינען זיי געווען לייבן, מיט אָפענע מיילער און מיט לאַנגע צונגען. אויף די צונגען ביי זיי זיינען געווען אָרויפגעטאָן פייפלעך. דאָס האָט איר ערשט איין זייט פון דער פאָן. אויף דער

אין סוכה • מאַרק שאַגאַל

אַנדערער זייט איז געווען נאָך שענער. דאָרטן זיינען געשטאַנען אויסגעמאָלט די פּאָרטרעטן פון משה מיט אהרונען, פּינקטלעך ווי לעבעדיקע.

באַקומען די פאָן, באַדאַרף מען קריגן אַ שטעקל צו דער פאָן. דאָ מוז מען שוין אָנקומען צו רב זיאַמע דעם סטאָליער.

— וואָס ווילסטו עפּעס זאָגן, טאַפּעלע טוטאַריטו?

— אַ שטעטל צו דער פאָן.

— וואָס הייסט — זאָגט ער — אַ שטעטל?

— אַ שטעטל — זאָג איך — פון אַ שטיטל האָלץ, מ'זאָל טאָנען טראָגן די פאָן.

רב זיאַמע טרייבט מיט מיר אַזוי לאַנג קאַטאָוועס, ביז איך צעוויין מיך. דעמאָלט ווערט ער ווייך, וואַרפט אַוועק אַלע אַרבעט, נעמט אַ שטיקל האָלץ, אַ שניץ אַהער, אַ שניץ אַהין — פאַרטיק.

אַריינגעזעצט די פאָן אינעם שטעקל, אויפגעפּאַסט אויפן שפּיץ אַ רויטן עפּל און אָנגעצונדן פון אויבן דאָס וואַקסענע ליכטל, לאָז איך מיך שמיני-עצרת אויף דער נאַכט אין שול אַריין, צו די הקפות, לעבעדיק-פריילעך, ווי אַ גליקלעכער פּרינץ, ווי אַ בן-מלך, וואָס קיינער איז צו אים ניט גלייך.

עס שטעלט זיך מיר פאָר, אַז איך בין שוין אין שול אויבן, אויף

דער מזרח-באַנק, מיט אַלע בעלי-בתּישע קינדער. די ליכט ברענען. מיין פאָן איז שענער פון אַלע פאָנען. מיין עפּל איז רויטער פון אַלע עפּל. מיין ליכטל איז גרעסער פון אַלע ליכטלעך.

— מזל-טוב! טאַפּעלע טוטאַריטו האָט אַ פאָן! שלום עליכם, אַ גוטער ייִד, אַ האַלבן פּנים אָפּגעבריט...

מיט אַזאַ ברייטן ברוך הבא האָבן מיך חבֿרה קונדייסים באַגעגנט, אַז איך בין געקומען אויפֿן שולהויף מיט מיין פאָן.

איך באַטראַכט אַלע פאָנען און וואַרף אַ קוק אויף מיין פאָן — ווער? וואָס? וועמען? ווי קומען זייערע פאָנען צו מיין פאָן?

ערשטנס, די פאָן אַליין. ביי קיינעם שטייט זי ניט אַזוי גלייך אַריינגעזעצט אין שטעקל, אַז מ׳זאָל אַרויסזען ביידע זייטן. ביי קיינעם איז ניטאָ אַזאַ גלייך, קיילעכיק, געטאָקט שטעקל. ביי קיינעם איז ניטאָ אַזאַ רויטער גלאַטער עפּל. ביי קיינעם איז ניטאָ אַזאַ שיין געראָטן ליכטל...

— אַנו, וויין נאַר! — רופט זיך אָן צו מיר יואליק דעם נגידס און בלייבט שטיין פאַרגאַפט.

ער באַקוקט מיין פאָן. איך באַקוק זיין פאָן. „אויך מיר אַ פאָן! — טראַכט איך מיר. — אויך מיר אַ שטעקל! אויסגעבויגן, גלייך ווי אַ קאָטשערע!“ איך זע, אַז ער איז אַ געקאָכטער, נאָר איך מאַך מיך ניט ווייסנדיק און קוק כלומרשט אָן אַ זייט.

— קאָפּל! — מאַכט ער צו מיר. — וואו האָסטו גענומען אַזאַ שיין שטעקעלע?

— האַ? — זאָג איך און דריי מיך אום צו אים מיטן פּנים.

— וואו האָסטו דערטאַפּט — זאָגט ער נאָכאַמאָל — אַזאַ טשאַקנדיק שטעקעלע?

— וואָס איז דען? — זאָג איך צו אים. — ווילסט זיך אפשר בייטן אויף דיין טשוואָק?

יואליק פאַרשטייט דעם שטאָך. ער טוט אַ גלאַנץ מיט די אייגלעך, אַ סמאָרע מיט דער נאָז, לייגט אַריין די הענט אין קעשענע און טרעט אָפּ. איך קוק אים נאָך און קוועל, עס קומט מיר צו אַ שטיק געזונט. איך זע, ווי ער רופט אָפּ נחמיהן מיטן קרומען פּיסל אָן אַ זייט און סודעט זיך מיט אים און ווינקט אויף מיר מיט די אויגן. איך זע גאַנץ גוט, נאָר איך מאַך מיך ניט ווייסנדיק. אין אַ מינוט אַרום גייט צו צו מיר נחמיה מיטן קרומען פּיסל, האַלט יואליקס פאָן מיטן קרומען שטעקל און רופט זיך אָן צו מיר:

— גיב מיר אָנצינדן דאָס ליכטל; מיינס האָט זיך פאַרלאָשן.

— ס'איז דען דיין פאָן? — זאָג איך צו אים און בויג אים אָן מיין פאָן מיט ליכטל. — איך ווייס דאָך וועמעס פאָן דאָס איז...

און איידער איך קוק מיך אַרום, טראָגט-צו נחמיה זיין אָנגעצונדן ליכטל צו מיין פאָן. מיין פאָן צינדט זיך אָן, טוט אַ פלאַקער, פּ-פּ-פו — אויס פאָן! —

ווען עס פאַלט אַראָפּ פון הימל אַ שטיין גלייך מיר אין קאָפּ אַריין, ווען אַ ווילדע חיה פאַלט אָן אויף מיר און וויל מיך פאַרצוקן — וואָלט מיין שרעק נישט באַדאַרפט זיין אַזוי גרוים, ווי בשעת איך האָב דערזען מיין נאַקעטן שטעקן מיט דער אָפּגעברענטער פאָן. עס האָט זיך אַרויסגעריסן ביי מיר פונעם האַרצן אַ געשריי:

— אוי וויי, מיין פאָן! מיין פאָן! מיין פאָן!

עס האָבן זיך אַ גאָס געטאָן טרערן פון מיינע אויגן. די גאַנצע וועלט איז פאַר מיר געוואָרן פינצטער. דאָס שטעקל מיטן עפּל מיטן ליכטל זיינען אַרויסגעפאַלן פון מיינע הענט, און איך האָב מיך געלאָזט גיין, איך ווייס אַליין ניט וואוהין. איך קום צוגיין אַהיים איינער אַליין, אָן אַ פאָן, און איך פאַרקלייב מיך אין אַ ווינקעלע, און דאָ, אין דער פינצטער, זיץ איך, דעם קאָפּ אַראָפּ צווישן די קניען, און וויין שטילערהייט, קיינער זאָל ניט זען, קיינער זאָל ניט הערן... — — — — —

נאָר אַזוי ווי ס'איז היינט ערב יום-טוב, און יום-טוב, בפרט שמחת-תורה, באַדאַרף מען זיין פריילעך, וויל איך אויסלאָזן די מעשה מיט מיין פאָן אויך פריילעך.

ערשטנס, זעט איר, אַז איך בין מיט גאָטס הילף ניט געשטאָרבן.

צווייטנס, זייט וויסן, אַז אויפן אַנדערן יאָר האָב איך געהאַט אַ פאָן נאָך אַ שענערע, מיט אַ שענער שטעקל, מיט אַ שענערן עפּל, און בין דווקא געווען אין שול גאַנץ אויבנאָן, אויף דער מזרח-באַנק, מיט אַלע בעלי-בתישע קינדער. די ליכט האָבן געברענט. מיין פאָן האָט געשיינט.

פאַרשטייט די ווערטער:

למאי (לעמאַי) — why

קאָנפעקטן — צוקערלעך

בולקע — ווייס ברויט, חלה (כאַלע)

טשוואָק — נאָגל

קאַטאָוועס — שפּאַס

קאָטשערע — oven-rake

טשאַקנדיק — splendid

שמיני-עצרת (שמיני-אַצערעס) — ערב שמחת-תורה (ערעוו-סימכעס-טוירע)

דער — דעם

דער אַלטער הונט	איך האָב ליב דעם אַלטן הונט.
דער ברייטער טייך	באַטראַכט נאָר — — טייך.
דער שטאַרקער אָדלער	איך באַוואונדער — — אָדלער.
דער שלעכטער נאַצי	איך האַס — — נאַצי.
דער רויטער עפּל	איך עס — — עפּל.
דער שאַרפֿער עסיק	קיינער קען ניט טרינקען — — עסיק.
דער פֿוילער תּלמיד	דער לערער האָט ניט ליב — — תּלמיד.
דער גרויסער עראָפּלאַן	זעסטו — — עראָפּלאַן?
דער קלוגער מאַן	האָסטו געהערט — — מאַן?
דער נייער אָנצוג	מעגסט שוין אָנטאָן — — אָנצוג.

אַ ר ב ע ט: שרייב איבער אין העפט און שרייב צו „דער" אָדער „דעם".

●

קענסטו לייענען און שרייבן די דאָזיקע העברייאישע ווערטער?

דור—דורות * חלום—חלומות * סוד—סודות * שכר לימוד
ארץ ישראל * שלום עליכם * חברה * הלל * ירושלים * שכל

●

דער ווערב ש ט י י ן געבויגן אין איצטיקער צייט

איינצאָל	מערצאָל
איך שטיי	מיר שטייען
דו שטייסט	איר שטייט
ער (זי) שטייט	זיי שטייען

אַ ר ב ע ט: בייג אַליין אין דער איצטיקער צייט די פֿאָלגנדיקע פֿינף ווערבן: לייענען, וויינען, קלייבן, גיין, קלאַפּן.

האַרבסט

• פּרץ מאַרקיש

אויסגעגאַנגען און פאַרשלעפּערט
איז דער גאָרטן, טויט און שטום;
שטייט אַ שמעטערלינג פאַרגליווערט
אויף אַן אָפּגעבליטער בלום.

נאָר אַ ווינטל רירט די פליגלעך,
גיט די בלימעלעך אַ דריי,
רייסט פון זיי זיך קליינע שטיקלעך,
נאָר דער בלום טוט שוין ניט וויי.
און אַ בין צו איר פאַרבלאָנדזשעט,
דורשטיק פון אַ ווייטן וועג,
מיד, פאַרברענט, ווי זי פאַרבראָנדזעט,
גיט אַ שמעק און פליט אַוועק...

פאַרשטיי די ווערטער:

שמעטערלינג — זומער־פייגעלע, butterfly

פאַרגליווערט — אומבאַוועגלעך

פאַרבראָנדזעט — bronzed

דער קליינער איבערשרייבער

ד׳אַמיטשים •

ער איז געווען אַ שילער אין פערטן קלאַס אין אונדזער פאָלקשול, אַ שלאַנקער צוועלף־יאָריקער ייִנגל מיט פעך־שוואַרצע האָר און מיט אַ בלאַס פּנים, דער עלטסטער זון אין דער משפּחה. זיין פאָטער האָט געאַרבעט אויף דער באַן. ער האָט זייער ווייניק פאַרדינט און געהאַט אַ גרויסע פאַמיליע און פון זיינע פאַרדינסטן איז געווען קוים אויף צו לעבן. ער האָט זייער ליב געהאַט זיין זון, און פלעגט אים אַלץ נאָכ־געבן. אָבער וועגן זיין לערנען זיך אין שול איז ער געווען זייער שטרענג, און געפאָדערט, אַז זיין זון זאָל זיין דער בעסטער שילער, כּדי נאָך דעם, אַז ער וועט ענדיקן, זאָל אים גרינגער זיין אָנצוקומען אויף אַ שטעלע און העלפן דער פאַמיליע.

דער פאָטער איז געווען אַ קראַנקער מענטש, די שווערע אַרבעט האָט אים אויך געעלטערט פאַר דער צייט. פון דעסטוועגן האָט ער נאָך, אויסער זיין שטענדיקער שווערער אַרבעט אויף דער באַן, געזוכט פּריוואַטע אַרבעט אַהיים צו נעמען, כּדי צו פאַרגרעסערן זיינע פאַר־דינסטן און קאָנען אויסהאַלטן זיין פאַמיליע. איינגעבויגן אין דרייען, פלעגט ער ביז שפּעט אין דער נאַכט אָפּזיצן איבער דער דאָזיקער אַרבעט.

פאַר דער לעצטער צייט האָט ער געקראָגן אַרבעט אין אַ פאַרלאַג, וואָס פלעגט אַרויסגעבן פאַרשיידענע ביכער און זשורנאַלן. ער האָט געדאַרפט אָנשרייבן די אַדרעסן פון די אַבאָנענטן, נאָר די דאָזיקע אַרבעט האָט אים זייער אויסגעמאַטערט, און ביים מיטאָג פלעגט ער זיך אָפּט קלאָגן:

— די ביינאַכטיקע אַרבעט דערגייט מיר די יאָרן. די אויגן ווערן מיר קאַליע.

איין מאָל האָט זיך דער ייִנגל אָנגערופן:

— ווייסט וואָס, טאַטע, איך וועל דיר העלפן שרייבן. דו ווייסט דאָך, אַז איך קען שרייבן פּונקט אַזוי ריין און קלאָר ווי דו.

נאָר דער פאָטער האָט אים געענטפערט:

— ניין, דו דאַרפסט זיך לערנען. דיינע לימודים זיינען מיר אַ סך וויכטיקער ווי שרייבן די אַדרעסן. איך דאַנק דיר זייער, נאָר איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט זיך אַפילו אויף אַ האַלבע שעה אָפּרייסן פון לערנען.

דער ייִנגל האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ער וועט גאָרנישט אויס־פירן און ער האָט שוין אַפילו וועגן דעם מער קיין וואָרט נישט גערעדט.

נאָר אַט וואָס ער האָט געטאָן: איינמאָל ביינאַכט האָט ער אויס־געוואַרט, ביז דער פּאָטער האָט זיך געלייגט שלאָפן, האָט ער זיך אין דער שטיל אָנגעטאָן און, טאַפּנדיק אין דער פינצטער, איז ער אַריין אין קאַבינעט, אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און זיך געזעצט צום שרייב־טיש. אויפן טיש איז געלעגן אַ פּאַק קאָנווערטן און דאָס צעטל פון די אַבאָנענטן. דער יינגל האָט גענומען שרייבן די אַדרעסן, געפּלייסט זיך דערביי נאָכצומאַכן דעם פּאָטערס האַנטשריפט. ער האָט געשריבן גיך און מיט גרויס פאַרגעניגן, נאָר מורא געהאַט, מ'זאָל אים נישט כאַפּן ביי דער אַרבעט. די צאָל פון די אָנגעשריבענע אַדרעסן איז אַלץ געוואַקסן. פון צייט צו צייט פלעגט ער אָוועקלייגן די פּען און רייבן איין האַנט אין דער אַנדערער און נאָכדעם זיך ווידער נעמען נאָך מיט מער פלייס צו דער אַרבעט, צוהערנדיק זיך צום מינדסטן שאָרך און צושמייכלענדיק בשעת מעשה. און אַט זיינען שוין פּאַרטיק הונדערט פופציק אַדרעסן. ערשט איצט האָט ער אָוועקגעלייגט די פּען אויפן זעלביקן אָרט, וואו זי איז פריער געלעגן, אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ און איז אויף די שפּיץ פינגער אָוועק צוריק אין בעט אַריין.

אויף מאָרגן, ביי מיטאָג, איז דער פּאָטער געווען זייער אויפ־געלייגט. ער האָט גאָרנישט ניט באַמערקט. ער האָט זיך געזעצט צום טיש, אַ קלאַפּ געטאָן דעם זון איבער דער פּלייצע און פריילעך אויס־גערופן:

— נו, דזשוליאַ, נישט געזאָרגט! דיין טאַטע איז נאָך אַן אַר־בעטער, נישט צו פאַרזינדיקן! נעכטן ביינאַכט האָב איך אין צוויי שעה אָנגעשריבן אַדרעסן מיט אַ דריטל מער ווי געוויינלעך; די האַנט, הייסט עס, אַרבעט נאָך גאַנץ נישקשהדיק און די אויגן — אויך, גאָט צו דאַנקען!

דזשוליאַ האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר ער האָט זיך זייער געפרייט און זיך געטראַכט: „אָרעמער טאַטע, אי דאָס פאַרגרעסערט זיין איינגאַמע, אי ער מיינט נאָך, אַז ס׳קומען אים צו פרישע כחות — און עס טוט אים הנאה!... נו, הייסט עס, אַז מען מוז ווייטער אַרבעטן!"

דאָס האָט אים צוגעגעבן נאָך מער מוט און, ווי דער זייגער האָט געשלאָגן צוועלף איז ער אויפגעשטאַנען און זיך געזעצט אַרבעטן. און אַזוי האָט ער געטאָן אַלע נאַכט. דער פאָטער האָט גאָרנישט באַמערקט; בלויז איינמאָל, ביי דער וועטשערע, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— אַ מאָדנע זאַך! די לעצטע צייט גייט ביי אונדז אַוועק אַ סך מער נאַפט ווי אַלעמאָל!

דזשוליאַ האָט אַ ציטער געטאָן. נאָר מיט דעם האָט זיך דער שמועס געענדיקט און די נאַכט-אַרבעט איז זיך געגאַנגען ווי געווען.

נאָר איצט האָט דזשוליאַ נישט געהאַט די מעגלעכקייט זיך אויסצושלאָפן ווי עס באַדאַרף צו זיין. אינדערפרי פלעגט ער אויפשטיין אַ מידער, אַ צעבראָכענער, און אין אָוונט, צוגרייטנדיק די לעקציעס, האָט ער קוים געקאָנט בייקומען דעם שלאָף. די אויגן פלעגן זיך ביי אים קלעפּן, ער פלעגט אָפּט איינשלאָפן אין מיטן לערנען, אויפשטיין שפּעטער ווי תמיד, די לעקציעס אָפּפּאַטערן אויף גיך און בכלל זיך געלערנט אַ סך ערגער ווי ביז איצט.

דעם פאָטער האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן און ער האָט אים אָנגעהויבן מוסרן און זאָגן האַרבע ווערטער.

דזשוליאַ האָט זיך דערויף גאָרנישט געריכט און ער האָט זיך שטאַרק פאַרלאָרן.

„יאָ, — האָט ער זיך געטראַכט, — מער דאַרף מען עס טאַקע נישט טאָן. מ׳דאַרף עס אַוועקוואַרפן און גענוג!" נאָר אין דעם זעלביקן טאָג נאָך האָט דער פאָטער מיט פרייד געזאָגט:

— איר ווייסט, היינטיקן חודש האָב איך פאַרדינט מיט צוויי און דרייסיק לירעס מער ווי אַלע מאָל! — און ביי די ווערטער האָט ער אַרויסגענומען פון טיש-קעסטל אַ שאַכטל צוקערקעס און מכבד געווען די קינדער. די קינדער האָבן פון גרויס שמחה אַזש אָנגעהויבן צו פּאַטשן מיט די הענט.

און דזשוליאַ האָט זיך געטראַכט: „ניין מיין ליבער טאַטע, איך וועל ווייטער טאָן מיין אַרבעט! איך וועל זען זיך בעסער לערנען, אָבער ביינאַכט וועל איך אַרבעטן ווי געווען."

און אַזוי זיינען אַריבער נאָך צוויי חדשים פון שווערער ביינאַכטיקער אַרבעט און בייטאָגיקער אויסגעמאַטערטקייט, צוויי חדשים

פון געפערלעכער אַנגעשטרענגטקייט פונעם זון און פון ביטערע שטראָף־רייד פון פאָטער. נאָר ערגער פאַר אַלץ איז פאַר דזשוליאַן גע־ווען, וואָס דער פאָטער איז געוואָרן אָפּגעקילט צו אים און כמעט מיט אים ניט גערעדט. דאָס האָט נאָך שטאַרקער געווירקט אויפן ייִנגל, און ער איז געוואָרן נאָך אָפּגעצערטער און בלאַסער.

איינמאָל אין אָוונט ביי דער וועטשערע האָט די מוטער אויף אים אַ קוק געטאָן און ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ער זעט אוים זייער שלעכט.

— דזשוליאַ, ביסט קראַנק? — האָט זי געפרעגט, און, ווענדנדיק זיך צום מאַן, האָט זי מיט אומרואיקייט געזאָגט:

— ס'קינד איז, ווייזט אוים, קראַנק. גיב נאָר אַ קוק, ווי ער איז בלייך. וואָס איז דיר, דזשוליאַ?

נאָר דער פאָטער האָט קוים אַ קוק געטאָן אויף אים און געזאָגט:

— זיין געוויסן איז נישט ריין, אָט פאַרוואָס ער פילט זיך נישט גוט. בעת ער איז געווען אַ וואויל ייִנגל און זיך געלערנט גוט, האָט ער זיך קיינמאָל נישט געפילט שלעכט.

— אָבער ער איז דאָך קראַנק! — האָט די מוטער אויסגעשריען.

— ע, וואָס גייט ער מיך איצט אָן! — האָט דער פאָטער זיך אָפּגערופן.

די דאָזיקע ווערטער האָבן געטראָפן דזשוליאַן ווי מיט אַ מעסער אין האַרצן...

„וואָס גייט ער מיך איצט אָן... און פריער פלעגט ער אויפּציטערן, אַז איך האָב אַ הוסט געטאָן. הייסט עס, אַז ער האָט מיך שוין נישט ליב...“

„אָ, ניין, טאַטע! — האָט דזשוליאַ ווייטער צו זיך גערעדט, פילנ־

דיק, אַז דאָס האַרץ ווערט אים צעריסן פון ווייטיק. — איצט וועל איך שוין אוועקוואַרפן די נאַכט־אַרבעט... אָן דיין ליבע קאָן איך נישט לעבן! איך וויל, דו זאָלסט מיך ליב האָבן ווי פריער און איך וועל דיך שוין מער נישט נאַרן; איך וועל זיך לערנען ווי פריער, נאָר דו מוזט מיך ליב האָבן ווי ביז אַהער. אָ, איצט האָב איך זיך שוין באַשלאָסן און אַזוי וועט דאָס זיין!"

נאָר פונדעסטוועגן האָט ער זיך ביינאַכט פאָרט אויפגעכאַפּט, אַריין אין קאַבינעט, אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און זיך ווידער גענומען צום שרייבן. דער פּאַק אָנגעשריבענע קאָנווערטן איז אַלץ מער געוואַקסן. און ער איז געזעסן און געשריבן און געשריבן.

און אין דער דאָזיקער צייט איז דער פאָטער געשטאַנען הינטער זיין פּלייצע. ער האָט זיך גראָד אויפגעכאַפּט און, דערזעענדיק פייער אין קאַבינעט, האָט ער זיך אויף די שפּיץ פינגער צוגעגנבעט צו דעם זון. זיין גרויער קאָפּ האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער דזשוליאָס שוואַרץ קעפּל. ער האָט דערזען, ווי גיך עס באַוועגט זיך זיין האַנט, שרייבנדיק איין אַדרעס נאָכן אַנדערן, און ער האָט גלייך אַלץ פאַר־שטאַנען... אַ ביטער געפיל פון חרטה און ליבער צערטלעכקייט האָט אים אַרומגענומען און ער איז געבליבן שטיין ווי אַ פאַרגליווערטער לעבן שטול, וואו זיין יינגל איז געזעסן. פּלוצלונג האָט דזשוליאָ אַ פאַרציטערטער אַ געשריי געטאָן, דערפילנדיק אַז צוויי הענט נעמען אים אַרום...

— אָ, טאַטע, טאַטע! זיי מיר מוחל, זיי מיר מוחל! — האָט ער אויסגעשריען, דערזעענדיק לעבן זיך דעם פאָטער.

— ד ו דאַרפסט מ י ר מוחל זיין! — האָט דער פאָטער גע־ענטפערט, וויינענדיק און באַדעקנדיק זיין קאָפּ און זיין שטערן מיט קושן. — איך פאַרשטיי שוין אַלץ, איך ווייס שוין אַלץ... און איך בעט דיך, דו זאָלסט מיר מוחל זיין, מיין טייער קינד! קום, קום מיט מיר!

און ער האָט אים צוגעפירט, ניין, גיכער צוגעטראָגן אויף די הענט צו דער מוטערס בעט און האָט איר געזאָגט:

— נעם אַרום און גיב אַ קוש אונדזער טייער קינד!... דריי חדשים נאָכאַנאַנד, אַז ער שלאָפט נישט דורך די נעכט, אַרבעטנדיק פאַר מיר, און איך האַלט נאָך אין איין זידלען אים דערפאַר, וואָס ער פאַרדינט אונדז ברויט צו עסן.

די מוטער האָט אים צוגעדריקט שטאַרק צום האַרצן ,נישט גע־קענט אַרויסברענגען אַ וואָרט פון איר מויל. ערשט שפּעטער אַביסל האָט זי זיך קוים באַרואיקט און געזאָגט:

— גיי, לייג זיך שלאָפֿן, מיין קינד! נו, גיכער שוין, גיי רו זיך אוים!

און דזשוליאַ, אַ מידער, אַן אויסגעמאַטערטער, איז באַלד איינגעשלאָפֿן און איז עטלעכע שעה דורכאַנאַנד געשלאָפֿן אַזוי רואיק ווי שוין לאַנג נישט. עס האָבן זיך אים געחלומט אַזעלכע שיינע חלומות...

און אינדערפֿרי, אַז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז די זון שוין געווען אויפֿגעגאַנגען, און דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערפֿילט און נאָכדעם דערזען לעבן זיך אויפֿן קישן, איז געווען דער גרויער קאָפּ פֿון זיין פֿאָטער, וואָס איז געשלאָפֿן, זיך צוטוליענדיק צו זיין זון...

פֿאַרשטייט די ווערטער:

מכבד זיין — to treat
אָפּגעצערטער — דאַר, אַראָפּ פֿון פּנים
מוחל זיין — פֿאַרגעבן
פֿאַרלאַג — publishing-office
אַבאָנענטן — סובסקרייבער

קאַליע — spoiled
לימודים — געגנשטאַנדן, subjects
געפּלייסט — געאַרבעט מיט חשק (כיישעק)
נאַפֿט — coal-oil

●

דער ווערב קלייבן געבויגן אין דער פֿאַרגאַנגענער צייט

איינצאָל	מערצאָל
איך האָב געקליבן	מיר האָבן געקליבן
דו האָסט געקליבן	איר האָט געקליבן
ער (זי) האָט געקליבן	זיי האָבן געקליבן

אַרבעט: בייג אַליין אין דער פֿאַרגאַנגענער צייט די פֿאָלגנדיקע פֿינף ווערבן: עסן, פֿאַסטן, הונגערן, פֿאַרגעסן, געדענקען.

●

קענסטו לייענען און שרייבן די דאָזיקע העברייאישע ווערטער?

נגיד-נגידים * מתנה-מתנות * שכן-שכנים * בחור-בחורים
חלילה * אפשר * בשעת * שעה * כדאי * כדי

מערצאָל			איינצאָל		
די שטייגן	—	די שטייג	די ווינטן	—	דער ווינט
———	—	די צווייג	———	—	די זייט
———	—	די בריק	———	—	די צייט
———	—	די פליג	———	—	די ציג
———	—	דער זיג	———	—	דאָס גליק

אַ ר ב ע ט: שרייב איבער אין העפט און שרייב צו די מערצאָל.

●

גוט יום טוב — גוט יאָר!

— אַ ג ו ט י ו ם ט ו ב דיר, דוד!

— אַ ג ו ט י אָ ר דיר, רייזל! זייַ אַביסל!

— אַ ד אַ נ ק, אָבער איך וויל אַריינלויפן זאָגן „ג ו ט י ו ם ט ו ב" צו אונדזער לערערין. האָב זשע מיר טאָקע אַ ג ו ט ן י ו ם ט ו ב!

— אַ ג ו ט ן י ו ם ט ו ב דיר אויך. ג י י ג ע ז ו נ ט ע ר ה י י ט!

אַ גאַסט איז געקומען

— ב ר ו ך ה ב אָ! אַ גאַסט איז געקומען! נאַ דיר אַ ש ל ו ם ע ל י כ ם!

— ע ל י כ ם ש ל ו ם! וואָס-זשע מאַסטו עפּעס?

— אַ ד אַ נ ק. זעץ זיך אַוועק. ווילסטו עפּעס עסן, טרינקען?

— ניין, אַ ש י י נ ע ם ד אַ נ ק, איך האָב שוין געגעסן און געטרונקען.

אַ ר ב ע ט: שרייב אַרויס די באַגריסונג-ווערטער און מאַך אַליין זאַצן מיט די דאָזיקע ווערטער.

דאָס — דאָס

דאָס קליינע קעצל	איך טראָג דאָס קליינע קעצל.
דאָס פֿאַרשימלטע ברויט	איך עס ניט ——— ——— ברויט.
דאָס רויע פֿלייש	ווער קען עסן ——— ——— פֿלייש?
דאָס אומריינע העמד	ווילסט אָנטאָן ——— ——— העמד?
דאָס ברוינע הינדל	גיי, כאַפּ ——— ——— הינדל.

אַ ר ב ע ט: שרייב איבער אין העפט און שטעל צו דעם אַרטיקל.

שקאַצערייַ

• פאַרקירצט לויט ח. נ. ביאַליק

פ ע ר ז אָ נ ע ן: דאָס יינגל; דער זייגער;
דער שרייבער; דער תּלמיד; די טיר;
דער עמער; די גאַס; אַ הונט און לעקיש
— אַ קאַץ.

ד אָ ס י י נ ג ל:

אוי, ווי גוט און זיס, אוי, אוי,
ליגן אייביק אָט-אַזוי
און די אויגן צוגעמאַכט —
חלומען פון פרי ביז נאַכט!
כ'האָב ערשט איצט געזען אין שלאָף,
ווי אַ ציג, צי גאָר אַ שאָף,
שפרינגט אויף טישן און אויף בענק...
נאָר דער זייגער — אים אַ קרענק —
האָט אַ קלונג געטאָן דערבײַ.
וואָס-זשע, זייגער, קלינגסטו דאָרט?
זאָג מיר, רעד אַרויס אַ וואָרט!

ד ע ר ז י י ג ע ר:

קלין-קלון! קלין-קלון! פוילער זון!
אין הימל שטייט שוין הויך די זון,
די וועלט איז אויפגעוואַכט שוין לאַנג,
גענוג דיר ליגן — קלין, קלון, קלאַנג!

ד אָ ס י י נ ג ל:

זייגער, פּגר, לאַנגע צונג!
דו ביסט אַלט און איך בין יונג.
איצט דערמאָן איך מיך: די שאָף
האָט צו מיר גערעדט אין שלאָף...
כ'געדענק נישט, וואָס געזאָגט מיר,
ווייל דיר טיר — קדחת איר —
האָט אַ סקריפּ געטאָן דערבײַ...

איצטער וואָלט געווען כדאי
וויסן, וואָס עס וויל די טיר,
וואָס זי דברט דאָרט צו מיר?

טיר:
אוי, סקריפּ־סקראָפּ! אוי, פּוסטער קאָפּ!
ביז וואַנען ליגן ווי אַ סנאָפּ?
דיין טאַטע איז אין גאַס אַוועק,
דאָס לעבן קאָכט פון עק ביז עק.

דאָס יינגל:
אוי בן פּיקחאָליץ, שוטה־טיר!
גלייכסטו מיין טאַטן גאָר צו מיר?
ער דאַרף אַרבעטן אַצינד,
אָבער איך בין נאָך אַ קינד —
וועל איך טאַקע נאָך אַ שעה
ליגן, דרימלען אָט־אָ־דאָ!
אָט אַזוי... היינט וואָס אין שלאָף
האָב געענטפערט איך דער שאָף?
יאָ, געזאָגט האָב איך צו איר:
מי, מי, מי... אוי, מיר פאַר דיר!
פלוצלונג — טראַך! אַ רויש מיט כעס
לאָזט זיך הערן פון דער גאַס:
רעדער קלאַפּן דאָרט — טראַך־טראַך!
כ׳וויל פאַרשטיין די גאַסנשפּראַך.

גאַס:
טראַך־טראַראַראַך! נישט טראַכט קיין סך!
די גאַנצע וועלט אַרום איז וואַך.
שטיי אויף, דו יונג, פון בעט אַראָפּ
און טו זיך אָן און וואַש זיך אָפּ!

דאָס יינגל:
טראַך־טאַראַך! טראַך־טאַראַך!
קאַץ געפלויגן איבער דאַך...
ניין, איך קען נישט ליגן מער,
יעדער אבר איז מיר שווער..
בעסער מאַכן מיט אַ האָר

פון דעם ליפּ אַ ווײַנשל גאָר,
אַט אַזוי . . . אַצינד די באַק
אָנבלאָזן — און טאָן אַ קנאַק . . .
איצטער האַווקען: האַוו, האַוו, האַוו!
ווי דעם שכנס הינטל בראַוו . . .

ש ר ײַ ב ע ר:
און באַווײַזן שײנע שטיק
האָט דער קונדעס — אַן אַנטיק:
האָט געמעקעט ווי אַ ציג
און געזשומעט ווי אַ פֿליג . . .

ד ע ר ת ל מ י ד:
נו, און טאַטע־מאַמע וואָס?
האָבן זײ פֿאַרשוויגן דאָס?

ש ר ײַ ב ע ר:
פֿרעג ניט, נאַרעלע, די מאַמע
איז אַוועק אין מאַרק מסתמא,
און דער טאַטע זײַנער — גײט
אין פֿאַבריק צי גאָר אין קלײט
(ווײַל פֿון וואַנען און פֿון וואָס
וועט מען נעמען דאָס און דאָס:
קלײדער, שיכלעך, מילך, אַן אײ,
פּוטער, קיכלעך, צוקער, טײ,
העמדלעך ביכלעך, פֿלײש, קאָמפּאָט,
אַלץ און אַלץ, וואָס איר נאָר האָט, —
אַז דער טאַטע — ווײס־זשע, ווײס —
וועט נישט האָרעווען אין שווײס?)
איז קײן וואונדער נישט דאָרום
אַז אַ בחורל ווי ער
שפּרינגט אַ נאַקעטער אַרום
און מאַכט קונצן פֿון אַ בער . . .
נו, בקיצור, הער דעם סוף:
אין דער צײַט, וואָס אונדזער העלד
שרײַט און שפּרינגט און קערט אַ וועלט,
זאָגט צו לעקישן דער הונט:

מזל-טוב אונדז ביידע, פריינט !
נישט קיין שלעכטער טאָג איז היינט.
אוי, באַטראַכט נאָר, שוועסטער קאַץ :
זעסטו דאָרטן אויף דער טאַץ
ברויט מיט פוטער צוגעגרייט ?
נו, און ווייטער, זעסטו, שטייט
מילך אַ קריגל, ווייס און קלאָר —
זאָל איך האָבן אַזאַ יאָר !
טרעף אָקאָרשט-זשע, וואָס איז דאָס ?
כ׳לעבן, שאָקאָלאַד אַ גלאָז !
אַי, אַ סעודה, אַי, אַ פרייד !
און פאַר ועמען, זאָג-זשע מיר,
איז דאָס אַלץ דאָרט צוגעגרייט ?
האַלב פאַר מיר און האַלב פאַר דיר !

— — — — — — — — — — —

אָך און ווי צום טעלער פוטער,
ווען אַ קעצל ווערט זיין מוטער
און דער הונט אַ פריינט אַ גוטער . . .

— — — — — — — — — — —

דאַרף דער טאַטע שטילערהייט
קומען גראָד אַהיים פון קלייט,
ר׳איז געבליבן שטיין אין טיר,
נישט געקענט זיך טאָן אַ ריר . . .

ת ל מ י ד :

און דער סוף ?

ש ר י י ב ע ר :

דער סוף ? איי-איי !
איז נישט פריילעך און נישט ניי.
נישט פאַר דיר געדאַכט — אָך, אָך !
אַזאַ חרפּה, אַזאַ בראָך . . .
ס׳איז אַ מעשה מיט אַ רוט
און מיט שמיצלעך . . . ניין, נישט גוט,
ס׳איז נישט שיין פאַר לייט און גאָט
אויסזאָגן אַ פרעמדן סוד.
בעסער — מער דערפון קיין וואָרט,

נאָר — אויב וויסן ווילסטו פאָרט,
טו אַ פרעג די רוט אַליין,
וועט זי דיר דערציילן שיין,
ווי די מעשה איז געשען . . .
איינס נאָר קען איך זאָגן נאָך —
וואָס געווען איז שוין דערנאָך.
גאַנצע דריי טעג נאָכאַנאַנד
האָט פאַר חרפה און פאַר שאַנד
נישט געוואָגט דער „קאָמעדיאַנט“
נעבעך אויפהויבן דעם קאָפּ.

פאַרשטיי די ווערטער:

דברט (דאַבערט) — רעדט　　　שנאה (סינע) — פיינטשאַפט, האַס

סינאָנימען		אַנטאָנימען
טיפש, נאַר	כדאי	צעטיילן, אַוועקגעבן פויל
מיד	קאָמיש	אויסגערוט
איינגעהויקערט	רויש	אומנויטיק
קאַרגן	שוטה	טראַגיש
אַ פאַרגעניגן	מזל	שטילקייט
טיכטיק, אַרבעטזאַם	אַ מחיה	גלייך, אויסגעגלייכט
טומל	זשאַלעווען	אַ האַרצווייטיק
לעכערלעך, וויציק	איינגעבויגן	שלימזל
רעכט, גוט, נויטיק	אויסגעמאַטערט	חכם, קלוגער
גליק, הצלחה	פלייסיק	

אַ ר ב ע ט: אַלע ווערטער פון דעם מיטלסטן קאָלום האָבן אי סינאָנימען אי אַנטאָנימען: זיי זיינען צעוואָרפן און מען דאַרף זיי צופּאַסן צו די ווערטער פון דעם רעכטן און ליבקן קאָלום.

ר י י ז ע ל ע

• אברהם רייזען

1.

אַז די אַכט־יאָריקע רייזעלע שטייט אויף אין דער פרי, רייבט זי אויס די פאַרשלאָפענע אויגן, קוקט זיך אום אין אַלע פיר ווינקלעך פון דעם קליינעם שטיבל און זוכט עפּעס.

זי זוכט די מאַמע. נאָר די מאַמע איז שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען אין מאַרק מיטן קויש עפּל און רייזעלע זיפצט אָפּ:

— אַזוי גיך איז זי שוין אַוועקגעגאַנגען!

פויל טוט זי אָן דאָס אַלטע צעריסענע קליידעלע, וואַשט זיך און געפינט עפּעס אַ שמאַטע, ענלעך צו אַ האַנטעך, און ווישט זיך אָפּ. זי דערמאָנט זיך, אַז די מאַמע האָט אַ גאַנצע נאַכט געהוסט. זי האָט איר דערלאַנגט קאַלט וואַסער מיט אַ שטיקל צוקער, נאָר עס האָט ניט געהאָלפן. די מאַמע האָט אויף איר עפּעס אַזוי מאָדנע געקוקט...

— זי איז שוין געזונט — טרייסט זיך רייזעלע — אויב ניט, וואָלט זי דאָך אין מאַרק ניט געגאַנגען.

זי גייט צו צום טיש און געפינט דאָרט גרייט פאַר איר אָנבייסן — אַ שטיקל ברויט, און אַ ביסל מילך אין אַ צעבראָכן גלאָז.

אַז זי עסט אָפּ, ווערט איר אומעטיק. זי בעט גאָט, עס זאָל פינצטערלעך ווערן און די מאַמע זאָל שוין קומען. זומער קען זי זיך נישט איינהאַלטן און לויפט אין מאַרק זען וואָס מאַכט דאָרט די מאַמע. ווינטער אָבער פלעגט רייזעלע דאָס פאַרגעניגן אויך ניט האָבן. קיין שיך האָט זי קיינמאָל ניט געהאַט און לויפן אין מאַרק אַ באָרוועסע איז קאַלט. די מאַמע זאָגט, מען קען זיך פאַרקילן און שטאַרבן. און שטאַרבן, האָט זי געוואוסט, איז זייער אַ שלעכטע זאַך. דעריבער היט זי זיך און זי זיצט ווינטער אַ גאַנצן טאָג אין שטוב און וואַרט ביז וואַנען עס ווערט פינצטער, ווען די מאַמע דאַרף קומען.

— שוין פינצטער! — גייט זי צו אַלע ווײַלע צום פענצטער — באַלד, באַלד קומט זי.

און אַז אין קליינעם שטיבעלע ווערט שוין די פינצטערניש געדיכט, און רייזעלע קען שוין ניט זען וואָס אַרום איר געפינט זיך, אויסער דעם אויוון, וואָס די מאַמע האָט ניט לאַנג אָפּגעקאַלכט, דעמאָלט דערהערט זי אַ קלאַפּ אין טיר. איר הערצל שפּרינגט שיר נישט אַרויס פאַר שמחה און זי צעזינגט זיך:

— די מאַמע גייט, די מאַמע גייט!



די מאַמע קומט אַריין אַ פאַרפרוירענע, שטעלט אַוועק דעם קאַשיק לעבן טיר און רופט אויס:

— וואו ביסטו, רייזעלע?

— אָט בין איך, מאַמע, דאָ לעבן בעט — צינד אָן פייער.

די מוטער רייבט אָן אַ שוועבעלע און צינדט אָן דאָס לעמפּל. אַ שוואַכע שיין באַלייכט דאָס שטיבל.

— מאַמע, וועטשערע וועסטו קאָכן?

— ווי דען? — ענטפערט די מוטער — ביסט אַוודאי אַ הונ־געריקע.

— ניין! איך וויל גאָרניט עסן, דו ווילסט דאָך אָבער.

— איך וויל אויך ניט. איך האָב אויפן מאַרק געקויפט אַ האַלב פונט ברויט און געגעסן מיט אַ צעפוילטן עפל — אַ מחיה!

די מוטער לייגט פונאַנדער אַ פייער. אַז עס ברענט זיך פונאַנדער, שטעלט זי צו אַ טעפל וואַסער און זעצט זיך אַוועק מיט רייזעלען. רייזעלע קוקט דאָ אויפן פייער, דאָ אויף דער מאַמען און עס איז איר אַזוי גוט, אַזוי וואַרעם.

דאָס טעפל וואַסער הייבט פריילעך אָן זידן. די מוטער פאַרקאָכט אַ ביסל גרויפּן און אין אַ האַלבער שעה עסן זיי ביידע די וועטשערע.

ביי די ערשטע צוויי לעפל פאַרהוסט זיך די מוטער. רייזעלע הערט אויף צו עסן און וואַרט ביז וואַנען די מאַמע וועט זיך אויסהוסטן. די מאַמע וויל איר זאָגן, זי זאָל נישט וואַרטן און עסן, נאָר דער הוסט וואַרגט זי און זי קען אַ וואָרט ניט אויסרעדן.

— מאַמעלע, גענוג צו הוסטן — בעט זיך די קליינע רייזעלע מיט טרערן.

— דו זשאַלעוועסט מיר? — פרעגט די מוטער נאָכן אויסהוסטן זיך, גלעטנדיק רייזעלען איבערן קעפעלע.

2.

רייזעלע איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר.

עס איז זומער געווען. דורך די קליינע פאַרשטויבטע שייבעלעך האָבן זיך שטראַלן פון דער זון ווי מיט געוואַלד אַריינגעשפּאַרט אין שטיבל, און זיי זיינען געפאַלן אויף רייזעלעס פּנים. עס האָט זי געצויגן אויף דער גאַס, נאָר וואָס וועט זי דאָרט טאָן? אַלע מיידלעך אין אירע יאָרן גייען אין פיינע קליידעלעך, און זי האָט אַפילו קיין שיך נִיט. אַלע שעמען זיך מיט איר. איין חברטע האָט זי נאָר — די מאַמע! זי איז אַזאַ גוטע, אַזאַ גוטע!

און אַ באָרוועסע, אין אַן אַלט צעריסן קליידעלע לויפט זי גלייך אַוועק צו דער מאַמען.

אַ זיצערין פון קעגן איבער באַטראַכט רייזעלען מיט דורכדרינגענ־דיקע בליקן און רופט זיך אָפּ:

— דו ווייסט, כיענע, אַז דיין רייזעלע וואַקסט קיין עין הרע.

— זאָל נאָר אַזוי איר מזל וואַקסן! — זיפצט אָפּ כיענע, קוקנדיק מיט פייכטע אויגן אויף איר קליין דאַר טעכטערל.

רייזעלע קען נישט פאַרטראָגן דער זיצערינס בליקן, אויף איר בלייך פּנים באַווייזן זיך אַ פּאָר רויטלעכע פלעקן און זי ווערט נאָך שענער. די זיצערין רעדט וויטער:

— ווייסט, כיענע, האָסט געדאַרפט עפּעס אָנהויבן זאָרגן פאַר איר. עס איז קיין תכלית ניט. פאַרוואָס זי ניט אַוועקגעבן אויף אַ שטעל? קיין יחוס איז היינטיקע צייטן ניטאָ.

כיענע מיט רייזעלען האָבן זיך איבערגעקוקט,ביידע זיינען בלאַס געוואָרן. זיי האָבן שטרענג אַ קוק געטאָן אויף דער זיצערין, ווי זיי וואָלטן פאַרגעוואָרפן:

— גזלנטע, ווילסט אונדז צעשיידן!

רייזעלע איז שוין פון דער מאַמען ניט אַוועקגעגאַנגען. זי האָט געוואַרט ביז עס איז פינצטער געוואָרן און זיי זיינען ביידע אַהיים געגאַנגען; אויפן וועג האָבן זיי צווישן זיך ניט גערעדט, ווי זיי וואָלטן פלוצים שטום געוואָרן.

אַז זיי זיינען געקומען אין שטיבל, איז שוין פינצטער געווען. רייזעלע האָט אָנגעצונדן פייער און האָט זיך דערשראָקן: איבער דער מאַמעס געל דאַר פּנים האָבן זיך געקייקלט צוויי גרויסע טרערן.

— מאַמעלע, וואָס ווייסטו? — האָט זי מיט שרעק אויסגעשריען, צוטוליענדיק זיך צו איר.

— וואָס דען, מיין טאָכטער, לאָכן זאָל איך? „זי" איז דען ניט גערעכט? ווי צו מיר, דו ביסט שוין אַ מיידל פון 12 יאָר און האָסט אַפילו קיין פּאָר שיך ניט, קיין העמד אויפן לייב. און איך בין קראַנק, איין גאָט וויים ווי אַזוי איך שטיי אויפן מאַרק. וואָס וועט זיין דער סוף?

— נו, וואָס זאָל איך טאָן? — האָט רייזעלע געפרעגט — אַז איך וואָלט געקענט פאַרדינען געלט, וואָלט איך זיך געמאַכט אַ קליידל מיט שיך און דיר וואָלט איך אויך געמאַכט אויף יום-טוב אַ שיין קליידל.

די מוטער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, געקוקט אויף איר טעכטערל, נאָכדעם האָט זי שטיל געפרעגט:

— דו, רייזעלע, ווילסט פאַרדינען געלט?

— אַהאַ! — האָט רייזעלע זיך דערמונטערט — איך וואָלט נאָר געוואוסט ווי אַזוי. איך וואָלט גאָר וועלן זיין אַ שניידערין. לאה שרהס, וואָס וואוינט קעגן אונדז, איז אויך אַ שניידערין. און זי פאַרדינט אַזוי פיל געלט! אַלע שבת זע איך זי שפּאַצירן אין אַזאַ שיין קליידל!

— ניין, מיין טאָכטער! — האָט איר די מוטער איבערגעשלאָגן — אַ שניידערין איז ניט פאַר דיר. ביז וואַנען דו וועסט אָנהויבן נעמען געלט, וועט געדויערן דריי יאָר, און קיין קליידל וועסטו זיך

אַלץ נישט קענען מאַכן. ביים אָנקומען דאַרף מען נאָך געבן דער באַלעבאָסטע צען רובל פאַרן אויסלערנען זיך.

— טאָ ווי־זשע פאַרדינט מען געלט? — האָט רייזעלע אומעטיק געפרעגט.

— דו האָסט דאָך געהערט, וואָס זי האָט געזאָגט.

רייזעלעס בלייך פּנים איז בלייכער געוואָרן. אין אירע טיפע אויגן איז אומגעשוואומען אַ שרעק.

— און דיך לאָזן אַליין, מאַמע, ביינאַכט זאָלסט אַפּילו ניט האָבן ווער עס זאָל דיר אַ ביסל קאַלט וואַסער דערלאַנגען?

די מוטער האָט גאָרנישט געענטפערט.

— נו, מאַמע, זאָרג ניט — האָט רייזעלע זיך געבעטן — דו וועסט דאָך מיך אָפּגעבן צו אַ גוטער באַלעבאָסטע, וועט זי מיך לאָזן אַלע נאַכט גיין צו דיר שלאָפן.

— ניין, מיין טאָכטער, קיין גוטע באַלעבאָסטעס זיינען ניטאָ. אַז זיי צאָלן געלט, ווילן זיי האָבן אַ נוץ בייטאָג און ביינאַכט.

— און זיי האָבן גאָר קיין רחמנות ניט?... — האָט רייזעלע דערשראָקן געפרעגט.

די מוטער האָט אויף דער פראַגע נישט געענטפערט. זאָגן זיכער „ניין”, האָט זי ניט געוואָלט איבערשרעקן איר איינציק קינד, וואָס וועט געווים שוין מוזן צו „זיי” אַריינפאַלן, און זאָגן „יאָ” האָט איר די צונג ניט געדינט: וויפיל באַלעבאָסטעס זי האָט געקענט, זיינען אַלע בייזע געווען. און זי האָט געשוויגן.

3.

אין אַכט טעג אַרום איז רייזעלע אָנגעקומען צו מאַדאַם גלאָצמאַן.

— דו זאָלסט נאָר זיין אַ בריה — האָט איר די מאַדאַם גלאָצמאַן די ערשטע לעקציע געגעבן — אַ בריה האָבן אַלע ליב. און דו זאָלסט פאָלגן, וואָס מען וועט דיך הייסן. אַלעמען דאַרפסטו פאָלגן, אַפּילו די קעכין. וועט דיר דאָ זיין גוט.

רייזעלע האָט אויסגעשטעלט די אויגן אויף דער גרויסער, גראָבער מאַדאַם. זי האָט ניט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי קען דאָ זיין „גוט”, אַז אָט די גרויסע, גראָבע מאַדאַם וועט איר געבן עסן, וועט איר זאָגן: „גיי לייג זיך שלאָפן!” אַז אָט די גראָבע מאַדאַם וועט איר הייסן טאָן אַן אַרבעט און זי וועט קיינמאָל ניט זאָגן „מיין קינד”, „מיין טאָכטער”, אַפּילו „רייזעלע” וועט זי ניט זאָגן. זי וועט זי שטענדיק רופן „דו”.

— ניין! דו ביסט אַ ליגנערין, אַ שלעכטס! — האָט רייזעלע די ערשטע נאַכט געקלערט, ליגנדיק אויפן בעטל אין קיך — גוט קען מיר דאָ ניט זיין. גוט איז דאָרטן אין דעם קליינעם שטיבל, לעבן דער קראַנקער מאַמען. דאָ איז פאַר מיר אַ טורמע. ביינאַכט וועט די מאַמע דאָרט הוסטן און איך וועל דאָ דאַרפן אַרבעטן, און אויף וואָס דאַרף „זי” מיך, אַט די גראָבע גרויסע באַלעבאָסטע? זי הוסט דען, ווי מיין מאַמע, וואָס?... זי איז דאָך אַזאַ געזונטע, און דאָרטן ליגט מיין מאַמע אַליין און הוסט, הוסט, בעט זיך: רייזעלע, רייזעלע, אַ ביסל וואַסער. רייזעלע, אַ ביסל וואַסער.

און רייזעלע האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט פון בעטל, צוגעגאַנגען צום פענצטער, געזוכט מיט די אויגן דאָס קליינע שטיבל, וואו איר מאַמע ליגט אַליין און רופט זי.

— מאַמע, מאַמע, טייערע מאַמע! — האָט רייזעלע ניט אויס־געהאַלטן און האָט זיך פונאַנדערגעוויינט.

איר געוויין האָט אָבער קיינעם ניט געוועקט. אַלע זיינען פעסט געשלאָפן.

פאַרשטייט די ווערטער:

קאָשיק — basket
שוועבעלע — match
זשאַלעוועסט — קאַרגסט
שייבעלעך — panes
זיצערין — פאַרקויפערין אויפן מאַרק

קיין עין הרע (קאַנאַהאָרע) — קיין שלעכט אויג
תכלית (טאַכלעס) — סוף, ציל
בריה (בעריע) — אַ מענטש, וואָס קען אַלצדינג

●

סינאָנימען		אַנטאָנימען
שפּאָס	פּוסט	ערנסט
פאַרשאַרן	פאַרגליווערט	אפשר, מעגלעך
געווים, זיכער	קאַטאַוועס	אומגעדולד
אויסדויער	פאַרקערן	גלייכגילטיק
פאַרפרוירן	גדלות	פול
געפאַר	געדולד	זיכערקייט
ליידיק, הויל	פאַרגאַפט	פלעגמאַטישקייט
שטיפעריי	סכנה	באַשיידנקייט
שטאָלץ	שקאָצעריי	אָנמיסטיקן
פאַרכאַפּט	אַוודאי	פּליסיק, באַוועגלעך

אַ ר ב ע ט: אַלע ווערטער פון דעם מיטלסטן קאָלום האָבן אי סינאָנימען אי אַנטאָנימען; זיי זיינען צעוואָרפן און מען דאַרף זיי צופּאַסן צו די ווערטער פון דעם רעכטן און לינקן קאָלום.

סעמי דער שיכפּוצער

• ז. ווײנפּער

די אַלטינקע הײזער אין געסל,
ווי קראַנקע פאַרקאַטערטע נעז, —
עס זוכט וואָס אַ קאַץ אין אַ פעסל,
עס שמעקט מיט פאַרזויערטן קעז.

דאָך איז אינעם געסל אַ קעלער,
וואו אָפּטמאָל ווערט העלער פון העל, —
עס איז נישט דאָס ליכט פון קיין בעלער,
נישט ליכט פון זונשטראַל אויף שוועל.

דאָס איז, ווען דאָס עלטערע יאַטל
טוט פלוצלונג די טיר אַ צעפּראַל,
און איבער זײן קלײנעם װאַרשטאַטל
עס טוט די משפחה אַ פאַל.

„העלאָ, גענג !" — באַגריסט ער זיך פרײלעך
און לאָזט דאָס װאַרשטאַטל אַראָפּ,
„װער גוט איז געװען דעם טײל איך
אַ גילדענע קרױן אױפן קאָפּ."

אַזױ-אָ טוט ער זיך אַ װיצל,
און פּאַקט אױף אַ ברױטל מיט קעז,
ער שנײדט אָפּ פאַר יעדן אַ פּיצל
און װישט זײ דערבײ אָפּ די נעז.

און שװעסטערלעך, ברידערלעך פאַלן
מיט ליבשאַפט אַרויף אויף זײן האַרץ,
— הײ, סעמי ! — די אײגעלעך שטראַלן,
כאָטש נעזעלעך, בעקעלעך שװאַרץ.

נאָר שװאַרצקײט איז ניט קײן חסרון,
בײ סעמין איז דאָס גאָר אַ גליק, —
ער איז דאָך שױן פון פאַראַיאָרן
אַ שיכפּוצער גאָר אַן אַנטיק.

די מאַמע אין קעלער איז זעלטן,
דער טאַטע אַ צײט איז שױן טױט,

און ער, דורך די היצן און קעלטן,
העלפט מאַמען פאַרדינען אויף ברויט.

די אייגענע שטוב אַ פאַרלאָזטע,
די קינדערלעך זיינען פאַרשמאַכט,
די מאַמע אויף אַרבעט גאָר פראָסטע
ביי פרעמדע פון פרי ביז ביינאַכט.

און ער מיטן קעסטל אויף סקווערן
לאָזט הערן זיין קול וועגן זיך:
—אַ ניקעלע בלויז, און עס ווערן,
ווי נייע, דאָך אייערע שיך!

די שיכפוצעריי אויף אַ שטריקל,
דאָס שטריקל פאַרוואָרפן אויף זיך,
וואַרשטאַטל איז גאָר אַן אַנטיקל
— עס זאָלן נאָר זיין היינט די שיך!

ער טוט זיך אַ לאָז צו די טרעפּלעך,
פיף-פאַף! און אַרויס פון דער שטוב.
דורך פענצטערל קינדערשע קעפּלעך,
ווי חיה׳לעך קוקן פון גרוב.

די שוועסטערלעך, ברידערלעך קוקן
מיט בענקשאַפט און ליבשאַפט אים נאָך,
און סעמעלעס אַקסלען זיך צוקן, —
אַ שווערע געווען איז די וואָך!

אַ רעגן אָן אויפהער גערעגנט,
דער הימל פאַרכמורעט געווען,
און וועמען ער האָט נישט באַגעגנט,
האָט יענער אים גאָרנישט געזען.

נו טאַקע, אין רעגנדיקן וועטער,
ווער קוקט עס דען אום אַרום זיך!
אַ מענטש אין אַ רעגן, ווי וועט ער
זיך שטעלן און פוצן די שיך?

נאָר היינט איז דאָך טרוקן, אַ פרעסטל,
כאָטש קאַלט איז אים היפשלעך דאָס לייב,

ער טאַפּט אָן מיט האָפענונג דאָס קעסטל,
און טוט צו דעם סקוועער זיך אַ טרייב.

און סעמעלעס קול טוט אַ ציקל,
טוט הילכיק אַ רים זיך גיך־גיך:
— היי, מיסטער, אַ „שו שיין” אַ ניקל!
אַ ניקל אַ „שיין” אויף די שיך!

ער פּוצט שוין אַ שוך מיט שוואַרצן,
די הענטלעך אויף זיי אין דער גיך,
ער פילט אַזאַ גרינגקייט אין האַרצן —
אַט קומט אויך אַ געלע פּאָר שיך.

דער סקווער אַזאַ ליכטיקער, העלער,
די זון כאַטש אַ קאַלטע דאָך שיינט, —
עס וועט אינעם טונקעלן קעלער
מיט ברויט זיך צעשמעקן שוין היינט!



פאַרשטיי די ווערטער:

פּאַרקאַטערטע — פּאַרקילטע
וואַרשטאַט — workshop

חסרון (כיסאָרן) — פעלער
צוקן — טרייסלען זיך

אײנצאָל	מערצאָל	אײנצאָל	מערצאָל
די נאָדל	די נאָדלען	דער פליגל	די פליגלען
די פידל	———	דער רידל	———
דער שפּיגל	———	דער מאַנטל	———
דער ריגל	———	דער גאַרטל	———
דער זיגל	———	דאָס שאַכטל	———

אַ ר ב ע ט: שרייב צו די מערצאָל.

אימיגראַנטן

מאָטל פּייסים אויפן ים

• שלום עליכם

אַז מיר זיינען אַרויף אויפן שיף „פּרינץ אַלבערט", איז דווקא געוועזן גוט און פיין. איך און מיין חבר מענדל האָבן זיך געלאָזט אומ־מעסטן דעם „פּרינץ אַלבערט" אין דער לענג און אין דער ברייט. קיינעם איז ניט געוועזן אַזוי גוט, ווי אונדז. מיר האָבן קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ קוואַרטיר, ווי איצט. אַ וואַסער־שטוב. אַ דריי־גאָרנדיקע שטוב אויפן וואַסער. שטעלט אייך פאָר — איר זיצט, דאַכט זיך, אין שטוב, אָדער איר שפּאַצירט אַרום, די הענט אין די קעשענעס, און — איר פאָרט! איר עסט און — איר פאָרט! איר טרינקט און — איר פאָרט!

איין חסרון האָט דער „פּרינץ אַלבערט". מ'לאָזט אונדז ניט אומעטום זיין. קוים ווילן מיר געבן אַ קוק־אַריין אַביסל ווייטער פון צווישנדעק, וואו מיר פאָרן, אַזוי טרייבט מען אונדז דורך. טאַקע די מאַטראָסן. גרויסע רשעים. און די פּאַסאַזשירן אַליין, פון יענע העכערע קלאַסן, זיינען אויך רשעים. וואָרים זיי זאָלן ניט זיין קיין רשעים, וואָלטן זיי פאַרזאָגט די מאַטראָסן, מ'זאָל אונדז ניט טרייבן. וואָס וועלן מיר זיי טאָן? מיר וועלן זיי אָפּבייסן? מיין חבר מענדל איז גלאַט ניט צופרידן. ער פאַרשטייט ניט, צו וואָס דאַרף מען קלאַסן? ער זאָגט, אַז אין אַמעריקע איז ניטאָ קיין קלאַסן. טאָמער גלויב איך אים ניט, קאָן איך אַ פרעג טאָן ביי מיין ברודער עליע. האָט אָבער מיין ברודער עליע פיינט, אַז מ'פרעגט ביי אים פוסטע זאַכן. איך וועל שוין בעסער פרעגן ביי אונדזער חבר פּיני.

איך האָב געפּאַקט פּינין בעת ער איז געזעסן אויפן דעק. ער האָט אַריינגעטאָן זיין שפּיץ נאָז אין אַ בוך. מחמת ער איז אַ קורצזיכטיקער, לייענט ער ניט מיט די אויגן, נאָר מיטן שפּיץ נאָז. איך בין צוגעגאַנגען צו אים נאָענט.

— רב פּיני, איך דאַרף אייך עפּעס פרעגן.

פּיני האָט צוגענומען די נאָז פון בוך.

— וואָס׳טו זאָגן, קטונתי? — קטונתי הייסט ביי אים קלייניטשקער. אַזוי רופט מיך פּיני בעת ער איז אויפגעלייגט. און אויפגעלייגט איז ער כמעט אַלעמאָל. אפילו דעמאָלט, ווען ער קריגט זיך מיט מיין ברודער אליע. דערצייל איך אים אַזוי און אַזוי. צי ס׳איז אמת, וואָס מען זאָגט, אַז אין אַמעריקע איז ניטאָ קיין קלאַסן?

האָט איר באַדאַרפט אָנקוקן, ווי אָט דער פּיני האָט זיך אָנגעצונדן און צעפלאַקערט זיך און גענומען רעדן און קייען און שפּייען און שיטן מיט פייערדיקע הויכע ווערטער: אַז אַמעריקע איז דאָס איינציקע לאַנד, זאָגט ער, פון אמתער פרייהייט און פון אמתער גלייכהייט. אין אַמעריקע, זאָגט ער, קאָנסטו זיצן אָט־אָ־דאָ־אָ, און לעבן דיר זאָל זיצן דער „פּרעזידענט“, און ווייטער אַביסל זאָל זיצן אַ בעטלער, אַ שלעפּער, אַ ניקס שבניקס. און נאָך אַביסל ווייטער — אַ גראַף, אַ שררה, אַ מיליאָנטשיק! ציוויליזאַציע! פּראָגרעס! קאָלומבוס!

מישט זיך אַריין אַ ייד אַן עמיגראַנט, אַ ווילד־פרעמדער:

— אַז ס׳איז יאָ אַזאַ גליקלעכע מדינה, ווי איר זאָגט, וואו אַלע זיינען גלייך, פונוואַנען־זשע נעמען זיך דאָרטן שלעפּערס און גראַפן און בעטלערס און פריצים?

קומט אויס, אַז מענדל איז גערעכט. ער זאָגט, אַז קלאַסן דאַרף מען פיינט האָבן. פאַרשטיי איך ניט, פאַרוואָס? וואָס האָב איך צו זיי? זאָגט מענדל: וואָס האָבן זיי זיך פאַרשלאָסן ביי זיך אין צווייטער און אין ערשטער קלאַס צווישן די שפּיגלען? וואָס שטייט זיי אַזוי ניט אָן, די גרויסע פריצים, צו זיצן מיט אונדז אָט דאָ, צווישן דעק? מיר זיינען דען קיין מענטשן ניט גלייך מיט זיי?

מיטאַמאָל איז געוואָרן אַ בהלה. דריטע קלאַס פּאַסאַזשירן, בעט מען, זאָלן מוחל זיין אַראָפּ אונטן אין זייערע שטייגעלעך, צוריק פאַר־נעמען זייערע ערטער. פריער מיט גוטן, דערנאָך מיט בייזן. ווער עס איילט זיך ניט צו גיין, כאַפּט אַ סטוסאַק פון אונטן. אַלע זיינען דאָ, יונג און אַלט. ס׳איז אַ דערשטיקעניש. די טיר האָט מען געשלאָסן. אַ קייט האָט מען אויפגעהאַנגען אַן אייזערנע. קיינמאָל האָבן מיר

דער
אימיגראַנט

אַוערבאַך־לעווי

זיך ניט געפילט אַזוי שלעכט, ווי אַצינד. מיר האָבן אויסגעזען ביי זיך אין די אויגן, ווי געפאַנגענע. „פאַר וואָס? פאַר ווען?" — אַזוי טענהט צו מיר מיין חבר מענדל און די אויגן זיינע ברענען, שיסן מיט פייער...

לאָזט זיך אויס אַ מעשה, אַז מיר זיינען שוין געקומען. געקומען קיין אַמעריקע. נאָר וואָס דען? די פּאַסאַזשירן פון ערשטער און צווייטער קלאַס האָט מען אַראָפּגעלאָזט דורך אַ לאַנגן לייטער מיט אפשר הונדערט טרעפּ. נו, און וואָס וועט זיין מיט אונדז? מיר זיינען דאָך שוין אין אַמעריקע!

— ניט פאַר אונדז געדאַכט! — רופט זיך אָפּ אַ ייד אַ שניידער.

פּיני גייט אַרויס פון די כלים. ער שרייט:

— וואָס דען וועט מען מיט אונדז טאָן? מ'וועט אונדז איינזאַלצן?

— מ'וועט אונדז ניט איינזאַלצן, — זאָגט דער שניידער — נאָר מ'וועט אונדז ברענגען אין אַזאַ מין אָרט, וואָס מען רופט עס „עלים איילאַנד". דאָרט וועט מען אונדז פאַרשפּאַרן ווי די קעלבלעך אין אַ שטאַל, ביז אונדזערע פריינט און באַקאַנטע וועלן זיך אַמאָל דערמאָנען קומען אונדז אַראָפּנעמען...

מיינט איר, אַז עס איז ניט געווען אַלצדינג אַקוראַט ווי דער דאָזיקער שניידער האָט אונדז פאָראויסגעזאָגט? — נישט געמינערט אַ האָר!

אַ רחמנות נעבעך אויף אונדזער חבר פּיני. ער קאָן אונדז ניט קוקן גלייך אין די אויגן. ס'איז אים אַ בזיון פאַר אַמעריקע. איר וואָלט

געמענגט שווערן, אַז ס'איז זיין אַמעריקע. אַט פון דעמאָלט אָן האָט ער געוואָרפן אַן אומחן אויף „עלים איילאַנד" און האָט צוגעטראַכט דעם גראַם, אַז „דאָס שטיקל לאַנד געהערט צו איינעם עלי, וואָס איז אַ נאַר ביז דער סטעלי"...

אויב איר זיינט נאָך קיינמאָל ניט געפאָרן אויפן ים, אויב איר זיינט קיינמאָל ניט געווען צען טעג מיט צען נעכט אויפן וואַסער, אויב איר זיינט קיינמאָל ניט געווען געפאַנגען אויף „עלים איילאַנד", — וועט איר ניט פילן דעם טעם, וואָס הייסט שטיין מיט ביידע פיס אויף דער ערד...

ווען איך זאָל ניט מורא האָבן פאַר מיין ברודער עלי און ניט שעמען זיך פאַר לייטן, וואָלט איך אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און וואָלט זיך איבערגעקוליעט דריי מאָל מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. אַזוי גוט און ליכטיק און פריילעך אויפן האַרצן איז מיר געוואָרן, ווען איך האָב דערפילט, אַז איך שטיי מיט ביידע פיס אויף דער טריקעניש...

פאַרשטיי די ווערטער:

רשעים (רעשאָאים) — שלעכטע
קורצזיכטיקע — near-sighted
בהלה (בעהאָלע) — terror
סטוסאַק — אַ קלאַפּ

קוואַרטיר — וואוינונג, דירה (דירע)
דריי־גאָרנדיקע — פון דריי שטאָק
חסרון (כיסאָרן) — פעלער
מאַטראָסן — sailors

●

סינאָנימען		אַנטאָנימען
אויסגערונען	הכנסה	צוריקגערופן באַפעל
נחת, פאַרגעניגן	דערשראָקן	אומשולדיק
פאַרציטערט, דערציטערט	פאַרשוואונדן	גוטער, צדיק
אייננאַמע	הנאה	רואיק
געהייסן	מוט	בפרט, באַזונדערס
זינדיק	בכלל	הוצאה, אויסגאַבע
שלעכטער	אומרואיק	אומדערשראָקן
קוראַזש, דרייסטקייט	רשע	זיך באַוויזן
נערוועז	שולדיק	ערגערניש, האַרצווייטיק
אין אַלגעמיין	באַפוילן	מורא, שרעק, פחד

אַ ר ב ע ט: אַלע ווערטער פון דעם מיטלסטן קאָלום האָבן אי סינאָנימען אי אַנטאָנימען; זיי זיינען צעוואָרפן און מען דאַרף זיי צופּאַסן צו די ווערטער פון דעם רעכטן און לינקן קאָלום.

די מאַמע • חנה לעווין

זיצט אַ מאַמע לעבן בעט
און צום ווינט אַזוי זי רעדט:
— הער אויף, הער אויף בלאָזן, ווינט,
ס׳וויינט און רעדט פון היץ מיין קינד!
ווער האָט מיר אַזוינס געטאָן?
ווער האָט קראַנק געמאַכט מיין זון?
שולדיק אפשר איז דער שניי,
וואָס מיין ייִנגעלע טוט וויי?
שלאָפט שוין ניט די דריטע נאַכט,
האָב איך אויך קיין אויג פאַרמאַכט,
אויסגעזונגען ביז איין ליד,
און פון זינגען בין איך מיד.

טראָגט זיך שטיל דער ווינט אַוועק,
נאָר ער ברומט דעם גאַנצן וועג,
נאָר ער ברומט דעם גאַנצן וועג:
— כ׳וויל אים איינוויגן, דעם שנעק!
פאַר דער מאַמען טוט מיר באַנק,
עס קאָן די מאַמע ווערן קראַנק:
ניט זי שלאָפט און ניט זי רוט,
ווייל דעם שטיפער איז ניט גוט!
ס׳האָט דער יונג דאָך יעדן טאָג
אָן אַ מאַנטל זיך געיאָגט
און געוואַלגערט זיך אין שניי,
אָט פאַרוואָס עס טוט אים וויי!

און די מאַמע לעבן בעט
צום עראָפּלאַן שוין רעדט:
— זשום ניט, שטיל, עראָפּלאַן,
זע, ביי מיר אַ זון פּאַראַן,
איז ער זייער קראַנק, מיין קינד,
איז ער זייער קראַנק אַצינד.

פליט עראָפּלאַן אַוועק,
נאָר ער זשומט דעם גאַנצן וועג,
נאָר ער זשומט דעם גאַנצן וועג:
— כ׳וויל אים איינוויגן, דעם שנעק!
פאַר דער מאַמען טוט מיר באַנק,
עס קאָן די מאַמע ווערן קראַנק:
ניט זי שלאָפט און ניט זי רוט,
ווייל דעם שטיפער איז ניט גוט.

נאָר די מאַמע איז ניט מיד,
פון דאָס ניי הייבט אָן אַ ליד:
„שלאָף, מיין יינגעלע, שלאָף איין,
מאָרגן וועט דיר גרינגער זיין!
דו וועסט זיין מיר גוט און מילד,
כ׳וועל דיר ברענגען אַ שיין בילד.
שלאָף, מיין יינגעלע, שלאָף איין,
מאָרגן וועט דיר גרינגער זיין.״

און אָט די זון שוין כאַפּט זיך אויף,
שטראַלן גיט נאָך זיך אַ רוף:
— „שטראַלן, שטראַלן, לויפט געשווינד,
גיט אַ קוק, וואָס מאַכט דאָס קינד.״

קוקט אַ שטראַל. דאָס יינגל רוט.
איז אַ סימן אים איז גוט;
איז אַ סימן אים איז גוט,
אַז ער שמייכלט און ער רוט.

נאָר די מאַמע שלאָפט נאָך ניט,
און דאָס בעטעלע זי היט:
— שטילער, שטראַלן, שטילער, זון,
איינגעשלאָפן איז מיין זון!



אין שאַפּ • וויליאַם גראָפּער

אַ ייד קומט אַרבעטן אין אַ שאַפּ

• א. ראַבאַי

אייברעם מיט מאַניסן זיינען אַריין אין אַ שטוב אַ טונקעלער, וועלכע איז געווען באַלויכטן, אין מיטן העלן טאָג, מיט גאַז־לעמפּלעך. אייברעם איז צוגעגאַנגען צו איינעם אַ יידן, וועלכער האָט געטראָגן אַ יאַרד־מאָס איבער זיין האַלדז און אַ בלייער איבערן אויער פאַרלייגט, און האָט אים עפּעס געזאָגט אין אויער אַריין. איז דער ייד צוגעלאָפן צו מאַניסן און אים באַטראַכט פון דעם קאָפּ ביז צו די פיס.

מאַניסעס פיס האָבן זיך ביי דער דאָזיקער באַטראַכטעניש אַביסל אַ בויג געטאָן, און אים איז עפּעס באַלד דער דאָזיקער ייד נישט געפעלן געוואָרן. נאָכדעם איז פאָרגעקומען דער דאָזיקער שמועס צווישן דעם יידן און מאַניסן:

— אַ ייד וויל זיך לערנען?

— פאַרוואָס נישט?

— ווי אַלט איז אַ ייד?

— כ׳וו׳ים... קרוב צו פופציק... — האָט מאַניס געזאָגט און האָט זיך אַביסל פאַרשעמט.

— האָסט ניט געקאָנט זיין יינגער?

מאַניס האָט געפילט ווי עמעצער וואָלט אים אָפּגעבריט. אָבער ער האָט גאָרנישט געענטפערט, — אַפילו געפּרואווט אַ שמייכל טאָן.

— ווילסט זיין אַ פּרעסער?

— כ׳ווים ?... — ענטפערט מאַנים און כאַפּט דערוויל אַ קוק אַהין, וואו עס שטייען יידן און הרגענען די טישן מיט די אייזערנע פּרעסלעך. ער דערשרעקט זיך פאַר איינעם פון יענע יידנס גרויסע, גרויע אויגן, וועלכע שרייען צו מאַניסן, אַז ער זאָל נישט זיין קיין פּרעסער, נישט זיין קיין פּרעסער!

— ווייז דיינע הענט! — גיט דער, וואָס מיטן בלייער הינטערן אויער, פּלוצלונג אַ זאָג צו מאַניסן. מאַנים ווייזט אים זיינע הענט, די ווייכע, אויסגערוטע און ריינע הענט, געוואַשענע און אָפּגעהיטע.

— מיט אַזעלכע הענט! מיט אַזעלכע הענט קומט „עס" קיין אַמעריקע!...

— אַז איך האָב נישט קיין אַנדערע... — האָט זיך מאַנים געבעטן.

— איך וועל דיר געבן אַ גרינגע אַרבעט... וויין נישט...

— ווער וויינט? — האָט זיך מאַנים פונדעסטוועגן אַ טאַפּ געטאָן ביי זיינע אויגן, צי ער וויינט טאַקע נישט.

— וועסט פּאַקן העמדער?

— פאַרוואָס נישט?

— זעקס וואָכן אומזיסט.

— און דערנאָך?

— און דערנאָך... אַז עס שמעקט נאָך פון דיר די שיף — האָט אים דער פרעמדער ייד אָנגעקלאַפּט אין אַן אַקסל.

ביז צוועלף איז מאַנים געשטאַנען און געקוקט, ווי אַזוי מען דאַרף פּאַקן אַ העמד. דער, וואָס מיט דעם בלייער הינטערן אויער, האָט אים געוויזן, ווי אַזוי מען פּאַקט העמדער.

נאָך דעם מאָלצייט האָבן די מאַשינען ווידער אָנגעהויבן צו פילדערן. מאַנים איז געשטאַנען איבער אַ טיש, וואָס האָט מיט זיין הויך דערגרייכט ביז מאַניסעם באָרד. אויף דעם טיש איז געלעגן אַ העמד, מיט רויטע און בלויע פּאַסן, און מאַנים האָט געפּרואווט דאָס דאָזיקע העמד צונויפלייגן. פריער האָט ער פון דעם דאָזיקן העמד באַדאַרפט אַרויסשלעפן שטיקלעך איבעריקע פעדים, וועלכע זיינען געהאַנגען דאָ און דאָרט. פאַרטיק געוואָרן מיט די פעדים, האָט מאַנים געפּרואווט צונויפלייגן דאָס העמד. פאַרשטענדלעך, אַז ער האָט נישט געקאָנט. די צוויי אַרבל זיינען געשטאַנען אין וועג. ער האָט באַדאַרפט די צוויי אַרבל אַזוי באַהאַלטן אין העמד אינעווייניק, אַז מען זאָל זיי נישט אַרויסזען, און זיי זאָלן דאָך ליגן אַזוי באַקוועם באַהאַלטן אין אַ העמד, אַז זיי זאָלן חלילה נישט צעקנייטשט ווערן. זאָלן אָבער פאַרשאָלטן ווערן די אַרבל, וואָס זיי האָבן זיך נישט געוואָלט אונטער-

געבן. און אַט איז שוין מאַנים פאַרטיק מיט דעם העמד און טוט עס אַ הויב אויף אין דער הויך, — פאַלן די צוויי אַרבל צוריק אַרויס. און פון די ניי־מאַשינען הויבן זיך אויסגעבויגענע פּלייצעס, און עס הערט זיך אַ געלעכטער.

און דער באַרג מיט העמדער וואַקסט. און מאַנים דערשרעקט זיך פאַר דעם באַרג מיט העמדער, און דער ייד מיט דעם בלייער קומט צו־לויפן און ווייזט אים נאַכאַמאָל און נאַכאַמאָל.

— זעסט, ווי גיך עס גייט.

— כ'האָב עס ביי מיין טאַטן נישט געטאָן — בעט זיך מאַנים.

— מען ווייסט, מען ווייסט — שרייט אַזוי ווי מיט כעס דער, וואָס מיט דעם בלייער, און בשעת מעשה פליען אים די געפּאַקטע העמדער פון די הענט.

ערשט ביים סוף פון טאָג איז מאַנים געוואויר געוואָרן פון דעם סוד, ווי אַזוי מען באַדאַרף פּאַקן העמדער, און עס איז אים ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. יאָ, עס איז אים ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. אָבער דעמאָלט האָבן זיך שוין אַלע געקליבן גיין אַהיים. מילא, גיין אַהיים איז גיין אַהיים, אָבער מאַניסן איז געוואָרן אַ שאָד, וואָרים ערשט איצט זיך אויסגעלערנט, און מען באַדאַרף שוין גיין אַהיים.

פאַרשטיי די ווערטער:

פילדערן — מאַכן קולות (קוילעס)   געוואויר־געוואָרן — זיך דערוואוסט

ד י — ד י

די שיינע בלום	ווער האָט אויסגעריסן	די שיינע בלום?
די ווייסע באַנק	איך האָב צוגעטראָגן	— — באַנק
די בלויע נאָז	קוק נאָר אָן	— — נאָז.
די שוואַכע פרוי	וועסטו אַהיימפירן	— — פרוי?
די רעכטע האַנט	גיב מיר	— — האַנט!

אַ ר ב ע ט: שרייב איבער אין העפט און שטעל צו דעם אַרטיקל.

די קינדער זיינען אַנגעלאָפן

• י. י. שוואַרץ

די קינדער זיינען אַנגעלאָפן פון דער גאַס
מיט פייכטע לאָקן און צעבליטע אויגן;
מיט זיי צוזאַמען איז אַ גרויסע ליבע פרייד
פון דרויסן אינעם צימער אַנגעפלויגן.

די בעקלעך גליען ווי די עפּל קאַלט און רויט,
די שטאָלענע און בלאַנקע גליטשער קלינגען.
געשווינטע פיסלעך טראַמפּלען אויפן דיל,
איין קולכל וויל דאָס צווייטע איבערזינגען.

עס שלאָגט מיט שטראָמען לעבן יונג און פריש —
אָט האָבן זיי אַרומגעכאַפּט די מאַמע;
איין קעפּל טוליעט זיך צום צווייטן ווי אַ קראַנץ,
און אַלע רעדן, פּלוידערן צוזאַמען.

אַ מעשה וועגן בעטהאָווען

• מ. דאַניעל

ווען לייזער דער קלעזמער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, ווייל ער איז שוין געווען אַלט און קראַנק, האָט ער אַראָפּגענומען פון וואַנט זיין פידל, וואָס איז ביי אים געווען די טייערסטע זאַך אין דער וועלט, און האָט זי איבערגעגעבן זיין זון נפתליקן מיט די ווערטער:

— שטאָלץ זאָלסטו דורכגיין דיין לעבן. פאַר רייכע און שטאַרקע דעם קאָפּ ניט בויגן. געלט און כבוד קען יעדער אָנלעבן, און שפּילן אויפן פידל קאָנען נאָר אויסדערוויילטע...

און ווען די פידל איז שוין געווען ביי נפתליקן אין די הענט, האָט דער אַלטער לייזער צוגעגעבן: „און איצט זעץ זיך לעבן מיר און הער אַ מעשה און פאַרגעדענק זי אויפן גאַנצן לעבן."

. . . אין דייטשלאַנד, צי אין עסטרייך איז אַמאָל פאָרגעקומען אַ גרויסע און וויכטיקע פאַרזאַמלונג: קייסאָרים, הערצאָגן, מיניסטאָרן, פירשטן און גראַפן, אוודאי פון צוואַנציק לענדער, זיינען זיך צוזאַמענגעפאָרן אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג.

גאַנצע זעקס מעת-לעת איז אָנגעגאַנגען אַ קריג צווישן די קיי-



לודוויג
וואַן בעטהאָווען

סאַרים. ביי זיי אויפן טיש ליגט די וועלט, ווי אַ זיסער לעקעך, און יעדער, פאַרשטייט זיך, ווייזט אָן מיטן פינגער אויף אַ גרעסערן חלק...

ווערן די קריגערייען אַלץ שטאַרקער, די געשרייען העכער און עס קען דערגיין ביז פעטש. פאַלט איין איינעם פון די מיניסטאָרן אַ גלייכער געדאַנק: איבעררייסן די פאַרזאַמלונג, אַלעמען פאַרבעטן אויף אַ גרויסן באַל, פאַרשטייט זיך, מיט ווייַן און מיט טענץ — און טאַקע דאָ אויפן באַל וועט מען גרינגער קומען צו אַן אויסגלייך. שטעלט זיך אַ פראַגע:

— ווער וועט שפּילן?

טראַכט מען, טראַכט מען, און מען קומט צום אויספיר, אַז קיין בעסערער פידלער, ווי דער טויבער בעטהאָווען, איז דאָך ניטאָ. שיקט מען אַ שליח אָנפרעגן ביים טויבן בעטהאָווען, צי ער איז מסכים שפּילן אויפן באַל, און וויפיל ער וועט נעמען פאַר זיין אַרבעט.

ענטפערט בעטהאָווען:

— וויפיל מען וועט געבן, אַזויפיל וועל איך נעמען. ניט אין געלט גייט עס, נאָר אין דרך ארץ...

— דרך ארץ פאַר וועמען? — פאַרשטייט ניט דער שליח.

— פאַר מיין שפּילן.

— וואָס הייסט?

— דאָס הייסט, אַז איך שטעל אַ באַדינג: ווען איך וועל שפּילן זאָל קיינער פון די קייסאָרים, הערצאָגן און מיניסטאָרן ניט וואַגן עסן, טרינקען און אַפילו רעדן...

— גוט, — איז מסכים דער שליח, גייט אַרויס פון בעטהאָווענס אָרעם הייזל און שיסט אויס אַ געלעכטער: „אַ חוצפה פון אַ טויבן קלעזמער! ער וויל באַפוילן די קייסאָרים, ווי זיך צו פירן! איך וועל

עם איבערגעבן דעם מיניסטער, וועט ער פּלאַצן פון געלעכטער...״

און אַזוי איז טאַקע געווען: ווען דער שליח האָט איבערגעגעבן בעטהאָווענס באַדינג, איז דער מיניסטער אַ ווײַלע געזעסן פאַרטראַכט און דערנאָך זיך הויך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— ער מיינט, דער טויבער משוגענער, אַז צוליב זיין מוזיק מאַכט מען דעם דאַזיקן באַל.

איז געקומען די נאַכט פון באַל. דער דאַזיקער מיניסטער האָט אומישנע פאַנאַנדערגעזעצט די געסט אַזוי, אַז די שטאַרקסטע שונאים זאָלן זיצן איינע לעבן די אַנדערע. געמיינט האָט ער: ווען דער טויבער בעטהאָווען וועט שפּילן וועלן זיי צו אַן אויסגלייך און שלום קומען.

די ערשטע מעלאָדיע האָבן זיי נאָך ווי-ניט-איז געהערט. דערנאָך האָבן זיי זיך שטיל געגומען דינגען, זאָגן שטעכווערטלעך און גאָר גיך האָבן זיי פאַרגעסן, אַז פאַר זיי שטייט דער גרעסטער מוזיקער אין דער וועלט.

בעטהאָווען איז טויב און הערט ניט זייערע ווילדע געשרייען און קריגערייען. ער איז צוגעפאַלן מיטן טויבן אויער צו דער פידל, הערט זיך איין נאָר מיט דער נשמה און טראָגט זיך אַוועק מיט די קלאַנגען אין ווייטע, ווייטע וועלטן... און פּלוצלונג באַמערקט ער, אַז קיינער הערט אים ניט. קיינער באַמערקט אַפילו ניט, אַז ער האָט אויפגעהערט שפּילן.

ער האָט די פידל, ווי אַ שווערד, איבערן קאָפּ אויפגעהויבן און גענומען לויפן איבערן זאַל, ווי הינטער אים וואָלט געברענט. ער שניידט זיך אַריין צווישן די פאַרזאַמלטע, זוכט אָפּ דעם שליח, כאַפּט אים אָן פאַר דער ברוסט און שרייט:

— אַן אויסוואורף, אַ ליגנער ביסטו, און זאָלסט ניט וואַגן מער מיין שוועל אַריבערטרעטן.

די אויגן האָבן ביי אים געברענט פון כעס, די הענט האָבן געציטערט, און קיינער פון די קייסאָרים און הערצאָגן האָבן ניט געוואַגט אים אָפּצושטעלן, ווען ער איז מיט אַ שטאָלץ-אויפגעהויבענעם קאָפּ געגאַנגען צו דער טיר. און ווען אין אַ שעה אַרום איז דער מיניסטער אַליין געקומען אים בעטן ער זאָל זיך אומקערן צום באַל און ניט פאַרשטערן די שמחה, האָט בעטהאָווען בייז געענטפערט:

— איך האָב שוין פון לאַנג באַמערקט, אַז ווען הינט רייסן זיך איבער אַ פעטן ביין, האָבן זיי ניט ליב צו הערן קיין מוזיק...

אין דער זעלבער נאַכט נאָך איז דער טויבער בעטהאָווען צופוס אַוועק אין אַ צווייט לאַנד...

פאַרשטייט די ווערטער:

מעת־לעת (מעסלעס) — אַ טאָג מיט אַ נאַכט
קיימאָרים — קעניגן
דרך ארץ (דערעכערעץ) — רעספּעקט

באַדינג — condition
אומישנע — purposely
שליח (שאָליאַד) — messenger

איינצאָל			**מערצאָל**		
די בלום	—	די בלומען	דער טרוים	—	די טרוימען
די קראָם	—	________	דער גראָם	—	________
די פּלוים	—	________	דער שראָם	—	________
דער שטראָם	—	________	דער פּלאָם	—	________
די שוואָם	—	________	דער צוים	—	________

אַ ר ב ע ט: שרייב איבער אין העפט און שטעל צו די מערצאָל.

זייט מיר מוחל!

— ז י י אַ ז ו י ג ו ט און דערלאַנג מיר דאָס בוך!

— ז י י ט אַ ז ו י ג ו ט און רוקט אַביסל אָוועק אייער שטול, איך זאָל קאָנען דורכגיין.

— אַ נ ט ש ו ל ד י ק ט, איך האָב אייך, דוכט מיר, אַ שטויס געטאָן. ע ס פ אַ ר ד ר י ס ט מיך זייער.

— א י ך ב ע ט א י י ך, ט ו ט מ י ר אַ ט ו ב ה און גיט מיר דאָס דאָזיקע בוך אויף אַ פּאָר טעג.

— ס׳ ט ו ט מ י ר ז י י ע ר ל י י ד, אָבער דאָס דאָזיקע בוך לייען איך איצט אַליין.

— האָב איך אייך אפשר ב אַ ל י י ד י ק ט? איך פאַרזיכער אייך, אַז איך האָב אייך ניט געמיינט באַליידיקן.

— אַ, איך האָב זייער שלעכט געהאַנדלט און איך ה אָ ב ח ר ט ה דערויף.

— דער ייִנגל איז נ ע ב ע ך אַזוי הונגעריק. ס׳איז אַ ג ר ו י ס ר ח מ נ ו ת אויף אים.

— ז י י ־ ז ש ע מ ו ח ל און לאָז מיך דורכגיין.

אַ ר ב ע ט: מאַך דיינע אייגענע זאַצן פון די אונטערגעשטראָכענע ווערטער.

דער בלייכער אַפּרייטער

מ. ראָזענפעלד •

איך זע דאָרט אַ בלייכן אַפּרייטער
פאַרקאָכט אין דער אַרבעט, אַ שרעק!
און זייט איך געדענק אים אַלץ נייט ער
און לייגט זיינע קרעפטן אַוועק.

עס ווערן חדשים פאַרפלויגן,
עס לויפן די יאָרן אַהין,
און נאָך זיצט דער בלייכער געבויגן
און קעמפט מיט דער רויער מאַשין.

איך שטיי און באַטראַכט דאָרט זיין צורה,
זיין צורה פאַרשמירט און פאַרשוויצט,
און פיל, אַז דאָ אַרבעט קיין גבורה,
דער אימפּעט נאָר פּראַצעוועט איצט.

דאָך פאַלן די טראָפּנס כסדר,
פון אויפגאַנג ביז אונטערגאַנג שפּעט,
און זאַפּן זיך איין אין די קליידער,
און טרינקען זיך איין אין די נעט.

איך בעט אייך, ווי לאַנג וועט נאָך יאָגן
דער בלייכער דאָס לוסטיקע ראָד?
אָ, ווער קען זיין ענדע מיר זאָגן?
ווער ווייס יענעם שרעקלעכן סוד?

אָ, שווער, זייער שווער דאָס צו זאָגן,
דאָך איינס איז באַוואוסט און באַשיידט:
ווען אים וועט די אַרבעט דערשלאָגן,
זיצט תיכּף אַ צווייטער און נייט.

פאַרשטיי די ווערטער:

צורה (צורע) — פּנים (פּאָנעם)
גבורה (גוואורע) — כוח (קויעך)
אימפּעט — haste

פּראַצעוועט — האַרעוועט, אַרבעט
כסדר (קעסיידער) — נאָכאַנאַנד
תיכּף (טייקעף) — באַלד

אַ מעשה מיט אַ מאַנטל

ז. ליבין •

אייבי דער שוסטער האָט דעם דאָזיקן מאַנטל באַקומען אַ ירושה פון זיין טאַטן, נאָך אין דער אַלטער היים. איז דער דאָזיקער מאַנטל שוין אַלט געווען ווער ווייסט וויפיל יאָרן. און דאָ, אין אַמעריקע, האָט ער אים שוין אויך געטראָגן אַ יאָר ניין, געלייגט אַ לאַטע אויף אַ לאַטע און געטראָגן, ווייל קיין נייעם האָט ער ניט געקענט קויפן: ער איז געווען אַ גרויסער קבצן.

שוין דריי יאָר אַז זיין ווייב האַלט אין איין קעמפן קעגן דעם דאָזיקן מאַנטל. זי האַלט אין איין טענהן:

— גוואַלד, אייבי, מאַך שוין אַ סוף צו דער דאָזיקער שמאַטע!

אָבער אירע רייד האָבן איר ווייניק געהאָלפן. ער פלעג בלויז אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט געזאָגט: גיי רעד מיט אַ יידענע, וואָס ווייס זי? און ער פלעגט זיך טאָן זיינס: אַרויפגעשלעפּט אויף זיך די שמאַטע און ווייטער געטראָגן.

עס איז געווען אַ זונטיק, אָנהויב זומער. אייבי מיט זיין ווייב האָבן געהאַלטן אין אויסרייניקן דאָס הויז. און זי האָט זיך ווידער גענומען צו אייבין:

— וואָס דענקסטו צו טאָן מיט דיין ווינטערדיקן מאַנטל?

— וואָס זאָל מען טאָן? — האָט אייבי געענטפערט — זאָל ער הענגען; עס וועט דאָך קומען נאָך אַ ווינטער.

אָבער דאָ האָט ער דערזען ווי זיין מאַנטל פליט אין מיסט אַריין...

— משוגענע! — האָט ער אויסגעשריען — וואָס וואַרפסטו זיך? ווייסט נאָך ניט צי דו וועסט האָבן אויף אַ בעסערן... וואַרפט זיך!...

זי האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר דעם וואָס זי האָט געטאָן, און איז אייניקע סעקונדעס געבליבן שטיין שטיל; באַלד איז זי אָבער געקומען צו זיך.

— אויף מיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט — האָט זי געענטפערט. — דער מאַנטל האָט שוין גאָרניט קיין ווערט.

— מאַך זיך ניט נאַריש! — האָט אייבי בייז גערעדט. — דערווייל זיינען נאָך די קינדער באָרוועס, און דו דאַרפסט האָבן אַ קלייד. און וואָס וועל איך טאָן ווינטער?

— מיך אַרט ניט... איך דאַרף ניט... איך קען ניט צוזען ווי דו טוסט אָן אויף זיך די שמאַטע.

— נו, זאָל זיין אַזוי ווי דו ווילסט.

אָבער אייבים מאַנטל איז לאַנג ניט געבליבן ליגן אין מיסט. אַן איטאַליענער האָט אים פון מיסט אַרויסגענומען און אים פאַרקויפט אין אַ קראָם פון אַלטע געניצטע קליידער.

דערווייל האָט זיך ווידער אָנגערוקט דער ווינטער, און אייבי איז אַ ברוגזער אַריין אין הויז.

— עס איז שוין אַזוי קאַלט אין דרויסן! — האָט ער מיט כעס אַ זאָג געטאָן.

— עס מוז טאַקע זיין קאַלט... — האָט זי קאַלבלוטיק געענטפערט.

אייבין האָט פאַרדראָסן פאַרוואָס זיין ווייב זאָגט עס אַזוי קאַלט־בלוטיק און ער האָט זיך שוין געוואָלט אויף אַן אמתן צעשרייען, אָבער זי איז אַוועק אין שלאָפצימער און איז פון דאָרטן באַלד אַרויסגעקומען מיט אַ פּאַק געלט אין די הענט... ביי אייבין איז דאָס האַרץ פאַרשטאַרבן געוואָרן...

— צייל איבער... — האָט זי געזאָגט, און איר פּנים און אירע אויגן האָבן געברענט מיט גליק.

אייבי האָט ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער געפינט זיך. ער האָט פאַנאַנדערגעעפנט דאָס מויל, אויסגעגלאָצט די אויגן און איז געבליבן שטיין ווי אַ למך.

— צייל איבער... — האָט זי איבערגעזאָגט — צייל איבער, וואָס שטייסטו, וואָס? דאָס האָב איך אָפּגעשפּאָרט פינף דאָלער... אַ גאַנצן זומער האָב איך געקליבן אַ פּעני צו אַ פּעני...

אירע ווערטער האָבן געציטערט פון גרויס גליק. און אייבי האָט צופרידן געדריקט מיט די פּלייצעס.

— נו, וועל איך שוין קויפן — האָט אייבי געזאָגט. — צוויי דאָלער וועט מען מוזן אָפּרייסן פון די שכירות, און פאַר זיבן דאָלער קען מען שוין עפּעס קויפן.

קומענדיקן זונטיק האָט אייבי גענומען די זיבן דאָלער און האָט שוין געהאַלטן ביים אַרויסגיין פון הויז.

— הער־זשע, מיין מאַן — האָט אים זיין ווייב אָפּגעשטעלט. — איך בעט דיך, זיי נאַר אַ מענטש.

— נו, וואָס איז דאָרטן?



— אַט אַזוי, זאָלסט זיך דינגען... זע, מען זאָל דיך, חלילה, ניט אָפּנאַרן... מען זאָל דיר, חלילה, ניט אַריינשפּאַרן אַ צוגעניצטע סחורה.

— איך האָב דאָך אויגן... — האָט זיך שוין איבי באַליידיקט, און ער האָט גענומען עפענען די טיר.

— זע־זשע — האָט זי אים ווייטער אָפּגעשטעלט — האָב אין זינען אַז עס איז בלוטיק געלט, און חלילה לאָז זיך נישט נאַרן .

— גענוג דיר שוין, גענוג שוין... — האָט איבי מיט ליבע גע־ענטפערט זיין פרוי און איז אַרויס פון הויז. און אַזוי שפּאַנענדיק איבער קאַנעל־סטריט איז אים עפּעס געוואָרן אַלץ טרויעריקער און טרויעריקער אויפן האַרצן. וואָס הייסט ער וועט אויסגעבן זיבן דאָלער פאַר אַ נייעם מאַנטל? זיין ווייב האָט דאָך ניט קיין גאַנץ קלייד אויף זיך און בערעלע האָט ניט קיין הייזקעלעך און באַשעלע דאַרף האָבן אַ קליידעלע... און ער האָט באַשלאָסן זיך צו קויפן אַ געניצטן מאַנטל פאַר פינף דאָלער... די איבעריקע פאַר דאָלער וועלן צוניצקומען.

אויף העסטער־גאַס האָט מען אים אַריינגעשלעפּט אין אַ פינצטערן קעלער, וואו מען האָט פאַרקויפט געניצטע קליידער. ער האָט אָנ־געמאָסטן אַ מאַנטל, פּונקט זיין מאָס... אַזוי האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווייל ביי דער טונקעלער שיין פון דעם גאַז־ברענער האָט ער ווייניק־וואָס געזען... דער מאַן פון דעם קעלער האָט זיך געהייסן באַצאָלן זיבן דאָלער, און איבי האָט קוים אַראָפּגעדונגען אַ דאָלער. באַצאָלט די זעקס דאָלער, איז איבי אַ צופרידענער אַוועק אַהיים.

— געקויפט? — האָט אים זיין ווייב באַגעגנט מיט שמחה.

— געקויפט! — האָט איבי געענטפערט.

— אַ נייעם? — האָט זי איבערגעפרעגט.

— אַביסל אַ צוגעניצטן... אָבער אַ טייערע סחורה.

זי האָט גענומען דעם מאַנטל אין אירע הענט, האָט אים באַ־טראַכט. פּלוצלונג האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן; איר פּנים איז געוואָרן טויט־בלאַס.

— ווײ איז מיר! — האָט זי אויסגעשריען אַ פֿאַרציטערטע. — דאָס איז דאָך דײַן מאַנטל — זי האָט פֿאַרבראָכן די הענט און גע־נומען אַרומלויפֿן איבערן צימער.



— ווי הייסט מײַנער?... — האָט געשטאַמלט אייבי.

— דײַנער... דײַן שמאַטע, וועלכע דו האָסט פֿאַראַיאָרן אַרויס־געוואָרפֿן אויפֿן מיסט... נאַ, קוק! אָט זײַנען אַלע סימנים: אָט איז דער גרויסער ריס, וועלכן איך האָב פֿאַרריכט... און אָט איז דער סימן אויפֿן אונטערשלאַג... און אָט איז נאָך אַ סימן... אוי, ווײ, ווײ!...

אייבי האָט איר שוין ניט דערציילט, אַז ער האָט אָפּגעשפּאָרט אַ דאָלער. ער האָט זיך דאָך אַזוי געפֿרייט מיטן דאָזיקן אָפּגעשפּאָרטן דאָלער: עס וועט זײַן פֿאַר בערעלען אויף הייזקעלעך און פֿאַר באַשעלען אויף אַ קליידעלע... און ער אַליין האָט אַ גוטן מאַנטל... פֿאַרשטערט געוואָרן די שמחה...

פֿאַרשטיי די ווערטער:

ירושה (יערושע) —
inheritance
קבצן (קאַפּצן) — אָרעמאַן

פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט —
responsibility
שכירות (סכירעס) — געהאַלט, לוין, wages

טראַנספּאָרטאַציע

לויפט אַ באַן איבער די ——————
די באַן ווערט געשלעפּט פון אַ ——————
צום לאָקאָמאָטיוו זיינען צוגעטשעפּעט צענדליקער ——————
די וועלכע פאָרן אויף דער באַן רופן זיך ————
אַ באַן וואָס פירט פראַכט רופט זיך ————
די באַן שטעלט זיך אָפּ ביי אַ ————
מענטשן און פראַכט פירט מען אויך אין ————
די אָטאָמאָבילן האַלט מען אין ————
מענטשן פאָרן אויך איבער וואַסערוועגן אויף ——
דער גרויסער וואַסערוועג רופט זיך ————
לעצטנס האָט מען אָנגעהויבן פאָרן אויף אַ נייעם וועג, וואָס רופט זיך ————
אויפן לופטוועג פליט מען מיט ————
די סטאַנציעס פון די עראָפּלאַנען רופן זיך אָן ——
די סטאַנציעס, וואו די שיפן שטעלן זיך אָפּ, רופן זיך ————

פראַכט-באַן
סטאַנציע
פּאַסאַזשירן
האַנגאַרן
רעלסן
לאָקאָמאָטיוו
ים אָדער אָקעאַן
גאַראַזשן
לופטוועג
שיפן
עראָפּלאַנען
האַפנס אָדער פּאָרטן
אָטאָמאָבילן אָדער לאַסט-אָטאָמאָבילן
וואַגאָנען

אַ ר ב ע ט: פאַרענדיק די זאַצן פון רעכטס מיט די פּאַסיקע ווערטער פון דעם קאָלום לינקס. שרייב איבער אין העפט.

דער — דעם	דאָס — דאָס
דער גרויסער טיש און דאָס קליינע טישל	איך וועל אויפהויבן —— —— טיש און דו —— —— טישל.
דער שטאַרקער לייב און דאָס שוואַכע מייזל	זע נאָר —— —— לייב און —— —— מייזל.
דער בייזער וואָלף און דאָס שוואַכע שעפּסעלע	זע נאָר ———— וואָלף ווי ער צערייסט ———— שעפּסעלע.
דער פלייסיקער פּויער און דאָס פוילע פערדל	עמעצער האָט אָפּגענאַרט —— —— פּויער און האָט אים פאַרקויפט —— —— פערדל.
דער אַלטער זיידע און דאָס יונגע אייניקל	דאָס יונגע אייניקל האָט ליב —— —— זיידן און —— —— זיידע האָט ליב —— —— אייניקל.
דער פיינער קאָנצערט און דאָס שיינע געזאַנג	מיר האָבן געהערט —— —— קאָנצערט און —— —— געזאַנג.

אַ ר ב ע ט: שרייב איבער אין דיין העפט די זאַצן פון לינקס מיט „דעם“ אָדער „דאָס“.

דער ווערב שטיין געבויגן אין דער פאַרגאַנגענער צייט

מערצאָל	אייַנצאָל
מיר זיינען געשטאַנען	איך בין געשטאַנען
איר זיינט געשטאַנען	דו ביסט געשטאַנען
זיי זיינען געשטאַנען	ער (זי) איז געשטאַנען

אַ ר ב ע ט: בייג אַליין אין דער פאַרגאַנגענער צייט די פאָלגנדיקע פינף ווערבן: לויפן, פליען, זיין, ווערן, גיין.

מ ע ט אַ ל ן

אַלע מעטאַלן ווערן אויסגעגראָבן פון די טיפענישן פון דער ————	פלאַטין
די פּאָפּולערסטע און פּשוטסטע מעטאַלן זיינען—	בראָנדז
מעשענע כלים ווערן געמאַכט פון דעם געלן ———	מינען
קופערנע כלים ווערן געמאַכט פון דעם רויטלעכן ———	סענטיקע מטבעות
פון קופער ווערן אויך אויסגעגאָסן די ———	אייזן און שטאָל
דער פינפסענטיקער „ניקל" ווערט אויסגעגאָסן פון ———	קופער
אַ ווייסער דינער מעטאַל מיט וועלכן מ'דעקט דעכער ———	מעש
אַ מעטאַל ענלעך צו זילבער, פון וועלכן מ'גיסט אוים סטאַטוען ———	גאָלד און זילבער
אַ טייערער מעטאַל, וואָס איז כמעט אַזוי זעלטן ווי גאָלד ———	ערד
צוויי מעטאַלן פון וועלכע מען גיסט אוים גרעסערע מטבעות און טייערע כלים און צירונג ———	ניקל
די גריבער און היילן פון וועלכע מען גראָבט אַרוים מעטאַלן ———	בלעך

אַ ר ב ע ט: פאַרענדיק די זאַצן פון רעכטס מיט פאַסיקע ענטפערס פון לינקס.

קענסטו לייענען און שרייבן די דאָזיקע העברייאישע ווערטער?

סעודה-סעודות * מעשה-מעשות * גזלן-גזלנים
שבת-שבתים * מסתמא * בחורל * שרה * לאה
רחמנות * אפילו

דער שניידער

● ד. עדעלשטאַט

אַ שניידער זיצט אַן אַלטער
מיט ווייסע גרויע האָר;
זיין שער און נאָדל האַלט ער
שוין גאַנצע פופציק יאָר.

ער זיצט אין דרייען געבויגן,
ער אַרבעט טאָג און נאַכט;
מיט טרערן אין די אויגן
נייט ער, זיפצט און טראַכט...

אַוועק זיינען די יאָרן
אין אַרבעט און אין נויט,
די כוחות כ׳האָב פאַרלאָרן,
און כ׳האָב קיין רו, קיין ברויט.

אָט גייט דער שניידער אָרעם,
צעבראָכן, שוואַך און בלאַס;
זיין אַרבעט אונטער אָרעם,
געזיכט — פון טרערן נאַס.

אָ, מענטשן, רייכע, זאַטע,
קוקט אייך צו נאָר גוט!
אויף אייערע קליידער גלאַטע
ליגט דעם שניידערס בלוט!

מײַן ערשטער דעפּאָזיט

• משה נאַדיר

איך ווייס נישט ווי אַזוי דאָס איז געשען, ווי אַזוי ס'איז מיר גאָר איינגעפאַלן אַזאַ געדאַנק צו נעמען מײַנע בלוטיקע געלדער און זיי אָנגעטרויען אַ באַנק! אָבער עס איז געשען. מוצאי־חנוכה פון הײַנטיקן יאָר האָב איך גענומען מײַנע שווער־פאַרהאָרעוועטע געלדער — מײַנע צוואַנציק דאָלער — און זיי אַוועקגעטראָגן אין באַנק אַרײַן און אָנ־שטאָט געלט — ל ע ב ע ד י ק געלט, וואָס מען קאָן דערמיט קויפן וואָס מען וויל, האָב איך געקראָגן עפּעס אַ גרין ביכעלע, צונױפגעלייגט אין אַ גרין קאָנווערטל, און — דאָס אַלץ. אַז איך האָב דאָס דערזען איז מיר איינגעפאַלן ס'האַרץ, און איך האָב שוין חרטה געהאַט אויף דעם גאַנצן ענין.

ערשטנס איז מיר ניט געפעלן געוואָרן דאָס בחורל, וואָס שטייט ביים פענצטערל און נעמט צו ס'געלט. אַ יונג בחורל. וואָס טו איך אים, אַז ער נעמט צו ס'געלט און אַנטלויפט? און צווייטנס איז מיר נישט געפעלן געוואָרן ווי אַזוי ער האָט מיך באַהאַנדלט: צוגענומען ס'געלט, אַ כאַפּ געטאָן עפּעס אַ ביכעלע, אַרײַנגעשריבן דאָרטן וואָס־נישט־איז, דערלאַנגט דערמיט אַ קנאַק אויפן פענצטערל און אַ זינג געטאָן: „נעקסט!"...

אַזוי גיך ווי איך האָב געקראָגן ס'ביכעלע האָב איך אַ קוק געטאָן אינעווייניק און... ס'איז מיר פאַרקילט געוואָרן וואו איך האָב געהאַט אַ טראָפּן בלוט. וואָס איז דאָס פאַר אַ מין געשריפטס? און ווי אַזוי וועט ער עס קאָנען איבערלייענען? און פונוואַנען ווייסט ער, אַז ס'מאַכט צוואַנציק?... „עי!" האָב איך געטראַכט, „עפּעס געפעלט מיר ניט דער גאַנצער עסק!"... און איך בין צוגעלאָפן צום פענצטערל, אַוועקגעשטופּט דעם יידן וואָס איז געשטאַנען אין „לײַן" און אַרײַנ־געשריען צו דעם בחורל אינעווייניק. „העי!" האָב איך אים אַרײַנ־געשריען, „איך האָב אייך אָקאָרשט אַוועקגעגעבן צוואַנציק דאָלער!"

— וואָס־זשע ווילט איר? — מאַכט צו מיר דאָס קאַסירערל און פאַרשניצט זיך אַ בלייפעדער.

— איך וויל איר זאָלט ניט זיין אַזאַ עזות־פּנים! — זאָג איך.

מאַכט ער צו מיר: מיסטער, וואָס ווילט איר? איך האָב אייך געגעבן אַ ביכל? — דאַצאַל!

— איצע נאָך! — זאָג איך. — איך וויל מיט דיר מער נישט רעדן,

דו בלוטזויגער, — זאָג איך — וואָס דו ביסט. איך זע שוין, — זאָג איך — אַז איך בין דאָ אַריינגעפאַלן אין די ריכטיקע הענט. גיב מיר צוריק — זאָג איך — ס׳געלט און לאָמיר — זאָג איך — זיין אויס מחותנים.

מאַכט ער צו מיר: צימפּאָסיבל!

זאָג איך: איכ׳ל דיר באַלד געבן אַ צימפּאָסיבל, אַז דער גוטער יאָר וועט דיך צונעמען. שווינדלער, — זאָג איך — וואָס דו ביסט. מיט מ י ר — זאָג איך — וועסטו נישט מאַכן אַזעלכע שטיק. גיב אַהער די געלדער, — זאָג איך — איידער — זאָג איך — איך שריי געוואַלד. גע-וואַה-לד! — צעשריי איך זיך אויפן קול — גע-וואַה-לד!

דערהערט אַז איך שריי געוואַלד, איז ער שוין געוואָרן אַביסל ווייכער — דער בחור, און מיר גענומען געבן צו פאַרשטיין, אַז איצט קאָן ער מיר נישט צוריקגעבן ס׳געלט, אַז איך מוז וואַרטן צוויי וואָכן. ס׳אַ רול אַזאַ.

זאָג איך: אויב אַזוי, טאָ לייענט-זשע מיר איבער וואָס איר האָט אַריינגעשריבן אין ביכעלע. לאָמיך זען — זאָג איך — צי איר ווייסט וואָס איר האָט דאָרטן אַריינגעשריבן. עפּעס — זאָג איך — האָט איר עס מיר געמאַכט צו שנעל. עס גלויבט זיך מיר נישט, — זאָג איך — אַז מ׳זאָל אַזוי גיך קאָנען פאַרשרייבן אַזוי פיל געלט.

נעמט ער ביי מיר צו ס׳ביכעלע און לייענט איבער: צוואַנציק טולער.

זאָג איך: אַלרייט. געדענקט-זשע! ס׳איז צוואַנציק טולער! און זאָלן די יידן, — זאָג איך — וואָס שטייען לעבן פענצטערל, זיין עדות, אַז איך האָב דאָ אין באַנק צוויי קנאַקנדיקע צענערלעך!

און איך גיי אַהיים מיטן ביכעלע.

מילא פאַרשטייט זיך, אַז פון שלאָפן איז שוין געווען אָפּגערעדט. אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר געחלומט, אַז רויבער זיינען באַפאַלן די באַנק און מ׳האָט אויסגערויבט וואו אַ פעני. עטלעכע מאָל דורך דער נאַכט האָב איך זיך אויפגעוועקט און געשריגן געוואַלד, און אַז ס׳איז געוואָרן טאָג, האָב איך די ערשטע זאַך געכאַפּט די קאַר און אַוועקגעלאָפן צו דער באַנק.

זי איז געווען גאַנץ, נישט אויסגערויבט. אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פון האַרץ.

נאָר אַזוי ווי איך בין אַזוי געשטאַנען ביי דער באַנק און באַטראַכט דאָס פענצטער, איז מיר איינגעפאַלן, אַז די גראַטעס זיינען צו שוואַך און מ׳באַדאַרף האָבן נייע גראַטעס.

בין איך שוין אַזוי געשטאַנען מיטן לאָנטש-קעסטל אין האַנט און געוואַרט ביז דער פּרעזידענט פון באַנק וועט אָנקומען.

אַז דער פּרעזידענט איז אָנגעקומען, האָב איך אים פאַרנומען אָן אַ זייט און אים געזאָגט, אַז ער מוז האָבן נייע גראַטעס פאַר דער באַנק און נאָך מיין מיינונג — זאָג איך — איז די גאַנצע געביידע אַ שוואַכע, און מען דאַרף זי איבערבויען. מען דאַרף זען, — זאָג איך — אַז די גאַנצע געביידע זאָל זיין פון סאַמע מערמלשטיין, ווייל מערמלשטיין — זאָג איך — איז האַרט.

מאַכט ער צו מיר: אָלרייט, איך דאַנק אייך פאַר דער עצה.

זאָג איך: געדענקט-זשע! אַ נייע געביידע פון מערמלשטיין! און נייע גראַטעס... און ס׳זאָל זיין — זאָג איך — גוט באַוואָרנט... איך בין עקסטרע — זאָג איך — געקומען צו לויפן פון בראָנזוויל . . . ווייל ס׳האָט זיך מיר — זאָג איך — געחלומט, אַז מ׳האָט אונדז באַגנבעט...

פאַרנאַכט, אַז איך דאַרף אַהיימפאָרן, טראַכט איך: איכ׳ל פאַרבייגיין די באַנק זען וואָס ס׳הערט זיך. מ׳קען קיינמאָל ניט וויסן, — טראַכט איך— ווי אַזוי אַ זאַך מאַכט זיך. ס׳אַמעריקע! — טראַכט איך.

איך קום אַזוי צו צו דער באַנק און איך גיב אַ קוק ,זע איך: עפּעס אַ ייד פליט אַרויס פון באַנק און — הויבט אָן לויפן.

הויב איך אָן שרייען געוואַלד! און — איך לויף אים נאָך... אַזוי לאַנג ביז וואַנעט אַ פּאָליסמאַן האָט אים אָפּגעשטעלט. און וואָס, מיינט איר, האָט זיך אַרויסגעוויזן? עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ייד איז אָנגעשטעלט אין באַנק און אַז ער איז געלאָפן כאַפּן אַ קאַר, ווייל דאָס ווייב גייט אים צו קינד מיט אַ מיידעלע.

האָב איך מיך אַ קאַפּעלע פאַרשעמט און אַהיימגעפאָרן.

אָבער שלאָפֿן האָב איך ווידער ניט געקאָנט. אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר אַלץ אויסגעדאַכט, אַז דאָס קאַסירערל, וואָס האָט מיר געגעבן ס׳ביכל, האַלט אין דער האַנט אַ זעקל מיט געלט און לויפֿט. און איך נאָך אים... און איך האָב ווידער עטלעכע מאָל געשריגן געוואַלד פֿון שלאָף און געוואָרפֿן מיט די הענט...

דערווייל גייען אַוועק נאָך צוויי טעג, לייען איך אין די פּייפּערס, אַז מ׳האָט באַגנבעט אַ באַנק, ערגעץ אין די בראָנקס. לויף איך אַוועק צום פּרעזידענט פֿון מיין באַנק און זאָג אים:

— ס׳איז ביטער!

מאַכט ער צו מיר: וואָס איז דער מער?

זאָג איך: מען גנבעט!

זאָגט ער: ביי מיר וועט מען נישט גנבענען! מיין באַנק איז באַוואָרנט.

זאָג איך: נו, און וואָס טוט איר, למשל, אַז אייער קאַסירערל כאַפּט צו ס׳געלט און אַנטלויפֿט?

זאָגט ער: מיסטער, איר ווייסט ניט וואָס איר רעדט!

זאָג איך: נו, מילא... ווייס איך נישט וואָס איך רעד... אָבער נייע גראַטעס האָט איר געמאַכט?...

זאָגט ער: ניין.

זאָג איך: נו, און די געביידע האָט איר איבערגעבויט, צי אויך נישט?

מאַכט ער: פּליעז, הערט אויף באַדערן.

זאָג איך: אויב איר האָט נישט געמאַכט קיין נייע גראַטעס און די געביידע האָט איר אויך נישט איבערגעבויט, און דאָס שיינע

קאַסירערל אייערס האָט איר נישט אָפּגעשאַפּט, טאָ גיט־זשע מיר אַהער — זאָג איך — די געלדער!

זאָגט ער: איר מוזט וואַרטן ביז וואַנען עס וועט זיין פולע צוויי וואָכן.

זאָג איך: אָלרייט, איכ'ל וואַרטן. אָבער ווייסט איר וואו איכ'ל וואַרטן? אָט דאָ אין דרויסן פאַר דער באַנק וועל איך וואַרטן. איר וועט ביי מיר — זאָג איך — קייען די ערד און קיין סאַטיספעקשאָן — זאָג איך — וועט איר ביי מיר נישט אויספירן. איך זאָל אַפילו וויסן, אַז מיינע קינדער וועלן בלייבן אָן אַ טאַטן, וועל איך מיך נישט רירן פון דרויסן, ביז וואַנען איכ'ל נישט האָבן צוריק ס'געלט. איכ'ל נישט איבערלאָזן — זאָג איך — די באַנק אויף הפקר. איך — זאָג איך — וועל וואַטשן און מיין לאַנדסמאַן, וואָס וואוינט דאָ קעגנאיבער, וועט וואַטשן... ס'ט זיך טאָן — זאָג איך — חושך! אָט אזא מין ייד בין איך!... איכ'ל דאָ שטיין אין דרויסן — זאָג איך — אין די גרעסטע פרעסט, און לאָמיך זען — זאָג איך — טוט מיר עפּעס. דו מי סאַמטינג!

מאַכט ער צו מיר: איר זיינט אַ מאָדנער מענטש, קומט אַראָפּ מיט מיר אונטן אין באַנק, וועל איך אייך הייסן אויסצאָלן — זאָגט ער — אייערע צוואַנציק דאָלער.

זאָג איך: נאָסער! אַזעלכע מאַנקי־ביזנעס גייען ביי מיר נישט! און ווייל — זאָג איך — איר ווילט מיר צוריקגעבן ס'געלט, וויל איך עס דווקא נישט נעמען. איר קענט מיך — זאָג איך — נישט צווינגען דערצו...

זאָגט ער: אָלרייט, נעמט נישט אַרויס דאָס געלט.

זאָג איך: נעווערמיין, „נעמט נישט אַרויס ס'געלט". אַז איכ'ל וועלן וועל איך אַרויסנעמען.

זאָגט ער: פּליעז, גייט אַרויס און הערט אויף נודיען!

זאָג איך: אָלרייט, איך גיי אָבער איכ'ל שטיין אין דרויסן. אין די גרעסטע פרעסט וועל איך שטיין אין דרויסן און וואַטשן מיינע געלדער. און מיין אומשולדיק בלוט — זאָג איך — און דאָס בלוט פון מיינע אומשולדיקע יתומים וועט פאַלן — זאָג איך — אויף אייערע קעפּ. באַנדיט!! — זאָג איך — וואָס איר זיינט. דער לעקטרי־טשער — זאָג איך — איז פאַר אייך ווייניק... מערדער! געוואַלד!

און איך נעם שרייען מיט אַלע כוחות.

דער סוף איז געווען, אַז מ'האָט מיר אָפּגעגעבן די צוואַנציק

דאָלער און אַהיימגייענדיק פון באַנק האָט מען זיי ביי אים אַרויס־געגנבעט פון קעשענע...

און פון דעמאָלט אָן (אַזוי ענדיקט דער ייד וואָס דערציילט די דאָזיקע געשיכטע), פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך געגעבן אַ שבועה: אַז מיין פוס זאָל נישט אַריבערטרעטן די שוועל פון אַ באַנק. ס'איז רעגעלע באַנדיטן איז דאָס! קעשענע־גנבים! פּיק־פּאָקעטס! לאָזן זיי זיך אָנצינדן!

פּאַרשטייט די ווערטער:

אָנגעטרויען — to trust	מחותנים (מעכוטאָנים) — relatives
חרטה (כאַראָטע) — regret	אָפּגעשאָפּט — discharged
ענין (איניען) — matter, business	יתומים (יעסוימים) — orphans
קאַסירערל — cashier	עדות (איידעס) — witness
דווקא (דאַווקע) — טאַקע, נאָר	מילא (מיילע) — well
עסק (אייסעק) — business	געביידע — building
אָקאָרשט — just now	מערמלשטיין — marble
עזות־פּנים (אַזעס־פּאָנעם) — arrogant man	הפקר (העפקער) — ownerless
	אַ שבועה (שוואוע) — oath

יידישע וויצן וועגן נאַראָנים און נאַרישקייטן

וואו־זשע איז די קאַץ?

ס'קומט אַהיים אַ באַלעבאָסטע:

— אוי ווי איז מיר! די קאַץ האָט אויפגעגעסן די גאַנצע פּוטער. דריי פונט פּוטער געווען און ניטאָ קיין לעק!...

— פונוואַנען ווייסטו, אַז דאָס האָט די קאַץ אויפגעגעסן די פּוטער? האָסט דען געזען? — פרעגט זי דער מאַן.

— אָט וועלן מיר טאַקע באַלד זען! — זאָגט די באַלעבאָסטע און לייגט אַרויף די קאַץ אויף דער וואָגשאָל. וועגט די קאַץ פונקט דריי פונט. שטייט די באַלעבאָסטע און וואונדערט זיך:

— די פּוטער אַליין איז דאָך געווען דריי פונט, איז די פּוטער דאָ... טאָ וואו־זשע איז די קאַץ?

כ ד א י	כ ד י	א ג ב

ביי דיר איז אַלץ כ ד א י, אַבי דו זאָלסט דיינס אויספירן. האָסט שוין ווידער פאַרוואָרפן דיינע ביכער, כ ד י דו זאָלסט ניט דאַרפן צוגרייטן דיין היים־אַרבעט. עס איז כ ד א י אַ קוק צו טאָן אין ווערטערבוך, כ ד י צו זיין זיכער מיטן דאָזיקן וואָרט. עס איז כ ד א י צו גיין אין טעאַטער, כ ד י צו זען די גוטע שפּילער.

אַ ג ב, וואָס האָסטו מיר עפּעס געוואָלט זאָגן? ביסט דאָך, א ג ב, אַ גרויסער שטיפער. עס וואָלט דיר, אַ ג ב, גאָרניט געשאַדט דו זאָלסט איבערלייענען יעדן חודש אַ יידיש ביכל.

אַ ר ב ע ט: מאַך פינף זאַצן מיט כדאי, כדי, אגב.

●

דער — דעם; די — דער; דאָס — דעם

דאָס קליינע פּיסל	דער הונט האָט אים אַ ביס געטאָן אין —— —— פּיסל.
די שוואַרצע קאַווע	מיר האָבן זיך געקוויקט מיט —— —— קאַווע.
דאָס פּינצטערע געסל	מיר זיינען געגאַנגען דורך —— —— געסל.
די קליינע שטאָט	עס איז רואיקער צו לעבן אין —— —— שטאָט.
דאָס קליינע שטעטל	זיי קומען אָן פון —— —— שטעטל.
די וואַרשעווער געטאָ	מיר האָבן אַ סך געלייענט וועגן —— —— געטאָ.
דער טויבער מאַן	דאַרפסט רעדן העכער צו —— —— מאַן.
די זילבערנע טאַץ	כ ען האָט דערלאַנגט צובייסן אויף —— —— טאַץ.
דער נייער תּלמיד	אַלע ווילן זיצן לעבן —— —— תּלמיד.
די גוטע בשורה	אַלע האָבן זיך געפרייט מיט —— —— בשורה.

אַ ר ב ע ט: שרייב איבער און שטעל צו דעם ריכטיקן אַרטיקל.

●

קענסטו לייענען און שרייבן די דאָזיקע העברייאישע ווערטער?

סימן-סימנים * אות-אותיות * רבי-רבנים * מוח-מוחות
מזרח * מערב * צפון * דרום * אוודאי * הלוואי

דער ווערב שטיין געבויגן אין דער צוקונפטיקער צייט

מערצאָל	אײנצאָל
מיר וועלן שטיין	איך וועל שטיין
איר וועט שטיין	דו וועסט שטיין
זיי וועלן שטיין	ער (זי) וועט שטיין

אַ ר ב ע ט: בייג אַליין אין דער צוקונפטיקער צייט די פאָלגנדיקע פינף ווערבן: קאָכן, באַקן, בראָטן, וואַשן, נייען.

קענסטו לייענען און שרייבן די דאָזיקע העברייאישע ווערטער?

משפחה-משפחות * כוח-כוחות * חודש-חדשים
שמחה-שמחות * מכבד זיין * בכלל * חרטה
מוחל זיין * עקיבא * רחל

שיקן בריוו, טעלעפאָנירן, טעלעגראַפירן

דורך דער פּאָסט שיקט איינער צום צווייטן ————	טעלעגראַפירט
אַ בריוו דאַרף מען פאַרקלעפּן אין אַ ————	טעלעפאָנירן
צום קאָנווערט דאַרף מען צוקלעפּן אַ ————	בריוו
אויפן קאָנווערט דאַרף מען אָנשרייבן דעם ————	קאָנווערט
אַ קליין בריוועלע קען מען אויסלייגן אויף אַ ————	מאַרקע
כדי עפּעס לאָזן וויסן אויף שנעל שיקט מען אַ טעלעגראַמע, דאָס הייסט מען ————	אַדרעס
נאָך שנעלער פון טעלעגראַפירן איז ————	קאַרטל

אַ ר ב ע ט: פאַרענדיק די זאַצן פון רעכטס מיט צוגעפּאַסטע ווערטער פון דעם קאָלום לינקס. שרייב איבער אין העפט.

●

ש פ ר י כ ו ו ע ר ט ע ר

דאָס אויג איז קליין, ————	גאַסן האָבן אויגן
בעסער גוט געזען, ————	אָבער אַ סך געמיינט
ווענט האָבן אויערן, ————	אָבי דעם אמת
אַביסל גערעדט, ————	דאָך זעט עס די גאַנצע וועלט
ווייניקער אַ וואָרט, ————	איידער שלעכט געהערט

אַ ר ב ע ט: פאַר צונויף דעם אָנהויב פון יעדן שפּריכוואָרט (רעכטס) מיט זיין צווייטן טייל פון לינקן קאָלום.

ווינטער • גוסטאַוו קורבעט

אַקעגן פראָסט

• א. פעפער

די פייגל האָבן שוין פאַרלאָזט
סעפּטעמבערדיקע נעסטן,
ס'איז גוט אַרויס אַקעגן פראָסט,
מיט ווינטן זיך פאַרמעסטן...

די שנייען דרייען אומעטום
און לייגן זיך אויף צווייגן,
און נאָר די טייכן זיינען שטום,
און נאָר די וואָלקנס שווייגן...

און כ'טו צו ווינטן אַ געשריי:
כ'בין גרייט צו דעם געראַנגל.
כ'האָב ליב דעם שניי, ווען ער איז ניי,
ווען ער איז ניט צעגאַנגען.

כ'האָב ליב דעם פראָסט, וואָס בריט און ברענט,
צו שניידן מיטן שליטן,
כ'האָב ליב די זון נאָר, ווען זי בלענדט,
און שנייען, ווען זיי שיטן!

מתתיהו • באָריס שאַץ

יהודה המכבי

• אברהם ליעסין

איז דער אַלטער פירער מתתיהו טויט,
הויבט זיין זון יהודה אויף די פאָן,
וואָס דער פאָטער האָט אים פאַרן טויט פאַרטרויט,
און דער פרייהייטס-קאַמף גייט ווייטער אָן.

און ער רופט פון פעלדזן-שפאַלט צו פעלדזן-שפאַלט,
קעגן פיינט אין אָפן פעלד צו גיין;
הילכט פון דערנער-קוסט צו דערנער-קוסט און שאַלט,
ווי מען שווערט זיך ביזן סוף צו שטיין.

ווייגען בערדיקע גבורים אַזש פאַר גליק,
וואָס עס פאַלט אויף זייער חלק אויס,
ווי די אַלטע העלדן, אויפשטיין גרוים צוריק
פון דער אַלטער גרויסער ערד אַרויס.

ווי זיי גייען, קליין אין צאָל און גרויס אין ברען,
און זיי קוקן אויפן לאַנד אַראָפּ,
וואו עס לעבט דאָס פאָלק, פאַר וועמען נאָך מען קען
אין עקסטאַז אַוועקלייגן דעם קאָפּ.

פלאַקערט די באַגייסטערונג אַלץ מער,
שטורעמט אויף די שלאַכט אַלץ ברויזנדער,
און עס וואַרפן זיך אָן שפּייז און אָן געווער
הונדערטער אַנטקעגן טויזנטער.

און עס איז געשען! און וואָלט עס ווער געגלויבט!
פירט דאָס קלענסטע פאָלק דעם גרעסטן קריג,
און די וועלט-מאַכט פון אַנטיאָכעס ווערט צעשטויבט,
און יהודה גייט פון זיג צו זיג.

פאַרשטייט די ווערטער:

חלק (כיילעק) — טייל
צעשטויבט — צעקלאַפּט ווי שטויב
גבורים (גיבוירים) — העלדן
פאַרטרויט — entrusted
פעלדזן-שפּאַלט — cleft in rocks
דערנער-קוסט — thorn-bush

דער קליינער יהונתן

• משה שיפרים

עס איז געווען אַ הייסער סוף-זומערדיקער טאָג. די זון איז געשטאַנען אין מיטן הימל און געבאַקן דאָס יידישע שטעטל מודיעין, וואָס איז זיך פרידלעך געלעגן אויף איינעם פון די בערג פון יהודה.

די פויערים און לאַנד-אַרבעטער, וועלכע זיינען געשטאַנען מיט געבויגענע רוקנס אויף די פעלדער, און די גערטנער זיינען געווען אומרואיק. דער גריכישער קעניג אַנטיאָכעס, דער הערשער איבער יהודה, האָט געמאַכט פון פרידלעכן לאַנד אַ טורמע. ער האָט צוגענומען ביי די יידן זייער פרייהייט. די יידישע זעלבסט-פאַרוואַלטונג, די יידישע געזעצן האָט ער אָפּגעשאַפט. די אַלטע יידישע ריכטער און שטאַט-עלטסטע האָט מען אַריינגעוואָרפן אין געפענגעניש און זיי געמאַטערט צום טויט.

דאָס פאָלק איז געווען פאַרביטערט און דערצאָרנט.

— אַלץ, אַלץ נעמט ער צו פון אונדז: פונעם ברויט פון פעלד נעמט ער צו אַ דריטל, פון די פּרוכטן פון די גערטנער נעמט ער אַ האַלב, קאָפּ־שטייער, זאַלץ־שטייער, און פון וואָס ניט?

מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט דאָס שאַלן פון אַ האָרן.

— דאָס איז דער קליינער יהונתן.

— ער האָט מסתמא עפּעס געזען.

— שנעל, אין שטעטל אַריין, אַלע!

— וואַרפט די אַרבעט!

פון די פעלדער, פון די גערטנער האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן אויפן מאַרק פון שטעטל מודיעין.

אַלע האָבן אומגעדולדיק געוואַרט אויף דעם קליינעם יהונתן, וועלכער האָט פון די הויכע פעלדזן געהיט די וועגן וואָס האָבן געפירט פון ירושלים, און באַדאַרפט לאָזן וויסן ווען צי דער שונא קומט.

באַלד איז דער צוועלף־יאָריקער יהונתן אָנגעלאָפן אַ מידער, אַ פאַרשוויצטער. ער האָט קוים געקענט כאַפּן דעם אָטעם. זיינע שיינע געקרויזטע האָר זיינען געווען צוגעקלעפּט צום שטערן, צו די באַקן, אַזוי פאַרשוויצט איז ער געווען. ער האָט געטראָגן אַ זאַק־קלייד און אַ שטעקן צוויי מאָל אַזוי די גרויס ווי ער אַליין איז געווען.

אַלע זיינען אים באַפאַלן:

— וואָס האָסטו געזען?

— זיי קומען. פון וויטן האָב איך געזען ווי ס׳הויבט זיך אויף אַ שטויב אויפן וועג. דערנאָך האָב איך געזען די שפּיצן פון די לאַנגע שפּיזן. זיי קומען. זיי זיינען שוין באַלד ביי דער שטאָט.

אַ זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער מאַסע.

פון אונטער דעם באַרג האָט זיך אויפגעהויבן אַ הויכער מעליקער שטויב. ער האָט זיך דערנעענטערט. ס׳האָבן זיך מיט אַמאָל באַוויזן רייען סאָלדאַטן מיט לאַנגע שפּיזן און פאַנצערס.

מיט אַ קוים באַהאַלטענעם צאָרן האָבן די יידן צוגעקוקט ווי עס

דערנעענטערט זיך דער עלטסטער און הינטער אים די סאָלדאַטן.

מיטאַמאָל האָט זיך איבער דער מאַסע באַוויזן דאָס געשטאַלט פון אַן אַלטן שטאָלצן מאַן מיט אַ שיינער ווייסער באָרד. לעבן אים זיינען געשטאַנען פינף העלדישע שלאַנקע יונגען.

— דער אַלטער מתתיהו דער חשמונאי מיט זיינע זין — האָט עמעצער מיט שטוינונג אַ וויז געטאָן.

דער אַלטער האָט מיט אַ שטאָלצן בליק אַרומגענומען דעם עולם און אויפגעהויבן אַ האַנט.

אַלע זיינען שטיל געבליבן.

דער אַלטער מתתיהו האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ שווערד פון זיין יינגסטן זון און אויסגעשריען:

— וויפיל יאָרן עס זיינען מיר פאַרבליבן צו לעבן, וועל איך אָפּ-געבן צו קעמפן פאַר פרייהייט. דער וואָס וועט זיך אונטערגעבן דעם שונא וועט פאַלן פון מיין שווערד.

— לאָמיר זיך אונטערגעבן — האָט איינער אויסגעשריען — דער שונא איז שטאַרק און מיר זיינען אַ הייפעלע.

דער אַלטער האָט מיט פלינקע טריט, ווי אַ הירש, זיך אַ יאָג געטאָן צום פאַררעטער און אים דורכגעשטאָכן מיט זיין שווערד. דער עלטסטער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אים מיט זיין לאַנגער שפּיז, האָט זיך דער אַלטער פלינק אַ דריי געטאָן און מיט דער זעלבער שווערד, וואָס האָט געטויט דעם פאַררעטער, האָט ער דערשטאָכן דעם גריכישן עלטסטן.

מתתיהו מיט זיינע פינף העלדישע זין האָבן צונויפגעזאַמלט אַלע מוטיקע און העלדישע יידן. פון אַ קליינער גרופּע רעבעלן איז אויס-געוואַקסן אַ גרויסע אַרמיי פון טויזנטער.

אין דער שפּיץ פון דער אַרמיי איז געשטאַנען מתתיהוס עלטסטער זון, יהודה המכבי (דער האַמער).

יהודה איז געווען יונג, שטאַרק און מוטיק. ער פלעגט זיך ניט אָפּשרעקן פאַר קיין געפאַר און מיט זיין בראַווקייט און העלדישקייט האָט ער אָנגעצונדן די הערצער פון די טויזנטער קעמפער.

גרויס העלדישקייט האָט יהודהס אַרמיי באַוויזן. יעדע גרופּע גריכישע סאָלדאַטן, וואָס פלעגט זיך נאָר באַווייזן אין די בערג פון יהודה, פלעגט גלייך פאַרניכטעט ווערן.

פון די שפּאַלטן, פון די פעלדזן פלעגן זיי ווי אָדלער זיך אַ לאָז טאָן אויפן שונא.

דער קיניג אַנטיאָכעס האָט ניט געקענט שלאָפֿן פֿון פֿאַרדראָס, שאַנדע און ווייטיק — אַזאַ קליין הייפֿעלע יידן, קעגן אַזאַ גרויסן קיניג מיט אַזאַ אַרמיי! ס'האָט אים ניט געלאָזט רוען.

און ער האָט באַשלאָסן אַרויסצושיקן אַ גרויסע אַרמיי אָנגעפֿירט פֿון קריגס-הויפּטמאַן גאָרגיאָס און איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל מאַכן אַ סוף צום רעוואָלט אין יהודה.

ניט ווייט פֿון גריכישן לאַגער האָט דער קליינער יהונתן געפּאַשעט זיינע שאָף. אַזוי האָט זיך געדאַכט, אָבער אין דער אמתן האָט יהונתן געקוקט אין טאָל אַריין און געזען ווי גאָרגיאָס סאָלדאַטן שלאָגן אויף דעם לאַגער. ער האָט געזען, אַז די צאָל סאָלדאַטן איז דאָס מאָל גרעסער ווי אַלע מאָל.

ער האָט געטראַכט: מען דאַרף צוואוואַרטן ביז עס וועט ווערן נאַכט. יהונתן האָט זיך אין דער פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט גענומען גנבענען צום שונאס לאַגער.

קריכנדיק אויפֿן בויך שעהן-לאַנג האָט ער זיך ענדלעך דערשלאָגן צום געצעלט פֿון דעם עלטסטן פֿון דער אַרמיי.

ער האָט דערהערט טריט. ער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

אַ גרופּע עלטסטע זיינען זיך צונויפֿגעקומען אין ביידל.

דער קריגס-הויפּטמאַן גאָרגיאָס האָט אַרויסגעגעבן באַפֿעלן:

— מיר וועלן אַרויסלאָזן עטלעכע אָפּטיילונגען און אומגעריכט באַפֿאַלן יהודהן מיט זיין יידישער אַרמיי.

יהונתן איז אַזש פֿאַרציטערט געוואָרן. ווי אַזוי לאָזט מען עס וויסן יהודהן? מען וועט זיי באַפֿאַלן אומגעריכטערהייט און זיי אומ-קוילען ווי די לעמער.

יהונתן האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. כדי צו פֿאַרקירצן דעם וועג איז ער געקראָכן איבער פֿעלדזן, איבער בערג. זיינע הענט און פֿיס האָבן געבלוטיקט, דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, נאָר צום אַרויס-שפּרינגען.

אין מיטן נאַכט האָט ער זיך ענדלעך דערשלאָגן קיין מיצפּה. דער וואַכמאַן ביים לאַגער האָט אים פֿאַרהאַלטן און ניט געוואָלט אַריינ-לאָזן. ס'איז געוואָרן אַ טומל. מיט אַמאָל האָט זיך באַוויזן יהודה המכבי. ביים שיין פֿון פֿאַקל איז זיין פּנים, אַרומגעזוימט מיט אַ שוואַרצער באָרד, געווען ווי אַ שטיק פֿייער אין אַ שוואַרצער ראָם.

ער האָט דערזען דעם יינגל.

— קום מיט מיר, יהונתן.

יהונתן האָט אים דערציילט אַלץ וואָס ער האָט געזען און געהערט.

אַ סיגנאַל איז געגעבן געוואָרן. דער גאַנצער לאַגער האָט דער־וואַכט.

יהודה האָט איינגעטיילט זיין אַרמיי אין קלענערע טיילן, אויף יעדן אָפּטייל אַן עלטסטן. ער האָט זיך געשטעלט אין דער שפּיץ.

די רעבעלן האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

יהונתן האָט געפירט און יהודה מיט זיין אַרמיי איז נאָכגעגאַנגען. זיי זיינען געגאַנגען דורך זייטיקע וועגן, וואו דעם שונא וואָלט גאָר ניט איינגעפאַלן צו זוכן.

פאַרטאָג. אַ זילבערנער פּאַס האָט געליכטיקט אויפן שטיק הימל, וואָס איז געהאַנגען איבער ירושלים. באַלד האָבן זיך באַוויזן פּורפּור־פּאַסן —

גאַרגיאַס אַרמיי איז שוין געווען אויף און זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין צו פאַרניכטן די יידן, די רעבעלן.

מיט אַמאָל איז דער גאַנצער לאַגער אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ שאַלן און געשריי און פון די שפּאַלטן פון די פעלדזן, פון די רוקנס פון די בערג, פון די טאָלן, פעלדער און גערטנער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַן אַרמיי און מיט טריאומף־רופן באַפאַלן די גריכישע סאָלדאַטן.

דאָס פּלוצימדיקע דערשיינען פון די יידן האָט אַזוי צעטומלט די גריכישע אַרמיי, אַז זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. זיי האָבן זיך כמעט ניט אַנטקעגנגעשטעלט, זיי זיינען געלאָפן אין אַלע זייטן.

די יידן האָבן פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע געפּעק, עסנוואַרג, געווער און אַלץ וואָס דער שונא האָט געהאַט.

די יידישע קריגס־לייט, אָנגעפירט פון יהודהן, באַוואָפנט מיט ניי געווער און גענוג שפּייז, האָבן זיגרייך זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

דער קליינער יהונתן מיט זיין לאַנגן שטעקן איז געשטאַנען צווישן די שאָף און מיט פרייד נאָכגעקוקט דער זיגרייכער אַרמיי, וואָס קעמפט פאַר פרייהייט.

פאַרשטיי די ווערטער:

פרידלעך — peaceful
פּראַצע — אַרבעט
געפּאַנצערטער — armored
געלט־גייציקע — greedy

שאַלן — sound
שטוינונג — astonishment
אומגעריכט — unexpected

אויפן גליטש

• לייב קוויטקאָ

גליטשן, גליטשן, גליטשן ווידער, —
וואַרעם ווערט אין אַלע גלידער,
פלאַם אין בעקלעך,
קראַפּט אין הענט,
אין די אויערן — פייער ברענט!
מיט אַ שליטל, אָן אַ שליטל,
אויף אַ קלאָץ, אַ דראָנג, אַ ריטל,
אויף די קני, צי אויפן היטל,
ע׳. אַלצאיינס!
יאַט און יאַט —
גליטש איז אויסגעגאָסן גלאַט!
פראָסט האָט ליב צו זײַן אין דרויסן,
פראָסט האָט ליב אַ גליטש אַ גרויסן!

די — דער

די לינקע זייט
די בלאַסע לבנה

די יידישע געשיכטע
די גרויסע פאַרזאַמלונג
די געטרייע מוטער
די ליכטיקע זון
די גרויע קאַץ
די שווערע פראַגע

די פאַרוואונדעטע האַנט
די רוישיקע שטאָט

איך ליג אויף דער לינקער זייט.
עס פאַלט אַ שיין פון ——— ——— לבנה.
דאַרפסט זיך באַקענען מיט ——— ——— ——— געשיכטע.
ביסטו געווען ביי דער — — פאַרזאַמלונג?
קינדער שטייען אַרום ——— ——— מוטער.
עס איז שווער צו קוקן אויף — — זון.
גענוג זיך שוין צו שפילן מיט — — קאַץ.
אַלע קינדער האָבן געטראַכט וועגן — — — פראַגע.
ער קען נית רירן מיט ——— ——— האַנט.
איך בין אַריינגעפאָרן אין — — שטאָט.

אַרבעט: שרייב אַריין אין העפט און שטעל צו „די“ אָדער „דער“.

ווערב געבויגן מיט אַ באַפעל:

עס! עסט! זאָל ער עסן! זאָל זי עסן! זאָלן זיי עסן!

אַרבעט: בייג די פאָלגנדיקע פינף ווערבן מיט אַ באַפעל:
שלאָפן, כאַפּן, וואַרפן, רייסן, זיצן.

שפּריכווערטער

אַ מייסטער ווערט ניט ———	קומט אין שטוב אַריין די ברכה.
תורה קומט ניט ———	פליען ניט אין מויל אַריין.
אַז מען האָט אין דער האַנט אַ מלאכה ———	לײַדיק צו גיין.
מלאכה איז אַ ———	געבוירן.
געבראָטענע טייבעלעך ———	בירושה.
די שווערסטע מלאכה איז ———	מלוכה.

אַרבעט: פאַרענדיק דעם אָנהויב פון יעדן שפּריכוואָרט (רעכטס) מיט אַ פּאַסיקן סוף (לינקס).

●

פּראָפעסיעס

אויף צו בויען בריקן, דאַמבעס און וועגן דאַרף מען אָנקומען צום ———	אַדוואָקאַט
אויף צו בויען געביידעס: הייזער, פּאַלאַצן, טעמפּלען דאַרף מען האָבן ———	זשורנאַליסטן
אין פאַל פון קראַנקהייט דאַרף מען אָנקומען צום ———	בוכהאַלטער
מענטשן האָבן צווישן זיך לאָדענישן און זיי קענען זיך ניט אויסטענהן פאַרן ריכטער, דאַרפן זיי אָנקומען צום ———	אינזשענער
אויף צו פירן ביכער אין גרויסע געשעפטן שטעלט מען אָן אַ ———	אַרכיטעקט
דער הויפּט פון דער צייטונג, וואָס איר לייענט, רופט זיך אָן ———	רעדאַקטער
די וועלכע שרייבן אַרטיקלען אין דער צייטונג רופן זיך אָן ———	פּראָפעסאָרן
די וועלכע שטעלן צו פאַרשיידענע נייעס רופן זיך ———	לערער
אין די שולן און אין די סקולס לערנען זיך קינדער ביי די ———	דאָקטער
אין די אוניווערסיטעטן הייסן די לערער ———	רעפּאָרטערס

אַרבעט: פאַרענדיק די זאַצן פון רעכטס מיט פּאַסיקע ווערטער פונעם קאָלום לינקס. שרייב איבער אין העפט.



יהודה המכבי • דאָריי

אין דעם שטעטעלע מודיעין

• מ. פעלדמאַן

און געווען איז דאָס פּאַרצייטן
אין דעם שטעטעלע מודיעין,
ווען געקומען זיינען גריכן
פון דער פרעמד אַהער צו פליען.

וואָס-זשע טוען דאָ די גריכן
אונטער הימל פרייען, בלויען ?
וואָס-זשע ווילן זיי פון אַלטן
מתתיהו, פון דעם כהן ?

ער זאָל קניען פאַר אַ גולם ?
פאַר אַ קופּער-געץ אַ גלאַטן ?
וועט מען זאָגן : מתתיהו
האָט זיין אייגן פאָלק פאַרראַטן ?

נאָר באַליבט איז אַלטער כהן
אין דעם שטעטעלע מודיעין.
איז באַוואוסט שוין יעדן איינעם :
מתתיהו וועט ניט קניען !

ניט פאַרראַטן וועט דער אַלטער,
ניט פאַרשעמען פאָלק און פרייהייט.

ברענט אַ צאָרן אין דעם עולם —
האַלט ער אָטעם אין פּאַרטייעט . . .

און די פּויערים זיי גליען,
און עס קאָכט אין באַלמעלאָכעם
קעגן חוצפּהדיקע גריכן,
קעגן מלך אַנטיכוס.

ביז אַרויסגעטראָטן זיינען
אַלטנס פינף זין, גבורים,
און געכאַפּט זיך צו די שווערדן
און ביי פרייהייט-פאָן געשוואוירן:

עס וועט פרעמדער דאָ ניט הערשן!
ניט געוועלטיקן אין ציון!
און געכאַפּט זיך צו די שווערדן
האָט דאָס שטעטעלע מודיעין.

און געווען איז דאָס דער אָנהייב . . .
האָבן שווערדן זיך צעקלונגען . . .
האָט דאָס שטעטעלע מודיעין
זיך מיט פרייהייט-ליד צעזונגען.

און דעם עלטסטן פון די גריכן
האָט דער אַלטער שוין דערשטאָכן . . .
און דער קופּער-געץ, דער גולם,
לעבן עלטסטן ליגט צעבראָכן.

און עס פלאַטערט פאָן פון פרייהייט
אין דעם שטעטעלע מודיעין.
עס וועט פרעמדער דאָ ניט הערשן;
ניט געוועלטיקן אין ציון!

פאַרשטייט די ווערטער:

גולם (גוילעם) — mummy
געץ — אָפּגאָט, idol
פאַרראַטן — to betray

גבורים (גיבוירים) — העלדן
געוועלטיקן — הערשן

יעקב
און די אינדיאַנער

(פונעם לעבן פון יידן אין אַמעריקע מיט 200־300 יאָר צוריק)

• באַאַרבעט לויט **סטעפען ווינסענט בענע**

יעקב דערציילט:

אַ חדר־ייִנגל פון דייטשלאַנד בין איך געווען, ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע, אַ בלאַסער און אַ דאַרער. אַ סך חומש און אַנדערע לימודים פונעם חדר האָב איך געקאָנט אויף אויסנווייניק. איך האָב געקאָנט די גאַנצע געאָגראַפיע פון ארץ ישראל, אָבער איך האָב כמעט גאָרניט געוואוסט וועגן אַמעריקע. און פּלוצלונג ווער איך גאָר פאַרוואָרפן קיין אַמעריקע.

ווי איך קום קיין אַמעריקע?

עס איז די זעלביקע געשיכטע ווי מיט די ערשטע יידן פון שפּאַניע, וועלכע זיינען געקומען קיין אַמעריקע מיט דער ערשטער שיף אין יאָר 1492, ווייל מען האָט זיי פון שפּאַניע אַרויסגעטריבן. און איך האָב געמוזט אַנטלויפן פון דייטשלאַנד, ווייל מיין פאָטער און מוטער און אַלע מיינע קרובים זיינען דערהרגעט געוואָרן אין אַ פּאָגראָם און איך בין געבליבן אַ יתום.

אַזוי בין איך אָנגעקומען קיין פילאַדעלפיע. און אַמעריקע איז נאָך דעמאָלט געווען גאָר אַ רוי און ווילד לאַנד: צעוואָרפענע קאָלאָניעס, אינדיאַנער און ווילדע וועלדער מיט ווילדע חיות. און איך — אַ שוואַכינקער און אַן איבערגעשראָקענער, אַ חדר־ייִנגל, וועלכער האָט זיך אָנגעהערט מיט שרעקלעכע מעשות וועגן די ווילדע אינדיאַנער.

האָב איך גענומען טאָן וואָס אַ סך אָנגעקומענע יידן און ניט־יידן האָבן דעמאָלט געטאָן. איך האָב אָנגעפּאַקט אַ פּאַק מיט נאָדלען, שפּילקעס און אַנדערע קלייניקייטן און האָב זיך אַרויסגעלאָזט איבער שטעטלעך און דערפער צו פאַרקויפן אָט־די זאַכן. קיין גרויסע גליקן האָב איך ניט געמאַכט. איך האָב געהערט אַז אַנדערע גייען אַוועק טיף אין די מערב־וועלדער און האַנדלען מיט די אינדיאַנער. זיי קויפן

ביי זיי ביבער־פעל און ווערן רייך, אָבער איך האָב אַפילו מורא געהאַט צו טראַכטן וועגן דעם...

איך בין שוין געווען אַ גאַנץ־דערוואַקסענער בחור, ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיטן סקאָטשמאַן מעקעמבעל און האָב אָנגעהויבן אַרומ־פאָרן מיט אים צוזאַמען. אַ מאָדנער מענטש איז געווען דער דאָזיקער מעקעמבעל. . אַ שטרענג פּנים האָט ער געהאַט מיט קאַלטע בלויע אויגן, אָבער ער איז געווען אַ שטאַרקער און אַ גוטער, כאָטש ער איז געווען אַ שווייגנדיקער. ער האָט אָבער ליב געהאַט אַ סך צו רעדן וועגן די פאַרלאָרענע צען שבטים פון מלכות ישראל. ער האָט גע־גלויבט, אַז די דאָזיקע צען שבטים זיינען די אינדיאַנער, וועלכע געפינען זיך פון יענער זייט מערב־בערג.

אַזוי בין איך מיט אים אַרומגעפאָרן. מיר זיינען שוין אַוועק ווייט־ווייט פון פילאַדעלפיע און מיר האָבן שוין איבערגעלאָזט הינטער זיך צענדליקער קליינע שטעטלעך. מיר זיינען שוין געווען אין דער ווילדערניש. גיי ווייס אַז אָט־דער מעקעמבעל וועט מיך גאָר פאַרפירן טיף־טיף אין די מערב־וועלדער, ווייל ער וויל אָפּזוכן די צען פאַרלאָרענע שבטים פון מלכות ישראל...

פרעמד איז מיר געווען דאָס לעבן אין די טיפע מערב־וועלדער. דורך די נעכט פלעג איך זיך אויפכאַפּן און ליגן מיט אָפענע אויגן און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ זיך צוגעהערט. יעדער מינדסטער שאָרך אין וואַלד האָט מיך געשראָקן: אינדיאַנער קומען... ביי יעדן געשריי פון אַ נאַכט־פויגל האָט זיך מיין האַרץ אָפּגעשטעלט: אינדיאַנער גרייטן זיך אונדז צו אַטאַקירן...

אָבער איך האָב זיך צו דעם אַלעמען צוגעוואוינט. איך האָב זיך אויסגעלערנט אַ סך זאַכן, וואָס אַ חדר־יינגל האָט וועגן זיי אַפילו ניט געחלומט: אַרומבינדן אַ זאָטל מיט אַ פּאַק סחורה, צעלייגן אַ פייער און דערקענען אין געדיכטן פינצטערן וואַלד, ווען ס׳טאָגט און ווען ס׳ווערט נאַכט.

ווען איך האָב דערזען די ערשטע אינדיאַנער — אין וואַלד, ניט אין שטאָט — האָבן מיינע קני אָנגעהויבן צו ציטערן, ווייל אַזעלכע האָב איך זיי טאַקע געזען אין מיינע חלומות: אָנגעפאַרבטע פּנימער און אָנגעטאָן אין פעלן, ווי דער שרעקלעכער אשמדאי מיט זיינע טאַנצנדיקע טייוואָלים...

שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז זיי זיינען גאָר שטילע און ערנסטע מענטשן. זיי האָבן ליב פאַרשיידענע צערעמאָניעס; זיי זיינען שווייגנדיק ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט, אָבער שפּעטער ווערן

זיי זייער נייגעריק. מעקעמבעלן האָבן זיי שוין געקאָנט, אָבער מיך האָבן זיי ניט געקאָנט, האָבן זיי גערעדט וועגן מיר און באַטאַפּט מײַנע קליידער און מײַן קערפּער. אָבער איך האָב שוין פאַר זיי קיין מורא ניט געהאַט. איך האָב זיך אַליין געוואונדערט: איך, דער חדר־ייִנגל, זיץ צווישן אינדיאַנער, עס הירשן־פליש בײַם פײַער און שלאָף לעבן טליענדיקע קוילן אין דער אָפענער נאַכט... אַזוי פלעגן דאָך די בני ישראל שלאָפן אין דעם מדבר.

הײַנט מײַנע הענט: האַרט זײַנען זיי געוואָרן און זייער ברוין, ווי זיי וואָלטן גאָרניט געווען מײַנע הענט. און אַז איך האָב געטרונקען וואַסער פון קוואַלכעלעך האָב איך געכאַפּט אַ קוק אויף מײַן אייגן

פּנים אין וואַסער — אַ פּנים באַוואַקסן מיט אַ באָרד, אָבער ניט קיין ייִדישע באָרד, נאָר עפּעס אַ שוואַרצע וואַלד־באָרד... און אָנגעטאָן בין איך אין קליידער פון פעל... איז עס צום אָנהויב געווען מאָדנע, אָבער שפּעטער האָב איך זיך צוגעוווינט.

— ווען־זשע וועלן מיר שוין פאָרן צוריק? — האָב איך געפרעגט מעקעמבעלן. — מיר האָבן דאָך שוין פולע פעק מיט ביבער־פעל.

אָבער מעקעמבעל האָט בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ. און אַזוי זײַנען מיר צוגעקומען צו די ברעגן פון אַ גרויסן טײַך. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דער טײַך איז דער ירדן און פון יענער זײַט טײַך איז דאָס צוגעזאָגטע לאַנד כנען... אָבער דאָרטן בײַ דעם ברעג פון דעם גרויסן טײַך איז מעקעמבעל קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן. פאַרן טויט האָט ער געהאַלטן אין איין רעדן וועגן די פאַרלאָרענע צען שבטים פון מלכות ישראל און ער האָט זיך געשוואוירן, אַז זיי געפינען זיך פון יענער זײַט טײַך און אַז ער גייט צו זיי... האָב איך אים באַגראָבן אויף אַ בערגל, וואָס קוקט איבער דעם טײַך...

נאָכדעם בין איך אַריינגעפאַלן צו די „שאָונים", אַן אינדיאַנער שבט, וועלכער איז געווען פאַרביטערט קעגן די ווייסע מענטשן. זיי האָבן מיך צוגעבונדן צו אַ בוים און האָבן אַרומגעלייגט האָלץ אַרום מיר... אָבער מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס קומט פאָר מיט אַן אַנדערן מענטשן, ניט מיטן חדר־ייִנגל יעקב... איך האָב דערפילט דעם רויך פון פייער און האָב אָנגעהויבן הוסטן... עס איז מיר טרוקן געוואָרן אין האַלדז און איך האָב געבעטן אַ טרונק. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען מיינע ווערטער, אָבער זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן וואָס איך מיין און איינער האָט מיר דערלאַנגט פון אַ שיסל צו טרינקען. עס איז געווען הייסע זודיקע וואַסער און איך האָב זיך מיין מויל אָפּגעבריט... בין איך שטאַרק אין כעס געוואָרן און האָב אַ שליידער געטאָן די שיסל גלייך אין פנים אַריין יענעם מאַן, וועלכער האָט מיר די זודיקע וואַסער געבראַכט, און זיין פנים איז אָפּגעברענט געוואָרן...

דאָס האָט מיך געראַטעוועט פון טויט, ווייל די „שאָונים" האָבן געדענקט, אַז איך בין משוגע געוואָרן. זיי האָבן געגלויבט, אַז אַ משוגענעם טאָר מען ניט פאַרברענען. האָבן זיי מיך אָפּגעבונדן און האָבן מיך אָנגעהויבן באַהאַנדלען ווי אַ גאַסט, אָבער איך האָב זיך קיינמאָל ניט געפילט זיכער מיט זיי, באַזונדערס מיטן מאַן פונעם אָפּגעברענטן פנים...

פרילינג־צו בין איך פון זיי אַנטלאָפן. אָבער איך בין שוין מער ניט געווען דער אַמאָליקער חדר־ייִנגל, נאָר אַ געניטער און דערפאַרענער יעגער.

פאַרשטייט די ווערטער:

מערב (מיירעוו) — west
אשמדאי (אַשמעדאַי) — דער מלך פון די טייוואָלים

נייגעריק — curious
הירשן — deers
געניט — experienced

אײנצאָל		מערצאָל
דער שכן	—	די שכנים
דער זקן	—	———
דער גנבֿ	—	———
דער חודש	—	———
דער גזלן	—	———
דער תלמיד	—	די תלמידים
דער ספר	—	———
דער שליח	—	———
דער מלך	—	———
דער נביא	—	———

אַרבעט: שרייב איבער אין העפט און שטעל צו די מערצאָל.

אויפן ים

• יהואש

דער ים איז שטיל,
עס גייט די שיף,
מיט שטאָלצער רו איר וועג,
און לאָזט נאָך זיך
אין גרינעם ים
אַ ווייסן פלעק...

פון וויטן זעט
אַן אינדזל זיך,
באַדעקט מיט גרינעם וואַלד,
די לופט איז פריש,
דער הימל בלוי,
די זון זי קוויקט און שטראַלט...

עס וויגט מיין האַרץ
זיך מיטן ים
אין זיסן „הין און הער״,
און אויפן דעק,
שטיי איך און קוק,
און ווער פאַרטרוימט אַלץ מער...

„שווים, מיין שיפל״ • יוסף איזראַעלס

שוואַרץ און ווייס

• י. קרעפּליאַק

1.

ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט, ווייס ער אַליין ניט. ער האָט נאָר אָפּגעוואַרט די מינוט, אַז די מאַמע זאָל אַוועק אין צווייטן הויז אַרבעטן. באַלד איז ער מיט אימפּעט דורכגעלאָפן דאָס שטיקל וועג און האָט מיט אויפגעריסענע, צעשראָקענע אויגן גענומען זיך איינעסן אין די פאַרביילויפנדיקע מאַשינען און געטראַכט אויף וועלכער קען ער זיך אַרויפכאַפּן.

ער האָט שוין אַלץ פריער גוט באַמערקט. ער ווייס שוין, אַז ער דאַרף וואַרטן ביז די מאַשינען וועלן זיך אָפּשטעלן אויף רויט, נאָכדעם נאָך צוואוואַרטן אַ ביסל, ביז זיי דאַרפן זיך נעמען רירן, זיך אָנכאַפּן פון הינטן און — ער וועט פאָרן!

אָט קומט אָן דער באַס, זאָל ער אפשר פאָרט אַרויף אויף אים? ניין, ער האָט מורא פאַרן טרייבער.

נאָר אַ, אַ! אַ גלאַנציקע קאָלירטע מאַשין איז אָנגעקומען, אַ גרינע מיט רויטע פּאַסן, און געבליבן שטיין.

פלינק, באַוועגלעך, ווערן אים הענט און פיס. ווי אַ קעצל גיט ער זיך אַ שאַר צו: אַ כאַפּ אָן, אַ טוליע צו, און ער פאָרט שוין.

פון וואַנען האָט דזשימי געקענט וויסן, וואָס אין דער „ווייסער" וועלט טוט זיך? פון וואַנען האָט דער דזשעניטאָרינס ייִנגל פון קעלער, דאָרט צווישן די לעדער־קראָמען, געקענט וויסן, אַז די מאַשין טראָגט אים איצט איבער פרעמדע קינדערישע מלוכות?

דזשימי האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געוואוסט, אַז מעדיסאָן סטריט איז נאָך לאַנגע קינדערישע מלחמות איינגעטיילט געוואָרן אין דריי מלוכות:

פון ניו־באַוערי ביז פייק סטריט, וואו עס וואוינען מערסטנס גריכן, איז געווען „גריכנלאַנד"; פון פייק סטריט ביז ראָטגערס, וואו איטאַ־לינער וואוינען, איז געווען „איטאַליע", און פון ראָטגערס אַראָפּצו איז געווען „יידנלאַנד".

די מלחמות פלעגן פֿאַרקומען צוליב פֿאַרשיידענע סיבות, אָבער דערהויפּט טאַקע צוליב „ריידס" — זיך אָנהענגען פון הינטן אָן באַסעס און מאַשינען. און כדי ניט דערהרגעט ווערן, ביים אָפּרייסן איינער דעם אַנדערן פון אַ באַס אָדער מאַשין, האָבן זיי געמאַכט גרענעצן: ביז אַהער מעגסטו פֿאָרן פון דיין מלוכה און ווייטער לאָז דיין פּלאַץ פֿאַרן איינוואוינער פון דער צווייטער מלוכה. טרעפֿט אַ מאַשין שטעלט זיך ניט אָפּ ביים גרענעץ, מעגסטו צופֿאָרן ביזן נאָענטסטן סיגנאַל און — סטאָפּ! ניט ווייטער! אַנדערש וועט מען דיך אַראָפּ־שלעפּן...

2.

ווי די מאַשין, אויף וועלכער דזשימי איז געפֿאָרן, האָט זיך נאָר באַוויזן נאָכן באַס אין „גריכנלאַנד", האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל:

— אַ נעגערל זיצט אויף אַ מאַשין! אַ נעגערל! שלעפּט אים אַרונטער!

אין „גריכנלאַנד" איז מען געוואָרן אַזוי איבעררעאַשט פון דער חוצפּה און פון דער פּלוצימדיקייט, אַז מען האָט ניט באַוויזן דזשימין אַראָפּצושלעפּן. עס האָבן זיך נאָר אויפגעהויבן קולות, און מען האָט אָנגעהויבן נאָכיאָגן אויף „סקייטס" און אויף „פּושערס" און שרייען צו „איטאַליע", אַז דאָרטן זאָל מען אים איבערכאַפּן.

אין „איטאַליע" האָט מען אָבער אויך ניט שנעל גענוג פֿאַרשטאַנען, וואָס מען שרייט צו זיי, און איידער זיי האָבן זיך געכאַפּט, איז שוין געווען צו שפּעט.

אין „יידנלאַנד" איז דער פירער, דייווי, געשטאַנען מיט זיין גאַנצער „גענג" און זיך געפֿאָרעט אַרום אַן אויטאָמאָביל־ראָד, וואָס זיי האָבן געפונען און געבראַכט צוקייקלען אַהער אויפן טראָטואַר און אַרויפגעלייגט אויף אַ ליידיקער איבערגעקערטער מיסט־קאַן.

מיטאַמאָל האָבן זיי ווי דערפילט דעם טומל, וואָס האָט זיך געהאַט אויפגעהויבן אין „גריכנלאַנד", און זיך גענומען צוקוקן. און דאָ שרייען שוין יינגלעך פון דער ווייטנס און טייטלען אויף אַ מאַשין:

— אַ נעגערל פֿאָרט! אַ נעגערל פֿאָרט! שלעפּט אים אַראָפּ!

דזשימי האָט איצט ווי דערפילט די געפֿאַר. עס שרעקט אים אַזוי דאָס ווייסע גרויסע יינגל, וואָס לויפט צו אים קרום פון טראָטואַר.

דייווי האָט אים אַ פּאַק געטאָן פֿאַר אַ פוס.

פּלוצלונג האָט זיך אין מיטן טומל אַריינגעשניטן אַ געשריי פול מיט שוידער און טויט־שרעק. דאָס האָט אַ יידישע מאַמע פון מעדיסאָן

סטריט דערזען, ווי מען שלעפּט אַראָפּ דעם שוואַרצינקן פּאַרן פּיסל, ווי ער לאָזט זיך ניט, און אַרויסגעלאָזט דאָס אוממענטשלעכע געשריי.

3.

פריער ווי געוויינלעך האָט זיך דייווי מיט אַ שווער געפיל אומגעקערט אַהיים. אַן אומעטיקער און צעטראָגענער איז ער געקומען נאָך אין העלן טאָג אין שטוב אַריין.

— פילסט זיך ניט גוט? — האָט אים די מאַמע אַ פרעג געטאָן.

— גאָרניט — האָט ער קורץ געענטפערט.

דייווים פאָטער איז געקומען פון דער אַרבעט, זיך באַגריסט, דערזען אַז דייווי איז שוין דאָ, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— ביסט שוין דאָ? אַבי איך האָב דיך געזוכט אויף דער גאַס.

דער פאָטער האָט זיך געוואַשן אין וואַשצימער און גערעדט אין שטוב אַריין:

— איך האָב איצט אַזוינס געזען, וואָס איך האָב נאָך אין מיין לעבן ניט געזען...

— וואָס? — איז די פרוי געוואָרן נייגעריק.

— כ׳גיי פאַרביי דעם שפּיטאָל, זע איך אַ רעדל מענטשן ביים אַריינגאַנג. פאַרשטיי איך שוין, אַז ס׳איז אַן אומגליק. כ׳קום צו, דערלאַנג אַ קוק און זע אַזוינס, וואָס איך האָב נאָך אין מיין לעבן ניט געזען: אויף די טרעפּ פון שפּיטאָל זיצט אַ שוואַרצע און יאָמערט, וויינט אויפן קול, רייסט זיך די האָר פון קאָפּ און זי האַלט אין איין קלאָגן אויפן קול:

„זונעניו“... „מיין איינציקער“... „מיין טייערער“... „מיין יינגל“...

— עס האָט פּאַרכאַפּט ביים האַרצן. איך האָב אַ פרעג געטאָן, וואָס איז דאָ געשען? ערשט, עס ווייזט זיך אַרויס, אַז היינט בייטאָג, דאָ ניט ווייט, האָבן „לויפערס" אים אַראָפּגעשלעפּט פון אַ מאַשין, און ער איז איבערגעפאָרן געוואָרן...

— אויף טויט? — האָט די מאַמע אין איין אָטעם אַ פרעג געטאָן.

דייווי האָט אַ ציטער געטאָן.

— מען ווייס ניט.

— אַן איין־און־איינציקער! — באַדויערט די מאַמע.

דייווין איז געוואָרן הייס. ער האָט אָנגעהויבן פילן, ווי דאָס אָרט ברענט אונטער אים, און מורא געהאַט צו קוקן אויף טאַטע־מאַמע.

— און ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן, — זעצט זיך דער פּאָטער ביים טיש און נעמט זיך צום עסן — ווען עס וואָלט ניט געווען קיין שוואַרצער, וואָלטן אים די ווייסע „לויפערס" ניט אַראָפּגעשלעפּט.

דייווי האָט זיך אויפגעהויבן און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— וואוהין גייסטו, דייווי? האָסט דאָך נאָך גאָרניט געגעסן?

— איך וויל ניט מער, איך וויל זיין אין גאַס.

דייווי איז אַרויס אין גאַס און מיט עקשנות געטראַכט, אַז ער איז ניט שולדיק: יענער האָט זיך ניט געלאָזן אַראָפּשלעפּן. וואָלט ער זיך געלאָזן, וואָלט גאָרניט געווען — ער וואָלט אים אויף די הענט אַרונטערגעכאַפּט. ניין, פאַ איז ניט גערעכט, מיט אַ ווייסן וואָלט ער אויך געטאָן דאָס אייגענע... דייווי כאַפּט זיך פּלוצים: וואָלט ער מיט אַזאַ ווייס יינגל טאַקע אויך געטאָן דאָס אייגענע?

פאַרוואָס גייט ער צום שפּיטאָל? וואָס האָט ער דאָרט צו טאָן? בעסער ניט גיין דאָרטן.

ער בלייבט שטיין און לאָזט זיך ווייטער צום שפּיטאָל.

אויף די טרעפּ פון שפּיטאָל האָט ער באַלד דערזען די שוואַרצע. דאָס איז „זיין" מאַמע, האָט ער אַ קלער געטאָן.

איצט איז זי שוין געזעסן אַן איינגעשטילטע, אָבער האָט נאָך אַלץ שטילערהייט געקלאָגט:

„זונעניו"... „מיין יינגל"...

מיטאַמאָל האָט זיך די טיר פון שפּיטאָל געעפנט. אַ יונגער דאָקטער אין אַ ווייסן כאַלאַט האָט זיך באַוויזן, באַטראַכט אַ ווײַלע די מענטשן, געכאַפּט אַ קוק אויף דער יאָמערדיקער שוואַרצער, זי אויפגעהויבן און אַריינגעפירט אינעווייניק. „צו נעמען בלוט", האָט איינער פון עולם אַ זאָג געטאָן, „אַ נוירס האָט געזאָגט, אַז מען זוכט אַ פּאָר מענטשן צו נעמען בלוט."

דייווין האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן. ער האָט אַפּילו אַ רגע ניט געטראַכט, עפּעס האָט ער פאַרעקשנט אַ בויג געטאָן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט דאָ געגאַנגען האָבן אַ „פייט" מיט עמעצן, אַן עפן געטאָן די טיר און אַריין אין שפּיטאָל.

ער האָט דערזען אַן עלטערע נוירס, איז ער צו איר צוגעגאַנגען.

— וואָס דאַרפסטו?

— בין געקומען געבן בלוט.

די נוירס האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט.

— וואָס, וואָס דאַרפסטו?

— געבן בלוט פאַרן שוואַרצן יינגל.

— ווער האָט דיך געשיקט אַהער?

— בין אַליין געקומען.

— אַליין געקומען געבן בלוט פאַר אַ שוואַרצן יינגל? — האָט זי איבערגעפרעגט מיט שטוינונג.

— יאָ.

ווען זיי זיינען אַרויפגעפאָרן צו דר. קאָן, איז ער זיי געקומען אַנטקעגן. אַן עלטערער, אַ גרוילעכער, האָט ער עפּעס אַזוי שאַרף און קרומלעך געקוקט און קורץ און גיך אַ פרעג געטאָן:

— ווער האָט דיך געשיקט אַהער?

— אַליין געקומען.

דר. קאָן האָט ווי ניט געהערט דייוויס ענטפער און ווייטער ווי אין כעס אָנגעהויבן רעדן אין יידיש:

— טאַטע־מאַמע געשיקט... אַ נייע פּרנסה ביי יידן: שיקן יונגע קינדער געבן בלוט...

דייווי האָט איצט פאַרשטאַנען, וואָס דער דאָקטער מיינט, און קורץ אַ זאָג געטאָן:

— דאָס האָב איך אים אַראָפּגעשלעפּט פון מאַשין...

דר. קאָן האָט זיך פאַרהוסט, ווי ער וואָלט זיך פאַרשטיקט מיט אַ וואָרט.

— וואָ־אָ־ס? — האָט ער אויסגעצויגן און אָנגעשטעלט זיין בליק אויף דייווין.

דייווי האָט איצט געקוקט דעם דאָקטער גלייך אין די אויגן, ווי איינער זאָגט: וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר? און מיט עקשנות אַרויסגערעדט:

— יאָ, איך האָב אים אַראָפּגעשלעפּט.

דר. קאָן האָט זיך איצט ווי צעשריען:

— פריער וועסטו אַראָפּשלעפּן, נאָכדעם וועסטו קומען געבן בלוט. שמייסן, קאַטעווען דאַרף מען אייך. און וואָס איז דאָס פאַר אַ גע־שעפטן, זיך אָנהענגען אָן מאַשינען און אַראָפּשלעפּן!...

דר. קאָן האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, אָבער נאָך אַלץ גיך און האַרט גערעדט:

— ווייסט, ווי אַזוי מען גיט בלוט? ווייז דיין האַנט. זעסט, מען וועט דיר דאָ איינשניידן דעם אָדער... דו ווייסט, אַז דאָס טוט ווי? — האָט ער געמאַכט אַ שטרענג פּנים.

— איך וויים.

— און ווילסט זיך לאָזן?

— יאָ.

— וואָס וועט דיין טאַטע־מאַמע זאָגן?

— זיי טאָרן ניט וויסן.



ביי דר. קאָן האָט זיך מיטאַמאָל דער גאַנצער אויסדרוק געביטן. אין די שאַרפע אויגן האָט אַ בליץ געטאָן אַ מילדקייט און אַ צופרידנ־קייט. ער האָט איצט אַ זאָג געטאָן צו דייווין:

— קום מיט מיר.

דייווי איז אים נאָכגעגאַנגען.

דר. קאָן האָט אים אַריינגעפירט אין אַ גרוים צימער. דייווי האָט דערזען רייען בעטן. אויף די בעטן קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער. דר. קאָן האָט אָנגענומען דייווין פאַרן אַקסל און אים צוגעשטופּט צו אַ בעטל.

— דערקענסט?

אויף אַ בעטל, אויף אַ ווייס קישן איז געלעגן אַ שוואַרץ קעפּל,

אַרומגעוויקלט מיט ווייסע באַנדאַזשן. מען האָט כמעט דאָס פּנים ניט אַרויסגעזען. נאָר צוויי גרויסע אויפגעריסענע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט.

— זעסט, וואָס דו האָסט געטאָן?

דייווין האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם.

— נו, גוט — האָט דר. קאַן פּלוצלונג אָנגעהויבן רעדן אויסערגעוויינלעך פריינטלעך — חרטה איז אַ גרויסע זאַך, אָבער נאָכאַמאָל זאָלסטו מיט קיינעם אַזוינס ניט טאָן. ביי אַזעלכע יינגלעך ווי דו נעמט מען קיין בלוט ניט. ער דאַרף ניט קיין בלוט — האָט ער אַ ווייז געטאָן אויף דזשימין — ער וועט געזונט ווערן, אָבער נאָך אַ האָר וואָלט ער געשטאָרבן. נו, גיי אַהיים און זיי אַ וואויל בחורל.

פאַרשטיי די ווערטער:

נייגעריק — curious
עקשנות (אַקשאָנעס) — איינגעשפּאַרטקייט
כאַלאַט — gown

פּרנסה (פּאַרנאָסע) — business
אימפּעט — haste
סיבות (סיבעס) — causes
טראָטואַר — sidewalk

סינאָנימען		אַנטאָנימען
נישקשהדיק, גענוג	פּשוט	אויסגעלייטערט, לויטער
פאַרוואָלקנט	פלינק	אויפגעמונטערט
פאַרחלשט	דרך-ארץ	קנאַפּ, ווייניק
פעלער	צופרידן	אומזיכער
איינפאַך	זיכער	אינטערעסאַנט
שנעל, געשווינד, גיך	לאַנגווייליק	מעלה
רעספּעקט	חסרון	אומצופרידן
אויפגעלייגט	פאַרשמאַכט	פאַראַכטונג
אויף געווים	פאַרכמורעט	לאַנגזאַם, פּאַמעלעך
נודנע	היפּשלעך	קאָמפּליצירט

אַ ר ב ע ט: אַלע ווערטער פון דעם מיטלסטן קאָלום האָבן אי סינאָנימען אי אַנטאָנימען; זיי זיינען צעוואָרפן און מען דאַרף זיי צופּאַסן צו די ווערטער פון דעם רעכטן און לינקן קאָלום.



אין די ווייטסטע לענדער

• א. רייזען

אין די ווייטסטע לענדער
זיינען מיר צעשפּרייט —
יעדער טייל אַ רינגל
אין דער לאַנגער קייט.

בײַ די אַלע טײַכן,
ניט פון בבל בלויז,
זיינען מיר געזעסן
זוכנדיק אַ הויז.

איצטער איז אונדז טייער
גאָר די גאַנצע וועלט.
ס'שטייט בײַ ווייטסטע ברעגן
אונדזערס אַ געצעלט...

איצטער איז אונדז טייער
ווייסל און דער ריין
און דער ברייטער דניעפּער
רוישט אונדז אויכעט שיין...

און דער פרייער האָדסאָן
ווינקט אונדז פריינטלעך צו.
דאָ, בײַ זיינע ברעגן
קריגן מיר ערשט רו!

וועלכע ליד מיר הערן
איז באַקאַנט דער טאָן,
וועלכער טייך עס ריזלט
ווייט אַ בענקשאַפט אָן.

וועלכע פאָן עס פלאַטערט
גריסט זי אונדז באַקאַנט
וועלכע שיף עס זעגלט —
צו אַ ברודערס לאַנד!

פאַרשטיי די ווערטער:

ריזלט — murmurs

זעגלט — sails

אַ קריסטלעך יינגעלע דערציילט

• באַארבעט לויט **קאַרל עוואַלד**

אין אונדזער הויף איז געווען אַ טומל און אַ געפילדער. מיר, אַ חברה יינגלעך, האָבן געפּאַקט אַ יידיש יינגל און האָבן אים געשלאָגן... פאַרוואָס? קיינער פון אונדזער חברה האָט נית געוואוסט פאַרוואָס.

פּלוצלונג דערהער איך מיין טאַטע רופט מיך אין הויז אַריין: ער האָט דורכן פענצטער דערזען וואָס מיר טוען. איך קום אַריין און שטעל זיך אַוועק לעבן מיין טאַטן, אַזוי ווי אַלעמאָל, און וואַרט. איך בין שטאַרק אויפגערעגט, שטאָלץ און צופרידן, ווי איך וואָלט אויפגעטאָן עפּעס אַ גרויסע זאַך...

פּלוצלונג טוט מיך מיין טאַטע אַ פרעג:

— וואָס איז מיט אייך דאָרטן געווען די שמחה, אונטן אין הויף?

— אָ, — זאָג איך — עפּעס אַ יידיש יינגל איז דאָרטן געווען און מיר האָבן אים אָנגעבראָכן די ביינער.

מיין טאַטע טוט אַ שפרונג אויף, אַז דאָס בענקל פליט אָפּ...

— אַ יידיש יינגל? איר האָט אים אָנגעבראָכן די ביינער? וואָס האָט ער דען געטאָן?

— אָ, גאָרנית — האָב איך געענטפערט, אָבער מיין שטים איז שוין נית געווען אַזוי זיכער ווי פריער, ווייל איך האָב באַמערקט, אַז מיין טאַטע קוקט עפּעס אויף מיר אַזוי מאָדנע... און באַלד טאַקע האָט



ער א כאַפּ געטאָן זיין הוט און זיך געלאָזט לויפן צו דער טיר מיט א געשריי:

— קום... קום מיט מיר... מיר מוזן געפינען דאָס יינגל און זיך פאַר אים אַנטשולדיקן.

איך לויף שנעל נאָך מיין טאַטן, אָבער איך פאַרשטיי ניט וואָס מיט אים איז געשען.

מיר זוכן אין הויף, שרייען און רופן. מיר לויפן אין גאַס אַרוים און פאַרקירעווען זיך ביז צום עק גאַס. און אַן אַטעם פרעגן מיר ביי די דורכגייער צי האָט עמעצער ניט געזען אַ צעשלאָגן יידיש יינגל. אָבער אומזיסט: דער יינגל איז ניט געבליבן.

מיר קערן זיך אום צוריק אין צימער אַריין און זעצן זיך אַוועק. גרויסע קנייטשן ליגן זיך אוים אויף מיין טאַטנס שטערן. ער פּויקט נערוועז מיט זיינע פינגער איבער דעם טיש. און איך נעם ניט אַרונטער די אויגן פון מיין פאָטערס פּנים.

— נו, זאָגט ער צו מיר מיט אַזאַ אַנטשלאָסענער שטים — איצט קענען מיר שוין גאָרניט טאָן. אָבער איך האָף, אַז ווען דו וועסט נאָכאַמאָל באַגעגענען דאָס דאָזיקע יידישע יינגל וועסטו אים געבן די האַנט און וועסט אים בעטן ער זאָל דיר פאַרגעבן. דו דאַרפסט אים זאָגן, אַז דו האָסט עס געטאָן ווייל דו ביסט געווען אַ נאַריש יינגל. און אויב דו וועסט נאָכאַמאָל זען אַז אַנדערע פאַלן אויף אים אָן, האָף איך, אַז דו וועסט זיך פאַר אים אָננעמען און דו וועסט ניט זשאַלעווען קיין קלעפּ פאַר די דאָזיקע שלעכטע יינגלעך. שלאָג מיט אַלע כוחות...

איך בין געווען גרייט צו טאָן ווי מיין טאַטע הייסט מיר, כאָטש איך האָב נאָך אַלץ ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מען האָט ניט געטאָרט שלאָגן דאָס יידישע יינגל.

אָבער מיין טאַטע האָט געוואָלט איך זאָל טאַקע פאַרשטיין ווי שלעכט דאָס איז, אַז מיר, קריסטלעכע יינגלעך, זאָלן אומזיסט-און-אומגישט אָנפאַלן אויף אַ יידיש יינגל. און ער האָט זיך צו מיר אַזוי אָנגערופן:

— הער זיך איין וואָס איך וועל דיר דערציילן. די יידן זיינען אַלע-מאָל געווען וואונדערלעכע מענטשן. דו געדענקסט דאָך דודן, וועלכער האָט זיך געשלאָגן מיט גליתן? ער איז דאָך געווען אַ יידיש יינגל. און דו געדענקסט דאָך פון דער ביבל ווי אַזוי די יידן רייטן אויף זייערע קעמלען אין דעם מדבר, אָנגעטאָן אין פאַרביקע קליידער און מיט לאַנגע בערד: משה, יוסף מיט זיינע ברידער און שמשון הגבור און דוד און שאול. וואונדערלעכע מעשות זיינען דאָ וועגן זיי. נו, און די ווענט פון יריחו, געדענקסטו, ווי זיי זיינען איינגעפאַלן פון דעם קלאַנג פון די טראָמפּייטן?

— און וואָס נאָך? — פרעג איך, אַזוי ווי איך פלעג פרעגן, ווען איך בין נאָך געווען גאָר קליין און דעם טאַטנס שיינע מעשהלעך פלעגן מיך פאַרכאַפּן...

האָט מיר שוין דער טאַטע דערציילט וועגן חורבן ירושלים און ווי אַזוי די יידן האָבן גענומען זייערע קליינע יינגעלעך ביי די הענט און געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט, און אומעטום האָט מען אויף זיי געקוקט שלעכט און מען האָט זיי שלעכט באַהאַנדלט. קיין אייגענע הייזער און קיין פאַרמס האָבן זיי ניט געטאָרט האָבן. זיי האָבן בלויז געמעגט זיין סוחרים, און די קריסטלעכע הערשער האָבן ביי זיי צו-גענומען דאָס גאַנצע געלט וואָס זיי האָבן אָנגעזאַמלט. אָבער פונ-דעסטוועגן זיינען זיי געבליבן געטריי צו זייער פאָלק און האָבן אָפּ-געהיט זייערע אַלטע הייליקע מנהגים, כאָטש זיי האָבן געלעבט צווישן פרעמדע, וועלכע האָבן זיי געהאַסט און פאַרפאָלגט.

אַזוי האָט דער טאַטע מיר אַ גאַנצן טאָג דערציילט וועגן די יידן. און ער האָט אַראָפּגענומען פון דער שאַפע אַלטע ביכער געשריבן פון יידן און האָט פאַר מיר געלייענט. ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז דער באַרימטסטער מאַן אין אונדזער לאַנד איז אַ ייד.

עס איז שוין געווען אָוונט און מיין מאַמע האָט זיך געזעצט ביי דער פּיאַנע שפּילן און זינגען די לידער, וועלכע מיין טאַטע האָט זייער ליב געהאַט, און ער האָט מיר דערציילט, אַז די ווערטער פון די דאָזיקע

לידער האָט אָנגעשריבן אַ ייִד און די מעלאָדיע האָט אָנגעשריבן אַ צווייטער ייִד.

און פלוצלונג האָב איך דערזען פאַר מיינע אויגן דאָס פנים פון דעם צעשלאָגענעם ייִדישן ייִנגל... און אַ היץ איז אַריין אין מיין פנים און אין מיין גאַנצן לייב...

— ער האָט אַ ביסל פיבער — זאָגט די מאַמע. און דער טאַטע בייגט זיך צו, קושט מיך אין מיין פיבערדיקן שטערן, און איך הער קוים ווי ער זאָגט שטיל:

— עס האָט אַזוי געדאַרפט זיין: איך האָב אים היינט געמוזט איינשפריצן אַ „וואַקסין" קעגן דער ערגסטער און שרעקלעכסטער קראַנקהייט — אַנטיסעמיטיזם...

און זיין „איינשפריצונג" האָט מיך טאַקע אויסגעהיילט פון דער דאָזיקער קראַנקהייט...

סינאָנימען		אַנטאָנימען
מלחמה	אוממענטשלעך	גאַנץ
זיך צעקריגט	בעריע	באַשיידן
געשיקטער	זיך צעאַמפערט	רואיקייט
חיה'ש	קריג	אַ סך
צעריבן	זיג	שוואַכקייט
העזהדיק	גבורה	מפלה
שרעק, צערודערטקייט	אַ היפעלע	שלום
אַ ביסעלע	פאַניק	זיך איבערגעבעטן
שטאַרקייט	חוצפהדיק	אומגעשיקט
נצחון	צעשטויבט	מענטשלעך

אַ ר ב ע ט: אַלע ווערטער פון דעם מיטלסטן קאָלום האָבן אי סינאָנימען אי אַנטאָנימען; זיי זיינען צעוואָרפן און מען דאַרף זיי צופאַסן צו די ווערטער פון דעם רעכטן און לינקן קאָלום.

קאָנסטו לייענען און שרייבן די העברייאישע ווערטער?

מלחמה-מלחמות * גבור-גבורים * יום טוב-יום טובים
מאכל-מאכלים * דוד * שלמה * אסתר
יוסף * ברכה * בנימין

דער — דעם   די — די

דער ווייניקער עפּל און די זיסע פלוים	זיך נעם איך דעם ווייניקן עפּל און מיין שוועסטער גיב איך די זיסע פלוים.
דער שוואַרצער הונט און די רויטע קו	געדענקסטו — — הונט? ער האָט דאָך פאַרטריבן — — קו.
דער פוילער עפּל און די פרישע באַר	עס ניט — — עפּל, עס בעסער — — באַר.
דער רויטער האָן און די ווייסע הון	זע נאָר — — האָן, ווי ער פאַר־טרייבט — — הון!
דער רייכער מאַן און די אָרעמע פרוי	זעסט דאָרט ——— ——— מאַן? ער וויל דאָך אַרויסוואַרפן פון הויז — — פרוי.
דער גוטער לערער און די גוטע לערערין	איך הער — — לערער און אויך — — לערערין.
דער קליינער שטערן און די גרויסע לבנה	זע נאָר — — שטערן און באַ־טראַכט נאָר — — לבנה.
דער גרויסער מויער און די קליינע שטוב	ער וויל טאַקע — — מויער און ניט — — שטוב.
דער אַלטער זיידע און די אַלטע באָבע	איך וועל פירן — — זיידן און דו וועסט פירן — — באָבע.
דער גוטער פעטער און די גוטע מומע	איך האָב ליב — — פעטער און אויך — — מומע.

אַ ר ב ע ט: שרייב איבער אין העפט און שטעל צו „דעם" אָדער „די".

איינצאָל ———— מערצאָל

דער קלאַפּ — די קלעפּ	דער פּאַק — די פּעק
דער באַרג — — ———	די האַק — — ———
די גאַנדז — — ———	דער זאַק — — ———
דער צאַפּ — — ———	דער פראָסט — — ———
דער קנאַפּ — — ———	דער גאַסט — — ———

אַ ר ב ע ט: שרייב אַריין אין העפט און שטעל צו די מערצאָל.

אַ קינדער־קעניג

• מאָרים ווינטשעווסקי

זיין וואָלט איך אַ קינדער־קעניג
אין אַ קינדער־לאַנד,
מיט אַ קינדער־מיניסטעריום
אָן צופיל פאַרשטאַנד;
מיט אַ בלומען־טראָן אין וועלדל,
אויף דער פרייער לופט,
אין דער האַנט אַ בלומען־סצעפּטער
מיט זיין פרישן דופט.
און אַ קרוין וואָלט איך געטראָגן
אויך ניט פון מעטאַל,
אויך אַ שווערד וועלכע קומט ניט
פון קיין אַרסענאַל.

און דער קעניג מיט די בירגער
וואָלטן זיך געשפּילט,
וואָלטן וועלדער מיט געלעכטער,
מיט געזאַנג פאַרהילכט;
און די ברעקלעך־אונטערטאַנען
וואָלטן מ י ך רעגירט,
נאָר לאָז ווערן קאַלט די ליבע,
וואָלט איך רעזיגנירט.
ווייל די ליבע, זי אַליין נאָר,
מיט איר צאַרטער האַנט,
קינדער־פאָלק און קינדער־קעניג
פירט אין קינדער־לאַנד.

פון אַ פּאַסטעך — אַ גרויסער געלערנטער

• איבערדערציילט פון מ. געלמאַן

רחל, די טאָכטער פון כלבא־שבוע, און עקיבא דער פּאַסטעך

געווען אַמאָל אַ רייכער מאַן אין ירושלים מיטן נאָמען כלבא־שבוע. ער האָט פאַרמאָגט אַ סך פעלדער און וועלדער, און סטאַדעס שעפּסן און ציגן.

כלבא־שבוע האָט געהאַט אַן איין און איינציקע טאָכטער, רחל. זי איז געווען אַ געלערנטע און אַ שיינע. ניט איין רייכער בחור האָט זי געוואָלט האָבן פאַר זיין פרוי. זי האָט זיי אָבער קיינעם ניט געוואָלט, ווייל עס איז איר געפעלן געוואָרן איינער פון איר פאָטערס פּאַסטעכער, עקיבא. אָבער רחל האָט דערקענט, אַז פון דעם אָרעמען פּאַסטעך קאָן אויסוואַקסן אַ גרויסער געלערנטער, וואָס זאָל ווערן אַ גרויסער לערער פון זיין פאָלק.

אַז כלבא־שבוע איז וועגן דעם געוואָר געוואָרן, האָט ער געזאָגט צו זיין טאָכטער:

— אויב דו וועסט חתונה האָבן מיט עקיבאַן, וועל איך דיך אַרויס־טרייבן פון מיין הויז, און דו וועסט מיך קיינמאָל מער ניט זען.

האָט רחל פאַרלאָזט איר פאָטערס רייך הויז, און זי האָט חתונה געהאַט מיט עקיבאַן. עקיבא האָט איר אָבער געמוזט צוזאָגן, אַז ער וועט זיך נעמען לערנען.

אַ לעבן פון ליידן און פריידן...

האָבןביידע געוואוינט אין אַ קליין געצעלט, הינטער דער שטאָט. זיי האָבן געגעסן נאָר טרוקן ברויט, ווייל עקיבא האָט זייער ווייניק פאַרדינט. רחל, אָבער, איז שטענדיק געווען פריילעך און צופרידן.

איינמאָל ביינאַכט, ווען זיי זיינען זיך אַזוי געזעסן אין זייער גע־צעלט, האָט אַ שטורעם־ווינט אַ בלאָז געטאָן דורך די לעכערדיקע ווענטלעך, און פאַרשאָטן מיט שטרויעלעך רחלס שיינע קאָפּ האָר.

עקיבא האָט ביי איר אַרויסגעקליבן די שטרויעלעך פון די געדיכטע האָר, און ער האָט זיך טרויעריק פאַרטראַכט. רחל האָט דאָס באַמערקט, און האָט אים געפרעגט:

— זאָג מיר, מיין מאַן, וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק?

— ווי זאָל איך ניט זיין טרויעריק, — האָט עקיבא געזאָגט — אַז מיר זיינען אַזוי אָרעם, און דו, מיין טייערע, גייסט אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן. מעגסט מיר גלויבן, ווען כ'וואָלט געקאָנט, וואָלט איך פאַר דיר אויסגעבויט אַ שיין הויז, און וואָלט דיר אָנגעטאָן אויפן קאָפּ אַ גאָלדענע קרוין.

ענטפערט אים רחל:

— איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב אַזאַ ערלעכן און גוטן מאַן. הלוואי וואָלסטו נאָך געגאַנגען זיך לערנען, ווי דו האָסט מיר צוגעזאָגט, וואָלט איך געווען די גליקלעכסטע פון אַלע פרויען.

אויפן אַנדערן טאָג איז עקיבא אַוועק אין אַן אַנדער שטאָט זיך לערנען.

עקיבא אין בית-מדרש

עקיבא איז אָנגעקומען אין אַ חדר און זיך אַוועקגעזעצט לערנען פון אלף-בית אָן. ער האָט זיך אַפילו ניט געשעמט צו לערנען באַגלייך מיט קליינע קינדער. אין גיכן האָט ער שוין געקאָנט לערנען, און איז אַריבער אין אַ גרויסן בית-מדרש. דאָרטן האָט ער שוין געלערנט העכערע לימודים ביי באַרימטע געלערנטע. געלעבט האָט עקיבא פון האַלץ האַקן. ער האָט געלעבט אין אָרעמקייט. רחל האָט געהערט, אַז איר מאַן ליידט גרויס נויט, האָט זי אָפּגעשוירן אירע שיינע האָר, זיי פאַרקויפט, און דאָס געלט געשיקט צו אים. עקיבא איז געווען אַ גוטער שילער, ער האָט שווער געאַרבעט, ביז ער האָט שוין געקענט בעסער לערנען פון אַלע זיינע חברים.

אַז עמעצער פון זיינע חברים האָט עפּעס ניט פאַרשטאַנען, פלעגט מען שוין קומען צו עקיבאן, און ער האָט אַלצדינג דערקלערט מיט גרויס חכמה און קענטעניש. האָבן דאָס דערזען זיינע לערער, פון בית-מדרש, האָבן זיי אים געלויבט, און מ'האָט אים אָנגעהויבן רופן רבי עקיבא.

אַזוי זיינען אַוועק צוועלף יאָר. די צוועלף יאָר האָט ער כמעט

ניט געגעסן צו דער זאַט, דעם דאַרשט ניט געשטילט, און זיין פרוי ניט געזען. האָט ער באַשלאָסן זיך אומקערן צו זיין ווייב.

— געווג שוין איז זי געזעסן אַליין — האָט ער זיך געטראַכט.

ווען ער איז שוין געווען אין ירושלים, און איז געשטאַנען ביי דער טיר פון רחלס געצעלט, האָט ער דערהערט ווי מען רעדט אינע־ווייניק: — זעסטו, — האָט געזאָגט עמעצער, אַן אומבאַקאַנטער — אַזוי איז שטענדיק, ווען מען פאָלגט ניט אַ טאַטן. שוין צוועלף יאָר, אַז דיין מאַן איז אַוועק. ווער ווייסט, צי ער וועט גאָר קומען צוריק. וואָלסטו אָבער געפאָלגט דיין טאַטן, וואָלט דיר געווען גוט.

האָט רחל געענטפערט: — ווען מיין מאַן וואָלט מיך געפאָלגט, וואָלט ער געזעסן דאָרטן נאָך צוועלף יאָר, און געלערנט תורה.

אַז רבי עקיבא האָט דאָס דערהערט, איז ער אַוועק צוריק אין זיין בית־מדרש און האָט ווייטער געלערנט. אין גיכן האָט זיין נאָמען גע־נומען קלינגען איבערן גאַנצן לאַנד, און טויזנטער תלמידים זיינען צו אים געקומען פון אַלע זייטן. די צאָל פון זיינע תלמידים איז מיט דער צייט אויסגעוואַקסן ביז פיר און צוואַנציק טויזנט.

רבי עקיבא — דער גרעסטער פון די יידישע געלערנטע

אַז ס׳זיינען אַריבער נאָך צוועלף יאָר, האָט עקיבא זיך געלאָזט אַהיים, צוריק קיין ירושלים. מיט אים זיינען געגאַנגען טויזנטער תלמידים.

אין ירושלים האָט מען דערהערט, אַז ס׳קומט אָן דער גרעסטער געלערנטער, איז די שטאָט אַרויס אים אַנטקעגן. רחל איז אויך גע־גאַנגען. ווען זי איז צוגעגאַנגען זייער נאָענט צו אים, האָט זי געוויינט פון גרויס שמחה. די תלמידים, ניט ווויסנדיק ווער זי איז, האָבן זי געוואָלט אַוועקטרייבן. האָט רבי עקיבא געזאָגט:

— לאָזט זי, קינדער! איר זאָלט וויסן, אַז איר האָבן מיר צו פאַר־דאַנקען אי מיין תורה, אי אייערע. ווען ניט אָט די פרוי, וואָלט איך ניט געווען אייער לערער, און איר — מיינע תלמידים.

רבי עקיבא האָט זיך באַזעצט אינעם געצעלט פון זיין ווייב, אָפּ־זאָגנדיק די רייכסטע לייט פון ירושלים, וועלכע האָבן אים איינגעלאַדן אין זייערע פּרעכטיקע פּאַלאַצן.

כלבא-שבוע טרעפט זיך מיט רבי עקיבאן

כלבא-שבוע האָט דערהערט, אַז אַ גרויסער געלערנטער איז אָנגעקומען קיין ירושלים, איז ער אַוועקגעגאַנגען צו אים פרעגן אַן עצה וועגן זיין טאָכטער. רבי עקיבא האָט זיין שווער גלייך דערקענט. דער שווער אים — ניט. ווען רבי עקיבא האָט אויסגעהערט זיין שווערס רייד, האָט ער אים געפרעגט:

— זאָג מיר, פאַרוואָס איז דיר ניט געפעלן געוואָרן דיין פאַסטעך, וואָס צוליב אים האָסטו פאַרטריבן דיין איין און איינציקע טאָכטער?

האָט כלבא-שבוע געענטפערט:

— וויל ער האָט אַפילו קיין אלף-בית ניט געקענט.

— ווען דו וואָלסט געוואוסט, אַז דער פאַסטעך דיינער וועט זיך גיין לערנען, און וועט אויסוואַקסן אַ געלערנטער מאַן, וואָלסטו דאַן דאָס זעלבע געטאָן צו דיין טאָכטער? — האָט רבי עקיבא געפרעגט.

— ניין, כ'וואָלט עס קיינמאָל ניט געטאָן! — האָט כלבא-שבוע געענטפערט. .

פרעגט אים ווידער רבי עקיבא:

— ווייסטו וואו עס געפינט זיך איצט דיין טאָכטער מיט איר מאַן?

אין אַ צווייטן צימער איז געשטאַנען רחל און זיך צוגעהערט צום שמועס. זי האָט זיך שוין מער ניט געקאָנט איינהאַלטן און איז פלוצים אַריינגעקומען. זי איז אַרויפגעפאַלן אויף איר טאַטנס האַלדז, אים געהאַלדזט און געקושט, און אויסגעשריען:

— טאַטע, איך בין דיין טאָכטער רחל, און דער גרעסטער געלערנטער ביי יידן — איז מיין מאַן!

— איצט זע איך, מיין טאָכטער, אַז דו האָסט גוט געטאָן, וואָס דו האָסט בעסער אויסגעקליבן מיין פאַסטעך עקיבא, איידער איינעם פון די רייכסטע זין פון ירושלים.

אין זעלבן טאָג האָט כלבא-שבוע אַוועקגעשענקט זיין איידעם אַ האַלב פון זיין פאַרמעגן. און רבי עקיבא האָט געקויפט פאַר זיין פרוי רחל אַ גאָלדענע קרוין, ווי ער האָט איר צוגעזאָגט, ווען ער האָט איר אויסגעקליבן די שטרויעלעך פון אירע שיינע געלאָקטע האָר.

פאַרשטייט די ווערטער:

פאַסטעך — shepherd	קרוין — crown
געצעלט — tent	בית-מדרש (בעסמעדרעש) — academy, school

אפשר אַוודאי מסתמא

אפשר אַזוי און אפשר ניט אַזוי. אפשר וואָלט געווען אַ יושר דו זאָלסט יענעם אויך לאָזן אויסרעדן אַ וואָרט. אפשר בין איך ניט גערעכט?

אַוודאי זייער גערעכט. האָסט אַוודאי געמיינט, אַז קיין גרעסערער קענער פון דיר איז שוין ניטאָ. וואָלסט אַוודאי געקאָנט גראַדואירן, ווען דו ווילסט נאָר.

האָסט שוין מסתמא עפּעס אָפּגעטאָן. האָסט זיך שוין מסתמא פאַרקילט. מסתמא ביסטו שוין געלאָפן אין דרויסן אָן אַ מאַנטל.

אַרבעט: שרייב צו פינף זאַצן מיט: אפשר, אַוודאי, מסתמא.

דער ווערב אַנטלויפן געבויגן מיט וואָלט

איך וואָלט אַנטלאָפן	מיר וואָלטן אַנטלאָפן
דו וואָלסט אַנטלאָפן	איר וואָלט אַנטלאָפן
ער (זי) וואָלט אַנטלאָפן	זיי וואָלטן אַנטלאָפן

אַרבעט: בייג אַליין די פאָלגנדיקע פינף ווערבן מיט וואָלט: באַגריסן, קריגן, באַטראַכטן ,צואוואַרטן, צוטראַכטן.

סינאָנימען		אַנטאָנימען
אומעט, טרויער	צער	באַשטימט, זיכער
ספק	אַ בליק טאָן	אומבאַשטימט
אַ קוק טאָן	מאַגנאַט	אַנדערש
אויף־אָן־אמת	קבצנים	באַשיידנקייט
פונקט־אַזוי, אַזוי־ווי	צרות	די מינדערהייט
חוצפה	דאָס רוב	נגידים
פריץ, רייכער	העזה	נחת
די מערהייט	ענלעך	אָרעמאַן
יסורים	ווירקלעך	אַוועקקוקן
אָרעמעלייט	צווייפל	פרייד, נחת

אַרבעט: אַלע ווערטער פון דעם מיטלסטן קאָלום האָבן אי סינאָנימען אי אַנטאָנימען; זיי זיינען צעוואָרפן און מען דאַרף זיי צופּאַסן צו די ווערטער פון דעם רעכטן און לינקן קאָלום.



ליד פון אַרבעט

• ש. פּרוג

אָ, לויב און געזאַנג דער מי און דער אַרבעט!
זינגט, גריסט זיי פון האַרצן, טייער און הייס!
געזונט זאָלן זיין די הענט מיט מאַזאָליעס,
דער שטערן, פון וועלכן עס גיסט זיך דער שוויים!

געבענטשט זאָלן זיין דער ווערקשטאַט, דאָס שפּינדל,
דער האַמער, די סאָכע, דער סערפּ און די זעג!
די וועלט איז פאַר איינעם אַ בליענדער גאָרטן,
פאַר טויזנט — אַ שווערער און זומפּיקער וועג.

די פייל איז פון שטאָל, דער האַמער — פון אייזן,
גאַנץ איינפאַך געמאַכט און ניט איבעריק שיין,
מיט זיי אָבער מאַכט מען די שווערד און דעם פּאַנצער
און טאַקע די הייליקע קרוינען אַליין.

דער סערפּ איז פון שטאָל, די סאָכע — פון אייזן,
קיין צירונג קיין גרויסע זיינען זיי ניט;
אין זיי אָבער ליגט אונדזער קראַפט, אונדזער לעבן,
אָן זיי איז אוממעגלעך איין איינציקער טריט.

פאַרשטייט די ווערטער:

איינפאַך — פשוט (פּאָשעט) simple	שפּינדל — spindle
סערפּ — sickle	סאָכע — plough
ווערקשטאַט — workshop	פייל — file
מאַזאָליעס — corns	

דער קאַרגער און ניט־פֿאַרגינער

• יידישע פֿאָלקס-מעשה

אַמאָל זיינען געגאַנגען אין וועג צוויי חברים — אַ קאַרגער און אַ ניט-פֿאַרגינער. ביידן איז געווען שלעכט אויפֿן האַרצן און ביידע האָבן זיך געוואונטשן, עס זאָל מיט זיי געשען עפּעס אַ נס, זיי זאָלן מיטאַמאָל באַגליקט ווערן.

פּלוצלונג קומט זיי אַנטקעגן אליהו הנביא און ער זאָגט צו זיי:

— קינדערלעך, איך האָב געהערט אייער פֿאַרלאַנג. גוט. איצט איז טאַקע די בעסטע צייט, ווען איר קענט ביי מיר אַלץ פּועלן. נאָר דער, וואָס וועט בעטן דער לעצטער, וועט קריגן צווייגמאָל אַזוי פֿיל ווי דער ערשטער.

דערהערט די ווערטער, האָבן זיך ביידע חברים צעאַמפּערט. דער קאַרגער האָט געזאָגט צום ניט-פֿאַרגינער: בעט דו פֿריער!

און דער ניט-פֿאַרגינער האָט געזאָגט צום קאַרגן: בעט דו פֿריער!

אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט און מען האָט זיך גענומען שלאָגן. דער קאַרגער איז געווען שטאַרקער, האָט ער אָנגעכאַפּט דעם ניט-פֿאַרגינער פֿאַרן האַלדז און גענומען אים וואַרגן.

— ווילסטו בעטן פֿריער, איז גוט, אַניט דערשטיק איך דיך! — האָט דער קאַרגער געשריען.

דערזען אַז ס'איז שלעכט, האָט דער ניט-פֿאַרגינער זיך אונטער-געגעבן. וואָס זאָל ער טאָן? פֿאַרפֿאַלן.

— נו, בעט! — האָט אים דער קאַרגער געאיילט...

און דער ניט-פֿאַרגינער האָט אַרויסגעזאָגט זיין פֿאַרלאַנג:

— איך וויל בלינד ווערן אויף איין אויג.

דער קאַרגער האָט דאָן געקראָגן צוויימאָל אַזוי פֿיל: ער איז בלינד געוואָרן אויף ביידע אויגן...

פֿאַרשטיי די ווערטער:

קאַרגער — stingy	פּועלן — אויספֿירן
ניט־פֿאַרגינער — to begrudge	צעאַמפּערט — צעקריגט
נס (נעס) — וואונדער, miracle	

לופו און יאַקאָב

• י. מעצקער

1.

די קליינע קינדער־שול אין דייטשן דאָרף וואַלדהיים שטייט הינטערן וואַלד אויף אַ בערגל, אַן אויסגעפּוצטע מיט העל־גרינע ווענט און אַ רויטן דאַך. אויפן דאַך איז דאָ אַ טורעם און אין דעם טורעם וואוינען טויבן. איבערן טורעם הענגט דער שול־גלאָק. צום גלאָק איז ביז ערשט נישט לאַנג געווען צוגעבונדן אַ לאַנגער שטריק, וואָס האָט זיך געצויגן ביז צו דער ערד. ביז ערשט נישט לאַנג האָט די שול געהאַט אַ רויטן וואָלף־הונט פּאַר אַ היטער. לופּו האָט ער געהייסן. דער הונט לופּו האָט ניט נאָר געהיט די געביידע. ער האָט אויך אין די אינדערפריען מיט די ציין געצויגן דעם שטריק פון גלאָק און מיט אַ פריילעך קלינגען גערופן די וואַלדהיימער קינדער אין שול אַריין.

אין דעם יאָר ניינצן־הונדערט־דריי־און־דרייסיק האָבן אין דער שול פון דעם קליינעם דאָרף געלערנט זעכצן קינדער. דער עלטסטער פון זיי איז אַלט געווען ניין יאָר. די עלטערע קינדער פון וואַלדהיים האָבן געלערנט אין שכנישן שטעטל. לופּו האָט אַלע זעכצן געקענט ביי די נעמען און אויך ביי די צונעמען. ער האָט געקענט דעם העל־פּאַנט פראַנץ ווערנער מיט די צוויי גרויסע ציין פון פאָרנט, די וועווערקע ליזל שרעדער, די בעסטע קריכערין אויף ביימער, דעם קאַטער קורט שולץ מיט די קעצישע גרויע אויגן, דעם קליינעם זינג־פויגל יאַקאָב אשכנזי, וואָס האָט געקענט נאָכזינגען אַלע פייגל, די ווייסע טויב מיצי מיט אירע שיינע העלע האָר, דעם לייב האַנס, דעם גרעסטן און שטאַרקסטן פון אַלע שילער, און אַזוי אַלע און אַלע.

לופּו, די שול־קינדער און אויך די לערערין זיינען שטענדיק געווען מונטער און פריילעך. ביז — עס איז צו זיי פּלוצלונג געקומען צו גיין אַ פרעמדער מאַן אין אַ ברוינעם אוניפאָרם.

2.

עס איז געווען אין פרילינג. אַ ליכטיקער פרימאָרגן. דאָס דאָרף איז געווען באַדעקט מיט בליאונג פון פרוכט־ביימער, ווי מיט שניי. דער וואַלד הינטער דער שול איז געווען איינגעהילט אין געדיכטער גרינקייט. לופּו האָט געוויגט דעם גלאָק און די שילער מיט די שול־ראַנצן אויף די פּלייצעס האָבן צום טאַקט פון קלאַנג געשפּאַנט צום

שול-בערגל און אויסגעזונגען אַ פרילינג-ליד.

לופו האָט פון דערווייטנס געהערט דאָס פריילעכע קול פון זיינע פריינט און שטאַרקער און שנעלער גענומען ציען דעם שטריק. נאָך פון דערווייטנס האָט ער מיט זיינע קלוגע אויגן ווי איבערגעציילט די קינדער. ווען ער האָט געזען, אַז אַלע שילער זיינען שוין דאָ, האָט ער אויפגעהערט קלינגען און באַגלייט די זינגענדיקע מחנה ביז צו דער שול-טיר. דאַרטן האָט ער זיך צוגעזעצט אויף זיינע הינטערשטע פיס, אויסגעבויגן דעם קאָפּ אין אַ זייט, אָנגעשפיצט דאָס רעכטע אויער און זיך גוט צוגעהערט ווי אַזוי יעדעס קינד ענטפערט אויף דער לערערינס פראַגן.

פלוצלונג איז ער אויפגעשפרונגען פונעם אָרט. עפּעס אַ פרעמדער, אָנגעטאָן אין אַ ברוינעם אוניפאָרם און אין ברוינע שטיוול, איז צו-געקומען צו דער שול. אונטערן אָרעם האָט ער געטראָגן אַן איינ-געראַמטע גרויס בילד. נאָך איידער לופו האָט זיך רעכט אַרומגעקוקט איז דער פרעמדער שוין געווען אין שול. לופו האָט גיך אָפּגעשטופּט די אָפן געלאָזטע טיר און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין שול אַריין. ער האָט נאָכגעקוקט דעם פרעמדן, וואָס איז גלייך צוגעגאַנגען צו דער לערערין און איר דערלאַנגט עפּעס אַ פּאַפּיר.

די לערערין האָט גענומען דאָס פּאַפּיר פון דעם פרעמדן, עס אָנ-געהויבן לייענען און איר פּנים איז שטאַרק בלאַס געוואָרן. איר האַנט, וואָס האָט געהאַלטן דאָס פּאַפּיר, האָט אָנגעהויבן צו ציטערן. אין מיטן לייענען האָט זי מיט טרויעריקע אויגן אַ קוק געטאָן אויף דעם קליינעם יאַקאָב אשכנזי. .

דער פרעמדער איז דערווייל געוואָרן היימיש אין שול. אין דער צייט וואָס די לערערין איז געווען פאַרטאָן אין פּאַפּיר האָט ער פון אַ וואַנט אַראָפּגענומען אַן אַלטע דייטשע מאַפּע און אויף דעם אָרט אויפגעהאַנגען דאָס בילד, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט. לופו און די קינדער האָבן מיט גרויס נייגעריקייט גענומען באַטראַכטן דעם מענטש אין רעמל, וואָס האָט פון דער וואַנט צו זיי אַראָפּגעקוקט מיט צוויי בייזע אויגן און מיט אַ פּאָר קליינע שוואַרצע וואָנצעס. די וואָנצעס האָבן די קינדער דערמאָנט אַן אַ מייזעלע, וואָס האָט אין מיטן לויפן זיך פאַרטשעפּעט אין דער גראָבער נאָז און געבליבן ליגן ווי צו-געקלעפּט. דאָס מויל פון דעם מענטשן אויפן בילד איז געווען פאַר-מאַכט און פאַרביסן. דער פרעמדער אין אוניפאָרם האָט זיך געלאָזט גיין צו דער פּלאַטפאָרם. פון דער פּלאַטפאָרם האָט דער פרעמדער מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויפן בילד און עפּעס גערעדט און גערעדט. לופו



איז שטיל געבליבן און געקוקט גלייך אין דעם רעדנדיקן מויל אַריין.

די קינדער האָבן וויניק וואָס פאַרשטאַנען פון דעם פרעמדנס ווערטער. זיי האָבן בלויז אויפגעכאַפּט די ווערטער — „אונדזער פירער". ביים קליינעם יאַקאָב האָבן אין גדאַנק זיך אויך אָפּגעשטעלט די ווערטער — „יודען" — און „יידיש". געגוי וואָס די ווערטער מיינען האָט ער ניט געוואוסט. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז די מאַמע האָט ערשט דאָ ניט לאַנג געזאָגט, אַז ער און די גאַנצע פאַמיליע אשכנזי זיינען „יודען" און אַז זיי זיינען אַלע „יידיש".

נאָכן רעדן האָט דער פרעמדער אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנט, פונקט אַנטקעגן בילד. לופו איז געוואָרן אויסער זיך ווען ער האָט דערזען ווי אַלע קינדער שטעלן זיך אויף און צוזאַמען מיט דער לערערין טוען זיי נאָך דעם פרעמדן. די שילער מיט דער לערערין האָבן זיך אויסגעדרייט מיט די פּנימער צום בילד, אויסגעצויגן די רעכטע האַנט פאַר זיך און אַלע ווי איינער אויסגעשריען:

— הייל!

נאָך דעם סאַלוט האָבן די שילער זיך צוריק אויסגעזעצט און מיט אָפענע מיילער און פינטלדיקע אויגן געקוקט אַרום זיך. די לערערין האָט זיך אויסגעהוסט און כלומרשט אין אַ שטרענגן טאָן זיך אָנגערופן:

— אין אונדזער שול ווערט היינט איינגעפירט אַ געזעץ פון ראַסן-ריינקייט. דער איינציקער פון אונדזערע שילער וואָס איז ניט אַריש איז יאַקאָב אשכנזי. ער ווערט דערפאַר אויסגעשלאָסן פון אונדזער שול.

די קינדער זיינען פון דער לערערינס רייד גאָר צעטומלט געוואָרן.

וואָס „ראַסן-ריינקייט" איז און וואָס „אַריש" מיינט האָבן זיי ניט גע־וואוסט, זיי האָבן דאָך אָבער קלאָר געהערט, אַז דאָס איז וועגן דעם זינג-פויגל יאַקאָב. און יאַקאָב, ווי נאָר ער האָט דערהערט זיין נאָמען, האָט ער אַ צעשראָקענער זיך אויפגעשטעלט. ער האָט אַפילו ניט איבערגעטראַכט וואָס די לערערין האָט נאָר וואָס געזאָגט, נאָר אַ צערודערטער מיט אַ שמייכל אויף זיינע ליפּן אָנגעהויבן שטאַמלען:

— איך . . . איך האָב מיין היים-אַרבעט, און דאָס וואָס מיר האָבן נעכטן געלייענט קען איך שוין אויסנווייניק.

— יאַקאָב — איז דער לערערינס קול געוואָרן ווייכער — גיי אַהיים און זאָג דיין טאַטע-מאַמע, אַז דו וועסט שוין מער ניט דאַרפן קומען אין שול אַריין.

— פאַרוואָס? — האָבן די קינדער שטום איינס ס'אַנדערע אָנ־געקוקט און זייערע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט טרערן.

דער קליינער יאַקאָב האָט אַ בליק געטאָן אויפן בילד, אויף דעם פרעמדן, וואָס האָט עפּעס פאַרשריבן אין אַ ביכל, און דערנאָך מיט גרויסע אויגן געקוקט אויף דער לערערין, וואָס האָט ערשט מיט אַ טאָג פריער אים געגלעט איבער זיין געקרויזט שוואַרץ קעפּל און אים גע־זאָגט, אַז ער איז אַ גוטער שילער, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ לייט.

— פאַרוואָס? — האָט ער געוואָלט פרעגן. עס איז אים אָבער אַזוי ענג געוואָרן אין האַלדז, אַז ער האָט קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסרעדן. ער האָט הילפלאָז אַ ווײלע געקוקט אויף די שילער אַרום זיך, דערנאָך גענומען זיין היטל, זיינע ביכער און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַרויסגעגאַנגען פון שול. ווען ער איז שוין געווען אויף דער שוועל האָט ער געהערט ווי עטלעכע קינדער האָבן זיך צעוויינט אויפן קול.

לופּו איז געשטאַנען ביי דער טיר און אַלץ צוגעקוקט. ערשט ווען יאַקאָב איז אַרויס אין דרויסן איז ער אים נאָכגעגאַנגען. — פאַרוואָס? — האָט דאָס שטומע באַשעפעניש מיט ליבשאַפט זיך געלאַשטשעט צו יאַקאָבן און אים באַשמעקט פון אַלע זייטן.

— איך ווייס ניט פאַרוואָס, לופּו. זאָג דו אַליין, האָב איך אפשר אַמאָל פאַרשפּעטיקט? האָב איך זיך ניט גוט געלערנט? זע מיינע גוטע צייכנס אין העפט, לופּו.

דער פרעמדער אין ברוינעם אוניפאָרם איז אַרויסגעקומען פון שול. יאַקאָב האָט פאַר דעם מענטשן איצט שוין מורא געהאַט און ווי נאָר ער האָט אים דערזען, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און זיך געלאָזט לויפן אַהיים. לופּו האָט אַ בייזער געברומט אויף דעם פרעמדן און איז צוגעלאָפן צום שטריק פון גלאָק. ער האָט מיט

אַלע כּוחות זיך איינגעביסן אין דעם שטריק און מיט אַ שטאַרק קלינגען געראָפן יאַקאָבן צוריק אין שול אַריין.

די לערערין איז באַלד אַרויסגעקומען. זי האָט עפּעס גערעדט צו לופּון און צו דעם פרעמדן אין אוניפאָרם. אָבער לופּו האָט איצט גאָרנישט ניט געהערט, נאָר געקלונגען און געקלונגען.

— אַך, דו יידישער הונט! — איז דער בייזער פרעמדער צוגעקומען צו לופּון און מיטן שפּיץ פון זיין ברוינעם שטיוול אים אַ בריק געטאָן אין בויך. דער הונט האָט מיט זיין גאַנצער רציחה גענומען רייסן דעם שטריק. ער האָט געריסן אַזוי שטאַרק, אַז דער שטריק האָט זיך אָפּגעריסן פון גלאָק.

מיטן שטריק צווישן זיינע ציין, איז לופּו, אַ ווילדער, אַוועק מיטן פעלד־וועג. ער האָט אָנגעיאָגט יאַקאָבן, אים אָפּגעפירט אַהיים, און אַליין איז ער אַוועק אין וואַלד אַריין.

פאַרשטייט די ווערטער:

- טורעם — tower
- רציחה (רעציכע) — בייזקייט
- געקרויזט — געלאָקט — curled
- היטער — guard
- מונטער — gay
- בליאונג — blossom

- איינגעהילט — covered
- שול־ראַנצן — brief cases
- מחנה (מאַכנע) — גרופּע
- איינגערעמט — framed
- נייגעריקייט — curiosity
- רעמל — frame
- שטרענג — strict

קענסטו לייענען און שרייבן די דאָזיקע העברייאישע ווערטער?

סוד־סודות * סכנה־סכנות * חורבה־חורבות * יתום־יתומים
כעס * סדר * כשוף * רבקה * מלאכה * פּריץ

אײנצאָל		מערצאָל	
דאָס דאָרף	די דערפער	דער גאָרטן	די גערטנער
דאָס פעלד	— — ———	דאָס לאַנד	— — ———
דער װאַלד	— — ———	דאָס פאָלק	— — ———
דער האַלדז	— — ———	דאָס אָרט	— — ———
דאָס האַרץ	— — ———	דאָס װאָרט	— — ———

אַ ר ב ע ט: שרײַב איבער אין העפט און שטעל צו די מערצאָל.

סינאָנימען		אַנטאָנימען
אָנלײגן	מתים	פאַרבליבענע
זיך דערװיסן	עקשנות	אײנברענגען
אײנגעשפּאַרטקײט	געװוּאָר װערן	גלײַך
טויטע	אָנלאָדן	דערשײַנט
פליכטלינגע, אַנטלאָפענע	זיך קימערן	בלײַבן
אויסברענגען	פאַרלאָזן	זײַן גלײַכגילטיק
קרום	פאַרשװינדט	אויסלאָדן
ניטאָ! אויס!	זיג-זאַג	ניט אויסגעפינען
אַװעקגײן	פטרן	נאָכגעביקײט
זיך זאָרגן	פליטים	לעבעדיקע

אַ ר ב ע ט: אַלע װערטער פון דעם מיטלסטן קאָלום האָבן אי סינאָנימען אי סינאָנימען; זײ זײַנען צעװאָרפן און מען דאַרף זײ צופּאַסן צו די װערטער פון דעם רעכטן און לינקן קאָלום.

דער װערב אַ ר ײ נ פ אַ ל ן געבױגן מיט פ ל ע ג

אײנצאָל	מערצאָל
איך פלעג אַרײַנפאַלן	מיר פלעגן אַרײַנפאַלן
דו פלעגסט אַרײַנפאַלן	איר פלעגט אַרײַנפאַלן
ער (זי) פלעגט אַרײַנפאַלן	זײ פלעגן אַרײַנפאַלן

אַ ר ב ע ט: בײג אַלײן די פאַלגנדיקע פינף װערבן מיט פ ל ע ג: אַפּעסן, אויסלערנען, צובינדן, אַרײַנקוקן, אַראָפּשפּרינגען.

מלחמה

• י. אַדלער

מיר וועלן קיין קאָרן, קיין ווייץ און קיין גערשטן ניט האָבן —
די פעלדער די ברייטע — זיי שטייען אין גריבער צעגראָבן.

מיר וועלן קיין שאָף און קיין רינד אויפן פעלד מער ניט האָבן —
די פעלדער — זיי זיינען פאַרנומען מיט מתים און ראָבן...

דיביימער — זיי שטייען באַלאָדן מיט עפּל און באַרן —
זיי וועלן אַזוי אויף די צווייגן פאַרפוילן, פאַרדאַרן...

די יינגסטע, די קרעפטיקסטע מענטשן — זיי שטייען אין פלאַקער —
ניטאָ, ווער ס'זאָל זייען און פלאַנצן און פירן דעם אַקער.

די פעלדער — זיי זיינען פאַרנומען מיט מתים און ראָבן —
מיר וועלן קיין קאָרן, קיין ווייץ און קיין גערשטן ניט האָבן...

פאַרשטייט די ווערטער:

ווייץ — wheat
גערשטן — barley
רינד — ox, cow
מתים — טויטע

באַרן — pears
באַלאָדן — loaded
פלאַנצן — plants

סאַרדזשענט מאיר לעווין

דעם 18טן פעברואַר, 1943, האָבן די צייטונגען אין אַמעריקע אַזוי געשריבן:

„סאַרדזשענט מאיר לעווין, דער יידישער פליער פון ברוקלין, דער העלדישער באָמבאַרדירער, וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט אין די פיליפּינען און אין אויסטראַליע, איז דערהרגעט געוואָרן אין שלאַכט, דעם 7טן יאַנואַר."

אַזוי האָט דער קריגס-דעפּאַרטמענט היינט געמאָלדן.

מאיר וואַקסט אַ פליער

טאַטע-מאַמע האָבן געמיינט, אַז ער וואַקסט גאָר אַ זינגער, ווייל ער האָט געהאַט אַ פיינע אַלטאַ-שטים. אָפט פלעגט זיך די משפחה צוזאַמענקומען אין פאַרלאָר פון הויז אין ברוקלין און זיך צוהערן מיט פאַרגעניגן ווי מאיר זינגט. האָבן טאַטע-מאַמע געהאָפט, אַז מיט דער צייט וועט נאָך אפשר מאיר ווערן אַ גרויסער זינגער.

אָבער מאירן ציט גאָר צו עראָפּלאַן-מאָדעלן. ער איז שוין דעמאָלט געווען איינער פון די בעסטע שילער אין ברוקלינער טעכנישער סקול. אין זיין פרייער צייט האָט ער געלייענט אַ סך ביכער, געלייענט אַ סך וועגן געשיכטע און ביאָגראַפיעס און — געבויט עראָפּלאַן-מאָדעלן.

זיין טאַטע פאַרשליסט דעם גאַראַדזש . . .

אַ קאַר האָט מאירס טאַטע געהאַט און מאירן געלאָזט טרייבן די קאַר. האָט מאיר זייער שטאַרק געוואָלט וויסן ווי אַזוי דער מאָטאָר אַרבעט. ער האָט זיך שוין לאַנג געקליבן צו צענעמען דעם מאָטאָר אויף שטיקלעך... און איינמאָל איז זיין טאַטע אָנגעקומען פונקט דעמאָלט, ווען מאיר האָט זיך שוין גענומען נעמען צו דער אַרבעט...

— מאיר, וואָס ווילסטו טאָן?

— צענעמען דעם מאָטאָר, טאַטע. איך וועל אים שפּעטער צוריק צוזאַמענשטעלן.

אָבער דער טאַטע האָט מורא געהאַט זיך צו פאַרלאָזן אויף מאירס ע ק ס פּ ע ר י מ ע נ ט ן און ער האָט שוין פאַרשלאָסן די קאַר אין גאַראַדזש.

זיין יידישער נאָמען . . .

מאיר האָט שוין פאַרענדיקט אַ קורס אין אַוויאַציע און האָט אָנ־געהויבן זוכן אַרבעט אין אַן עראָפּלאַן־פאַבריק. אָבער די פאַבריקאַנטן האָבן אים ניט געוואָלט צונעמען: זיי האָבן ניט געוואָלט האָבן קיין לעווין ביי זיך אין פאַבריק. לעווין איז אַ יידישער נאָמען.

האָבן אייניקע חברים אים געעצהט:

— בייט דעם נאָמען, מאיר, וועסטו קריגן אַרבעט.

אָבער די מאַמע האָט אים געזאָגט:

— מאיר, פאָלג מיך, טו עס ניט. אויב דו קענסט זיין אַ גוטער מעכאַניק ביי עראָפּלאַנען, קענסטו זיין אַ גוטער יידישער מעכאַניק. פאַרוואָס זאָל דיין דערפאָלג גיין אויף אַ פרעמדן נאָמען?

האָט מאיר געפאָלגט. אָבער עס ציט אים דאָך פאָרט צו עראָ־פּלאַנען, איז ער געקומען צו זיין טאַטן סוף מאַי, 1939, און געזאָגט:

— טאַטע, איך וויל זיך אָנשליסן אין דער אַוויאַציע און ווערן אַ פליער.

האָט דער טאַטע געקוקט אויף זיין 23־יאָריקן זון און האָט געזאָגט:

— דו ווילסט דווקא אַוויאַציע, גיין, מיין זון, און פלי און באַגליק.

קעלי — לעווין

דאָס איז פאָרגעקומען נאָך דער יאַפּאַנעזישער אַטאַקע אויף פּוירל האַרבאָר. דער יידישער לעווין מיטן אירלענדישן קעלי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אויף איין עראָפּלאַן — אַ „פליייִנג פאָרטרעס".

קעלי־און־לעווין, לעווין־און־קלי, צוויי וואונדערלעכע יונגען. זיכער איז געווען קעלים פּילאָטישע האַנט, וואָס האָט געפירט די שיף אין מיטן שונאס פייער און רואיק איז געווען לעווינס אויג און זיין האַנט אויפן עלעקטרישן קנעפּל, וואָס לאָזט אַראָפּ די באָמבעס. און אַזוי האָבן זיי ביידע געזונקען די יאַפּאַנעזישע שיף „האַרונאַ".

אָבער דער עראָפּלאַן האָט שוין געברענט. קעלי האָט אַלעמען געהייסן אַרונטערשפּרינגען און אַליין איז ער אומגעקומען.

האָט מאיר זיך איבערגעגעבן צו איין זאַך: זינקען וואָס מער יאַפּאַנעזישע שיפן. ווייל יעדע יאַפּאַנעזישע שיף קאָן ברענגען טויט און אומגליק פאַר אונדזער לאַנד. מען מוז ראַטעווען אונדזער לאַנד און אונדזער פרייהייט. אָפטמאָל האָט זיך זיין עראָפּלאַן אָנגעצונדן פון יאַפּאַנעזישע קוילן — איז ער אַראָפּגעשפּרונגען מיט זיין פּאַראַשוט.

ער האָט שוין געהאַט אַנטייל גענומען אין מער ווי פופציק אַטאַקעס אויף די שונאים. אין אַ קורצער צייט האָט ער געוואונען דריי מעדאַלן: אַ „סילווער סטאַר", אַן „אָוק ליף קלאַסטער" און אַ „דיסטינגווישד פלייאינג קראָס" — פאַר העלדישקייט און מוט.

אַ „מאיר לעווין-טאָג" אין ברוקלין

זונטיק, דעם ערשטן נאָוועמבער, 1943, האָט ברוקלין געמאַכט אַ „מאיר לעווין-טאָג". טויזנטער אַמעריקאַנער — יידן, אירלענדישע, נעגער, איטאַליענער — זיינען זיך צוזאַמענגעקומען לעבן מאירס הויז און אַנגעקלאַפּט אַ בראָנזענעם טאָוול אויפן הויז. און געזאָגט האָט זיך אויפן טאָוול אַזוי:

„די פריינט און שכנים ערן מיט דעם טאָוול דעם סאַרדזשענט מאיר לעווין, אַ באָמבאַרדירער אין לופט-פלאָט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט אין קאַמף — מיטן זיין העלדישקייט, מוט און בראַווקייט, אין דינסט פון זיין לאַנד."

אָבער דעם 18טן פעברואַר, 1943, האָט דאָס גאַנצע לאַנד פלוצלונג דערהערט:

— געפאַלן מאיר לעווין, דער העלדישער יידישער בחור פון ברוקלין: ער האָט געראַטעוועט די לעבנס פון זיינע דריי חברים און — אַליין אומגעקומען.

און דאָס יידישע פאָלק — טאַטעס, מאַמעס און קינדער — וועלן תמיד געדענקען דעם העלדישן יידישן זון, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבן אויף פליגל פון שטאָל און אָפּגעגעבן זיין יונג לעבן, כדי צו באַפרייען די וועלט פון פאַשיזם.

דאָס פאָלק וועט תמיד געדענקען אַלע זיינע העלדישע זין.

אייבערעהעם לינקאָלן — „אייב דער גוטער"

• מ. פעלדמאַן

עם וועלן דורות נאָך דערמאָנען:
עס האָט געלעבט דאָ אייב דער הויכער . . .
„דער גוטער אייב" ! — געפּאַסט דער נאָמען, —
געפּאַסט די גוטסקייט טאַקע אויכעט.



אָט שטייט ער . . . טיף־פאַרזאָרגט . . . געבויגן :
ער טראָגט די גוטסקייט אויף זיין רוקן . . .
נאָר שטרענג־פאַרצאָרנט זיינע אויגן :
ער קען אויף שלעכטן גלייך ניט קוקן.

וועט לאַנג אַמעריקע דערציילן :
געווען איז אייב אַ פריינט פון שקלאַפן.
זיין פריינטשאַפט פלעגט ער גלייך דאָ טיילן
צו וויים־און־שוואַרץ — צו די וואָס שאַפן.

צו וויים־און־שוואַרץ — צו די וואָס שאַפן —
עס וועט אַמעריקע אים בענטשן :
געגעבן פרייהייט צו די שקלאַפן,
געמאַכט האָט אייב פון שקלאַפן — מענטשן.

דער — דעם

דער שטילער ייִנגל	וואָס האָסטו צו דעם שטילן ייִנגל?
דער ווייטער קרוב	מיר האָבן געקראָגן אַ בריוו פון —— קרוב.
דער אָרעמער יתום	אַלע שטעלן זיך איין פאַר —— —— יתום.
דער גוטער טאַטע	די קינדער פרייען זיך מיט —— —— טאַטן.
דער שלעכטער בחור	קיינער וויל ניט זיצן לעבן —— —— בחור.
דער ברייטער טייך	מיר שווימען אין —— —— טייך.
דער הויכער באַרג	מיר שטייען אויף —— —— באַרג.
דער טיפער טאָל	ווי ווערסטו אַרויסקריכן פון —— —— טאָל?
דער חשובער גאַסט	אַלע האָבן זיך געדרייט אַרום —— —— גאַסט.
דער גרויסער דיכטער	איך האָב געלייענט אַ סך לידער פון —— —— דיכטער.

אַרבעט: שרייב איבער אין העפט מיט „דער" אָדער „דעם".

אַגריקולטור

דער פויער פאַרזייט אין זיין פעלד ——	זאַנגען
דער פויער צעאַקערט דאָס פעלד מיט אַן ——	קערנער
פון די קערנער וואַקסן אויס ——	טריקעניש
די צוויי מינים ברויט-זאַנגען, וואָס וואַקסן אויף די פעלדער, זיינען ——	גערעטעניש
ווייץ, קאָרן, גערשטן, האָבער און אַנדערע פעלד-פּראָדוקטן רופן זיך ——	ווייץ און קאָרן
ווען די פעלדער גיבן אַ סך תבואה איז עס אַ ——	אַקער
ווען עס פאַלט ניט קיין רעגן און די תבואה טריקנט אויס איז עס אַ ——	תבואה

אַרבעט: פאַרענדיק די זאַצן פון רעכטס מיט די ריכטיקע ענטפערס פון לינקס. שרייב איבער אין העפט.

איינצאָל —— מערצאָל

די מתנה	— די מתנות	די מלחמה	— די מלחמות
די לבנה	— — ——	די פרנסה	— — ——
די יתומה	— — ——	די ירושה	— — ——
די שכנה	— — ——	די שמחה	— — ——
די בהמה	— — ——	די עצה	— — ——

אַרבעט: שרייב איבער און שטעל צו די מערצאָל.

די לבנה גייט שלאָפן

• ר. פּאָטאַש

די לבנה גייט שלאָפן,
מיין קינד,
זי איז מיד פונעם שיינען;
זי קומט פון די ברעגן ים,
וואו ס׳ליגן פּליטים
און וויינען . . .

די לבנה גייט שלאָפן,
מיין קינד,
זי האָט זיך די פיס אָפּגעלאָפן;
געזוכט פאַר די פּליטים אַן אָרט,
זיי זאָלן אויפן נאַקעטן זילבער
ניט שלאָפן . . .

די לבנה גייט שלאָפן,
מיין קינד,
עס האָט זיך איר האַרץ
אויף צווייען צעשניטן:
זי איז מיטן עלנט פון ייד
איצט איבער ימען געריטן.

די לבנה גייט שלאָפן,
מיין קינד,
רויט איז איר פּנים פון צאָרן;
איצט ליגט איר קאָפּ אין אַ וואָלקן,
ווי אַ פּליט אַנטשלאָפן געוואָרן . . .

פאַרשטיי די ווערטער:

פּליט (פּאָלעט) — refugee
פּליטים (פּלייטים) — refugees

די קליינע העלדן פון כפר תבור

• י. יערי-פּאָלעסקין

די מעשה איז פאָרגעקומען פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען ארץ ישראל האָט זיך נאָך געפונען אונטער דער טערקישער הערשאַפט. די קינדער-שול אין דער קאָלאָניע איז געווען קליין און ענג, האָבן די קאָלאָניסטן באַשלאָסן אויפצובויען אַ נייע, שיינע און באַקוועמע שול-געביידע. לויטן געזעץ האָבן זיי געדאַרפט בעטן דערלויבעניש ביי די טערקישע באַאַמטע אין נצרת. זיי האָבן אָבער געוואוסט, אַז די טערקישע באַאַמטע זיינען פויל און אָפּגעלאָזן און עס קען נעמען יאָרן, איידער זיי וועלן די דערלויבעניש באַקומען. האָבן די קאָלאָניסטן דעריבער באַשלאָסן צוצוטרעטן בויען אָן אַ דערלויבעניש: וואָס שנעלער אָפּטאָן די אַרבעט און לייגן דעם דאַך אויף דער שול. ווייל לויטן טערקישן געזעץ טאָר מען ניט טשעפּען קיין געביידע, וואָס איז שוין געדעקט מיט אַ דאַך.

דאָס איז געווען אין חודש אלול. די אַלטע שול איז געווען צו-געשלאָסן און די קינדער זיינען געווען פריי פון לערנען ביז נאָך די יום-טובים. אַ גאַנצן טאָג איז געווען שטיל און רואיק אין דער קאָלאָניע. די קאָלאָניסטן זיינען אַוועק אין פעלד אַריין אַראָפּנעמען די תבואה, און די קינדער פלעגן אויפשטיין גאַנצפרי, אָנלאָדן זייערע אייזעלעך, מיטנעמען עסן און זיך אַוועקלאָזן אויף אַ לאַנגן שפּאַציר אין פעלד. די עלטערע יינגלעך זיינען געבליבן אין דער קאָלאָניע צו העלפן די אַרבעטער ביים בויען. די אַרבעט איז צוגעגאַנגען שנעל, די ווענט זיינען געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, און באַלד וועט מען שוין לייגן דעם דאַך.

איין נאָכמיטאָג זיינען די קינדער געקומען צולויפן אויף זייערע אייזעלעך מיט אבינועמען אין דער שפּיץ. אבינועם האָט דעם עלטסטן פּונעם קאָמיטעט אַזוי דערציילט:

— מיר האָבן זיך געשפּילט צופוסנס פון דעם באַרג תבור, האָבן מיר דערזען זיילן שטויב הויבן זיך אין דער לופטן: דאָס קומען טערקישע סאָלדאַטן; זיי זיינען אויפן וועג צו דער קאָלאָניע. זיינען מיר געקומען צולויפן אייך צו וויסן טאָן, ווייל זיי קומען געוויס צע-וואַרפן אונדזער שול.

דער עלטסטער פונעם קאָמיטעט האָט באַפוילן אָפּצושטעלן די אַרבעט און זיך באַהאַלטן אין די דערבייאיקע הייזער. און באַלד זיינען אָנגעקומען די סאָלדאַטן, אָנגעפירט פון אַ טערקישן אָפיציר. ווען דער אָפיציר האָט דערזען די ניט־פאַרענדיקטע געביידע האָט ער באַפוילן די סאָלדאַטן זיי זאָלן זי צעוואַרפן ביז צום גרונט.

די קינדער האָבן געהערט דעם דאָזיקן באַפעל. און אבינועם האָט באַלד געהייסן זיינע חברים אַרויפצוקריכן אויף די ווענט פון דער נייער שול־געביידע און זי באַשיצן קעגן די סאָלדאַטן. איינס־און־צוויי און די קינדער זיינען שוין אויף די ווענט.

די סאָלדאַטן זיינען אַרויף צו פאַרטרייבן די קינדער, אָבער די קינדער האָבן מיט אַלע כוחות זיך איינגעקלאַמערט אין די ווענט, און די סאָלדאַטן האָבן זיי ניט געקענט רירן פון די ערטער. דער קליינער אבינועם האָט דאַן אויסגעשריען צום טערקישן אָפיציר אויף אַראַביש:

— דאָס איז אונדזער שול, וואו מיר דאַרפן לערנען, און מיר וועלן זי באַשיצן ביז אונדזער לעצטן טראָפּן בלוט. מיר וועלן פון דאַנען ניט אַראָפּ ביז איר וועט ניט פאַרלאָזן די קאָלאָניע.

האָבן אַלע קינדער אויסגעשריען אין איין קול:

— מיר וועלן פון דאַנען ניט אַראָפּגיין, אַפילו אַז מען וועט אונדז הרגענען.

דער אָפיציר, וועלכער האָט צום אָנהויב געשמייכלט, האָט באַלד אויפגעהערט שמייכלען און האָט אויסגעשריען מיט צאָרן:

— גייט שוין אַראָפּ, אַניט באַפעל איך די סאָלדאַטן זיי זאָלן אייך מיט גוואַלד אַראָפּשלעפּן, אייך שמידן אין קייטן און אייך אָוועקפירן אין אַ פינצטערער תפיסה אין נצרת, וואו איר וועט גאָרנישט קריגן, ניט קיין עסן און ניט קיין טרינקען.

אבינועם האָט זיך ניט איבערגעשראָקן און האָט מוטיק אָפּ־געענטפערט:

— איר קענט מיט אונדז טאָן וואָס איר ווילט, אָבער מיר וועלן פון דאַנען ניט אַראָפּגיין.

ווען דער טערקישער אָפיציער האָט געזען, אַז ער קען מיט זיי גאָרניט מאַכן, סיידן ער זאָל אויף זיי שיסן, האָט ער געהייסן די סאָלדאַטן פאַרלאָזן די קאָלאָניע.

ווען די סאָלדאַטן האָבן פאַרלאָזט די קאָלאָניע, האָט מען געשיקט אבינועמען מיט נאָך אַ רייטער זיי זאָלן ברענגען נאָך באַלמעלאָכעס פון דער נאָענטער קאָלאָניע צו העלפן מאַכן דעם דאַך. און פאַרנאַכט איז אָנגעקומען אַ פולער וואָגן מיט סטאָליאַרעס.

ס'איז געווען אַ העלע לבנה־נאַכט, ליכטיק ווי אין מיטן טאָג. די סטאָליאַרעס, די קאָלאָניסטן, דער לערער, די עלטערע און די ייִנגערע ייִנגלעך האָבן אַ גאַנצע נאַכט שווער און שנעל געאַרבעט. און גאַנץ פרי, נאָך פאַר זון־אויפגאַנג, איז די אַרבעט געווען אָפּגעטאָן: די שול־געביידע האָט שוין געהאַט אַ דאַך.

ווען ס'איז נאָר ליכטיק געוואָרן איז געקומען צורייטן דער אָפיציר מיט סאָלדאַטן גרייט צו צעוואָרפן די שול. זיי האָבן אָבער גאָרניט געקענט טאָן, ווייל דער דאַך איז שוין געווען פאַרטיק, און, לויטן געזעץ, האָבן זיי דעריבער ניט געקאָנט טשעפּען די געביידע.

אין אַ חודש אַרום איז שוין די גאַנצע אַרבעט געווען פאַרטיק, און די קאָלאָניסטן האָבן געפּראַוועט אַ פריילעכן חנוכת הבית. און אבינועם מיט זיינע חברים זיינען געווען שטאַרק פריילעך.

(פון דער כרעסטאָמאַטיע „אונדזער וואָרט“)

פאַרשטייט די ווערטער:

גרונט — ground	הערשאַפט — rule
באַלמעלאָכעס — mechanics	באַאַמטע — officers
חנוכת הבית — dedication of house, opening celebration	נצרת — נאָמען פון אַ שטאָט
	תבואה — grain

קענסטו לייענען און שרייבן די העברייאישע ווערטער?

פנים־פנימער * קשיה־קשיות * חלה־חלות * תירוץ־תירוצים ראש השנה * יום כפור * סוכות * שמחת תורה * חנוכה פורים * פסח * שבועות

יצחק־לייבוש האָט געווינט

• א. גאָלדבערג

אַמאָל איז געווען —
אַמאָל איז געווען אַ שטאָט,
אַמאָל האָבן יידן געלעבט,
אַמאָל זיינען צוויי ברידערלעך
געווען —
אַמאָל איז געווען אַ מעשה.

און די מעשה הייבט זיך אָן מיט יאָרן צוריק אין דער שטאָט וואַרשע, וואָס אין פּוילן. און די יידן אין דער שטאָט וואַרשע האָבן געלעבט אין גרויס אָרעמקייט און שווער געאַרבעט אויף זייער ברויט. ניט לייכט איז געווען זייער לעבן, אָבער גרויס און שיין זיינען געווען זייער האָפענונג און זייער חלום.

א.

אין דער שטאָט וואַרשע איז ביי דעם יידישן לערער הורוויץ געבוירן געוואָרן אַ צווילינג — צוויי יינגלעך. און געשען איז אָט די פריילעכע פּאַסירונג חול־המועד פסח, אין דעם יאָר 1930, אַקוראַט צום טאָג פון 15טן יאָרצייט נאָך יצחק לייבוש פּרץ. און ווייל מער פון אַלע יידישע שרייבער האָט דער יידישער לערער הורוויץ ליב געהאַט יצחק לייבוש פּרצן, און ווייל ער פלעגט אַלעמאָל ליב האָבן זינגען זיין ווייב באַסיען פּרצעס לידער

„שטיינערנע פּאַלאַצן,
אייזערנע באַלקאָנען...“

אָדער —

„אויף יענער זייט ים איז געשטאַנען אַמאָל...“

און ווייל עס איז געווען אַ צווילינג, און נאָך צוויי יינגלעך דערצו, געבוירן אַקוראַט צום פּרץ־יאָרצייט — האָט מען זיי אַ נאָמען געגעבן:

איינעם — יצחק.
און דעם אַנדערן — לייבושל.

אָט אַזוי שיין און פּשוט האָבן זיי עס צוגעטראַכט, דער יידישער לערער הורוויץ און זיין ווייב באַסיע. און נאָך עפּעס: די משפּחה הורוויץ האָט זיך געפּירט, אַז די יינגלעכס געבורטסטאָג פלעגט מען אַלעמאָל פּראַווען צום ערשטן סדר.

און דאָס איז שוין געווען גאָר אַ פיינע פירונג, ווייל ס'איז באמת זעלטן שיין, אַז יידישע יינגלעך זאָלן האָבן אַ פּסחדיקן געבורטסטאָג, און נאָך ביים סדר דערצו.

ב.

און געוואַקסן זיינען יצחק און לייבושל, ווי אַלע יידישע קינדער אין דער אָרעמער און שיינער וואַרשע. ניט געבונג ברויט, אָבער מיט אַ שיינעם חלום אין די ברוינע אויגן, און מיט אַ סך ליבע אין זייערע יונגע הערצלעך. זיי האָבן אַלץ און אַלעמען ליב געהאַט יצחק און לייבושל. אָבער מער פון אַלץ און אַלעמען האָבן זיי ליב געהאַט צו רעדן און צו חלומען און צו הערן מעשות פון יצחק לייבוש פּרצן.

זיי פלעגן דעקלאַמירן און זינגען זיינע לידער און נאָכדערציילן זיינע מעשות. די חברים אין שול פלעגן זיי אָפט רופן די פּרצלעך, און אפילו די לערער פלעגן זיי מיט ליבע רופן די יצחק-לייבושלעך.

אָפט פלעגט זיי דער טאַטע נעמען צום הויז, וואו פּרץ האָט ביי זיין לעבן געוואוינט, און די יינגלעך פלעגן לאַנג שטיין אין דרויסן און אַרויפקוקן אויבן צו די פענצטער.

און יעדן פּסח פלעגט זיי דער טאַטע נעמען צו פּרצעס קבר אויפן בית עולם און אונדזער צווילינג פלעג דאָרט לאַנג-לאַנג שטיין און קוקן און זיין שיין אומעטיק און וואונדערלעך פאַרטראַכט.

אַזוי איז געגאַנגען יאָר-איין יאָר-אויס, אַזוי יאָר נאָך יאָר.

ג.

און די מעשה אונדזערע שפּינט זיך ווייטער און ווייטער און זי שפּרינגט איבער יאָרן, אַ סך יאָרן, און די מעשה אונדזערע שטעלט זיך פלוצים אָפּ אַקוראַט פּסח צום ערשטן סדר, אין דעם טרויעריקן יאָר 1943.

ד.

שווער, אוממעגלעך שווער איז געוואָרן דאָס לעבן אין דער

וואַרשעווער געטאָ. די געטאָ האָט געאָטעמט מיט די לעצטע כחות. יעדן טאָג האָבן זיך באַוויזן די דייטשישע טראָקס און אַוועקגעפירט נייע הונדערטער, נייע טויזנטער, אַוועקגעפירט אויף קיין מאָל נישט צוריקצובריינגען מער, אַוועקגעפירט אויף שקלאַפעריי און טויט.

קיין רחמנות האָט קיינער שוין מער ניט דערוואַרט. דער רחמנות איז פון לאַנג שוין אַוועק פון האַרץ פון די דייטשן. דאָס האַרץ אַליין איז פון זיי אַוועק. זיי זיינען מער שוין קיין מענטשן ניט געווען, די דייטשן. זיי זיינען נאָר געוואָרן משוגענע מאָרד-מאַשינעס, וואָס הרגענען אומשולדיקע מענטשן, זיידעס און באָבעס און טאַטעס און מאַמעס און קליינע קינדער.

די געטאָ האָט געאָטעמט מיט די לעצטע כחות און מיט די לעצטע כחות געגרייט זיך אַנטקעגנצושטעלן די שונאים — די דייטשן.

ה.

דער סדר איז געווען אַ מאָדנע פריילעכער ביי די הורוויצעס אין הויז, גלייך אין דרויסן וואָלט גאָרניט געווען דער העסלעכער דייטש. עס איז געווען אַ סדר און אַ בר-מצווה צוזאַמען. ביים טיש זיינען געווען פאַרזאַמלט עטלעכע פריינט און כמעט אַלע שכנים פון הויז. דער זיידע איז געזעסן אַ שמייכלענדיקער אין זיין ווייסן קיטל, געקוקט אויף די צוויי יינגלעך און שטילערהייט געווישט אַ טרער.

אַלע האָבן געוואוסט וואָס עס גרייט זיך, נאָר קיינער האָט עס מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט. אונטער די בעטן זיינען געלעגן גרייט די ביקסן מיט די קוילן, אָבער דערווייל איז מען געזעסן ביים סדר ווי אַלע יאָר, געזאָגט די הגדה און געזונגען די שיינע לידער.

די קשיות האָבן, ווי אַלעמאָל, געפרעגט ביידע — סיי יצחק און סיי לייבושל. ווי העל עס האָבן געקלונגען די אַלטע ווערטער אין זייערע מיילער היינט אָוונט, ווי ליכטיק עס האָבן געלאַכט די אויגן זייערע.

אין מיטן האָט דער טאַטע אָפגעשטעלט דאָס זאָגן די הגדה. ער האָט זיך לאַנג שטיל פאַרקוקט אויף די צוויי יינגלעך. ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן, האָט זיך זיין קול צעגליטש:

„מיינע ליבע יצחקל און לייבושל. איך וויל היינט האַלטן די בר-מצווה רעדע פאַר אייך. פרייט זיך, יינגלעך מיינע, וואָס אין דער נאַכט פון אייער געבורטסטאָג שטייט אויף אונדזער פאָלק מיט געווער אין דער האַנט קעגן זיין שונא. פאַרגעסט עס ניט, קינדער, בלייבט געטריי אייער פאָלק, אַלעמאָל געטריי. לערנט זיך לעבן און — אויב נויטיק —

שטאַרבן פאַר אים. פאַרגעסט קיין מאָל ניט, וואָס די נאַציס, די דייטשן האָבן אונדז געטאָן. לערנט זיך פיינט האָבן דעם העסלעכן נאַצישן שונא, וואָס האָט צעטראָטן אונדזער לעבן. איר זאָלט אים קיין מאָל ניט פאַרגעבן...״

לאַנג האָט דער טאַטע גערעדט. ער האָט דערמאָנט די ליידן אין דער געטאָ, די מיליאָנען אויסגעהרגעטע יידן, די דייטשן וואָס ווילן אומברענגען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק און ווי שטאַרק די יידן ווערן זיך קעגן דעם שונא.

ער האָט זיך לייכט געוויגט ביים רעדן, דער טאַטע. זיין פּנים האָט זיך געוואָלקנט און איז צוריק העל געוואָרן. צום סוף האָט עס אַזוי געלויכטן, אַז די יינגלעך האָבן מורא געהאַט קוקן אויף אים און בלויז געפילט ווי דער טאַטע הייבט זיך אויף אַ גרויסן באַרג און פירט זיי מיט זיך, און זיי איז גוט און זיי פילן זיך זיכער און דער טאַטע וואַרעמט זיי מיט זיינע רייד ווי די זון.

צום סוף איז דעם טאַטנס קול געוואָרן זייער רואיק און שטאַרק:

— דעם סדר וועלן מיר היינט פאַרענדיקן מיט דער ביקס אין דער האַנט, ביי די פענצטער און אויפן דאַך פון אונדזער געביידע. פאַר אונדזער בלוט, פאַר אונדזער ווייטיק, פאַר אונדזער הונגער, פאַר אונדזערע קינדער און שוועסטער און ברידער, פאַר אונדזער פאָלק, פאַרנעמט יעדער זיין אָרט. דער פּאַראָל פאַר אונדזער געביידע איז „יצחק-לייבוש״. פאַרגעסט עס ניט. גייט אין נאָמען פון פאָלק.

אין הויז איז פּלוצים ליכטיק געוואָרן. די פּנימער ביי אַלעמען האָבן זיך צעשיינט. לייבושלען האָט זיך געדאַכט, אַז אַפילו די מענטשעלעך אין די הגדות זיינען לעבעדיקער געוואָרן און די אַלטע הגדה-בלעטלעך זיינען ליכטיקער געוואָרן.

וו.

לאַנגע טעג און נאָך לענגערע נעכט האָבן זיי זיך געשלאָגן. דער שונא איז ווילדער געוואָרן פון טאָג צו טאָג, אָבער די יידן האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן.

וואָס אַמאָל איז געוואָרן ווייניקער אויפן דאַך פון די הורוויצעס הויז, וואָס אַמאָל ווייניקער. אָבער דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען. יצחקל און לייבושל האָבן צוגעטראָגן קוילן צו די קעמפער — אַזוי לאַנג ווי עס איז געווען קוילן, זיי האָבן איינגעטיילט די אָרעמע פּאַרציעס ברויט צו די קעמפער — אַזוי לאַנג ווי עס איז געווען ברויט, זיי האָבן צו-

געטראָגן וואַסער צו די דאָרשטיקע און פאַרחלשטע — אַזוי לאַנג ווי עס איז געווען וואַסער. אומעטום זײַנען זיי געווען, זייערע שטימעס האָבן פרײַלעך געקלונגען איבערן דאַך, און יעדן פון די קעמפער איז ליכטיק געוואָרן, ווען זיי האָבן זיך באַוויזן.

אָבער — קוילן איז וואָס אַמאָל ווייניקער געוואָרן, און ברויט איז וואָס אַמאָל ווייניקער געוואָרן, און וואַסער איז וואָס אַמאָל ווייניקער געוואָרן, און —

קיינער פון די יידן איז אומזיסט ניט געשטאָרבן, אָבער — וואָס אַ טאָג איז ווייניקער געוואָרן יידן אויפן דאַך, אַך ווי ווייניקער, און דייטשן איז געווען אַזויפיל, אַזוי שרעקלעך פיל.

איינער נאָכן אַנדערן זײַנען די יידן געפאַלן, העלדיש געפאַלן. יעדן טאָג האָבן נײַע פינף, אָדער צען געפעלט, און מען ווייסט ניט ווי אַזוי עס איז געשען, און לייבושל ווייסט אַפילו אַליין ניט ווי עס איז פאָרגעקומען, נאָר אויף דער 42טער נאַכט איז ער פּלוצים געבליבן איינער אַליין אויפן דאַך.

איך זאָג פּלוצים — ווײַל ערשט מיט אַ האַלבע שעה פריער זײַנען זיי געווען אין דרייען — דער טאַטע, יצחקל און לייבושל. ווייזט אויס, אַז אַ נידעריק־פליענדיקער דייטשישער עראָפּלאַן האָט עס מיט זײַן מאַשין־ביקס געטראָפן דעם טאַטן מיט יצחקלען. און געבליבן איז איינער אַליין אויפן דאַך פון אַן אײַנגעפאַלן הויז אין וואַרשע דער קליינער דרײַצן־יאָריקער לייבושל, איינער אַליין אין מיטן פון דער געטאָ, צווישן הימל און דייטש.

ניין, ניט געוויינט האָט דער קליינער לייבושל. ער האָט זיך בלויז שווײַגנדיק אַוועקגעזעצט אין ווינקל דאַך, וואו ס׳איז געלעגן זײַן געפאַלענער ברודער. לאַנג און שטיל האָט ער געקוקט אויף יצחקס פּנים און געוואַרט און געוואַרט. — — — — — — — — — — — — — —

— —

ז.

פון די טרעפּ אויפן דאַך האָט זיך פּלוצים באַוויזן אַ מענטש. לייבושל האָט אים דערזען. ער האָט גלײַך דערקענט די שוואַרצע פעלערינע, דעם ברייטן הוט, די געדיכטע וואָנצעס און די ליכטיקע שוואַרצע וואַרעמע קלוגע אויגן.

לייבושל האָט גלײַך דערקענט יצחק לייבוש פּרצן. ער וואָלט אים אומעטום דערקענט. מיט טריט, וואָס האָבן די ערד ניט אָנגערירט, האָט זיך יצחק־לייבוש דערנעענטערט צו לייבושלען. ווען ער איז צו־

געקומען גאָר נאָענט, האָט ער זיך לאַנג פאַרקוקט. ניין, ניט אויף לייבושלען, נאָר אויפן פּנים פון טויטן יצחקלען. לאַנג האָט ער אויף אים געקוקט, און ווען לייבושל האָט נאָך אַמאָל אויפגעהויבן די אויגן, האָט ער געזען —

יצחק לייבוש פּרץ שטייט און וויינט איבער זיין טויט ברודערל. לאַנג און ניט שעמענדיק זיך פאַר אים האָט יצחק לייבוש געוויינט, און די טרערן זיינע האָבן זיך געגליטשט איבער די באַקן, איבער די גרויע וואָנצעס און געפאַלן שטיל און וואַרעם אויף לייבושלס קאָפּ. קאָפּ-קאָפּ! האָבן זיי געטריפט אויף זיין קאָפּ, געוואַרעמט און געטרייסט, און לייבושלען איז פּלוצים גוט געוואָרן, ווי דער טאַטע זאָל אים ביי דער האַנט נעמען, ווי די מאַמע זאָל אים צו זיך טוליען.

— קום — האָט יצחק לייבוש פּרץ געזאָגט.

— איך גיי — איז לייבושל אויפגעשטאַנען.

און איבער די טויטע יידישע גאַסן פון וואַרשע, איבער די חורבות פון דער וואַרשעווער יידישער געטאָ, וואָס איז אַזוי שיין און העלדיש געשטאָרבן, איבער די גאַסן און געסלעך האָט יצחק לייבוש פּרץ גע-פירט לייבושלען, אים געפירט מיט אַ זיכערער האַנט דורך גאַסן פון דייטשישן מאָרד, אים געפירט צו דער ווייסל צו, צו מזרח, דאָרט וואו עס גייט אויף די זון.

פאַרשטיי די ווערטער:

אַ צווילינג — twins	העסלעכער — ugly
בית עולם (בייס־אוילעם) — cemetery	צעגליט — צעוואַרעמט
מאָרד־מאַשינעס — murder-machines	פּאַראָל — pass-word
געטריפט — געקאַפּעט, dripped	חורבות (כורוועס) — ruins
מזרח — east	

קאַליקעס

ווער עס זעט ניט אויף זיינע אויגן איז אַ ————	שטומער
אַ בלינדער טראָגט ————	קוליעס
ווער עס הערט ניט איז אַ ————	בלינדער
איינער וואָס קען ניט רעדן איז אַ ————	לאַמער
איינער וואָס קען ניט גיין אויף זיינע פיס איז אַ ————	טויבער
דער לאַמער גייט אויף ————	ברילן
דער לאַמער קען ניט גיין גלייך, דעריבער ————	הינקט ער

אַ ר ב ע ט: פאַרענדיק די זאַצן פון רעכטס מיט די ריכטיקע ענטפערס פון לינקס. שרייב איבער אין העפט.



אין אַ יידישער קאָלאָניע אין קרים

י. ריבאַק

בירא-בידזשאַן

י. פאַפערניקאָוו

אויף בירא-בידזשאַנער פעלדער,
אויף בירא-בידזשאַנער ערד,
זיצן יידן אויף אַ טראַקטער,
יידן צוויי מיט גרויע בערד,
יידן, שוין באַיאָרנטע יידן
און פון ווינט און זון פאַרברענט,
און צופרידן, וואָס דער טראַקטער
גייט אין דינסט פון זייערע הענט.

רופט זיך אָפּ איין ייד צום צווייטן:
— האָסטו ווען געחלומט, האַ?
אַ מלמד און אַ קרעמער —
אויף אַ ריזיק פעלד אַזאַ?
דו געדענקסט די נויט און טרויער
אין אַלטן שטעטל, האַ?

אויף בירא-בידזשאַנער פעלדער,
אויף בירא-בידזשאַנער ערד,
רייטן צוויי בערדיקע יידן
אויף צוויי אויסגעשפאַנטע פערד:

רייטן טראָט ביי טראָט צעפּלאָנטע
קעגן רויטלעכן פאַרנאַכט —
יידן-פּויערים נאָך דער אַרבעט,
ווי צוויי זיגער נאָך אַ שלאַכט.

רופט זיך אָפּ איין ייד צום צווייטן:
— וואָלסט אַמאָל געגלויבט דאָס, האַ,
אַ לאַטוטניק און אַ בעדער —
אויף אַ גאָלדן פערד אַזאַ?
דו געדענקסט די נויט און טרויער
אין אַלטן שטעטל, האַ?
אויף בירא-בידזשאַנער פעלדער,
אויף בירא-בידזשאַנער ערד,
לערנען זיך מנחם-מענדלס —
יידן עלטערע מיט בערד;
לערנען — ווי פון לופט-פּרנסות
אָנהויבן צוריק אויפס-ניי —
פּראָדוקטיוו-זיין, קאָלעקטיוו-זיין
און געזונט און לעבן פריי.

ק י נ ס ט ל ע ר

קאַרטונס אין די צייטונגען ווערן געצייכנט פון ———	סקולפּטאָרן
קונסט-בילדער ווערן געמאָלן פון ———	דיריגענטן
סטאַטועס און סקולפּטור-בילדער ווערן געמאַכט פון ———	קאָמפּאָזיטאָרן
די שאַפער פון מוזיק רופן זיך אָן ———	מאַלער
די אָנפירער פון סימפאָנישע און אַנדערע אָרקעס-טערס רופן זיך ———	אַקטיאָרן און
די שפּילער און שפּילערינס פון טעאַטער און מואווים רופן זיך ———	אַקטריסעס
איינער וואָס שרייבט דערציילונגען, דראַמעס און קאָמעדיעס איז אַ ———	שרייבער
איינער וואָס שרייבט לידער, באַלאַדעס און פּאָעמעס איז אַ ———	דיכטער אָדער
	פּאָעט
	קאַרטוניסטן

אַ ר ב ע ט: פאַרענדיק די זאַצן פון רעכטס מיט פּאַסיקע ווערטער פון דעם קאָלום לינקס. שרייב איבער אין העפט.

דער — דעם; די — דער; דאָס — דעם.

דער בראַוועער אינדיאַנער	מיר האָבן גערעדט מיט —— —— אינדיאַנער.
די העלדישע קעמפערין	אַלע זיינען שטאָלץ מיט —— —— קעמפערין.
דאָס רויִקע לעמפּל	מיר האָבן ניט געקאָנט זיצן ביי —— —— לעמפּל.
דער אויסגעהאַקטער וואַלד	בלויז שטאַמען זיינען געבליבן אין —— —— וואַלד.
די שיינע סטאַטוע	לאַנג זיינען מיר געשטאַנען ביי —— —— סטאַטוע.
דאָס גרינע פעלד	מיר האָבן געשפּאַצירט איבער —— —— פעלד.
דער בלייכער אַפּרייטער	עס איז אַ רחמנות אויף —— —— אַפּרייטער.
די שוואַרצע נאַכט	די שטערן האָבן געפינקלט אין —— —— נאַכט.
דאָס רעכטע אויג	זי זעט ניט גוט אויף —— —— אויג.
דער ווינטערדיקער מאַנטל	עס איז וואַרעם אין —— —— מאַנטל.
די שאַרפע האַק	עס איז גוט צו האַקן מיט —— —— האַק.
דאָס שאַרפע זעגל	עס איז גוט צו זעגן מיט —— —— זעגל.
דער שטאַרקער רעגן	מיר זיצן אין הויז איבער —— —— רעגן.
די גרויסע פאַרפלייצונג	אַ סך מענטשן האָבן געליטן פון —— —— פאַרפלייצונג.
דאָס ווייסע העמדל	איך פיל זיך בעסער אין —— —— העמדל.
דער גרויסער קבצן	עס פעלט אוים ברויט ביי —— —— קבצן.
די גרויסע באַר	לאָמיר זיך צעטיילן מיט —— —— באַר.
דאָס קליינע עפּעלע	ווי קען מען זיך טיילן מיט —— —— עפּעלע?
דער איינגעשפּאַרטער אייזל	מען קען זיך קיין עצה ניט געבן מיט —— —— אייזל.
די גרויסע שיף	מיר זיינען געפאָרן אויף —— —— שיף.

אַ ר ב ע ט: שרייב אַריין אין העפט מיט די ריכטיקע אַרטיקלען.

SCIENCE — וויסנשאַפט

History; Grammar; Chemistry; Physics; Geometry; Algebra; Arithmetic; Botany; Zoology; Geography; Literature.

אַ ר ב ע ט: זעץ איבער פון ענגליש אויף יידיש.

אין יענע צייטן

• יהודה שטיינבערג

דער אַלטער שמואל דער־ציילט:

— עס זיינען געווען צייטן אונטער די רוסישע צאַרן, ווען מען פלעגט אַוועקרייסן פּיצלעך קינדער פון זייערע טאַטעס און מאַמעס און זיי אָפּגעבן פאַר סאַלדאַטן. די רעגירונג האָט באַשטימט יידישע „כאַפּערס", וועלכע פלעגן כאַפּן יידישע קינדער און זיי אַוועקשיקן אין די טיפע רוסישע פּראָווינצן אויף צענדליקער יאָרן, און די עלטערן האָבן ניט געוואוסט וואו זיי זיינען אַהינגעקומען.

— מיט מיר — דערציילט דער אַלטער שמואל — איז פאַרגעקומען אַזוי. די מאַמעס האָבן אָנגעהויבן פאַר אונדז זיך זאָרגן: אַ „כאַפּער" דאַרף אָנקומען אין שטאָט! אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ער איז שוין געקומען. אין חדר האָבן יינגלעך דערציילט פאַרשיידענע מעשות וועגן דעם „כאַפּער". איינער האָט געזאָגט, אַז דער „כאַפּער" איז אַ שד. אַן אַנדערער — אַז ער איז פּשוט אַ גוי. און נאָך איינער — אַז ער איז אַ ייד אַ רשע, אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע מיט אַ ברייטן גאַרטל און אַ גרויסן טלית־קטן. און מעשות זיינען אַרומגעגאַנגען, אַז ער טיילט יידישע קינדער ניס און צוקערקעס, און ווי נאָר דו נעמסט עפּעס פון אים, קאָנסטו זיך שוין ניט רירן פון אָרט. און דערפאַר האָבן טאַטעס און מאַמעס געהאַלטן זייערע קינדער באַהאַלטן אויף בוידעמער און אין קעלערס, ווען זיי האָבן דערהערט, אַז דער „כאַפּער" איז דאָ אין שטאָט.

בין איך געלעגן אויף אַ בוידעם. אָבער איינמאָל האָב איך מער ניט געקאָנט איינליגן אויפן בוידעם און בין אַראָפּגעגאַנגען, און ווען איך בין שוין געווען אין גאַס איז אויף מיר אָנגעפאַלן דער פּחד פאַרן „כאַפּער". באַגעגנט מיך איינער אַ מענטש. זיין לאַנגע באָרד און די געקרייזלטע פּאות האָבן מיר עדות געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אַן ערלעכער ייד. האָב איך אָנגעהויבן קוקן אויף אים.

— וואָס איז דיר, ייִנגעלע? — האָט ער מיך געפרעגט מיט אַ ווייך קול.

האָב איך זיך צעוויינט: „איך האָב מורא פאַרן „כאַפּער“!

— קום מיט מיר, קינד, וועל איך דיך באַהאַלטן. האָב נישט קיין מורא, איך בין דאָך דייַן פעטער. דו קענסט מיך נישט?

האָט ער מיך גענומען פאַר דער האַנט, און איך בין נאָכגעגאַנגען נאָך אים. זע איך ווי די ייִנגלעך אין גאַס קוקן מיר נאָך פאַרגאַפּטע... דער מאַמעס שכנות, וועלכע האָבן אונדז באַגעגנט, האָבן פאַרבראָכן די הענט און זיך פאַנאַנדערגעוויינט...

— וואָס וויינען זיי? — האָב איך זיך געוווּנדערט. דער ייִד האָט זיך איינגעבויגן צו מיר און האָט געזאָגט:

— דו ווילסט צוקערקעס? דער פעטער האָט אַ סך! דיר טוען אפשר וויי די פיס, וועט דיך דער פעטער נעמען אויף די הענט!

ווי נאָר איך האָב דערהערט דאָס וואָרט „צוקערקעס“ האָב איך זיך שוין אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז דער „כאַפּער“ און געוואָלט אַנטלויפן, אָבער דער „פעטער“ האָט שוין אויף מיר געלייגט זייַן לאַפּע... צען יאָר בין איך דעמאָלט אַלט געווען.

מ'האָט מיך געבראַכט אין תפיסה. איך בין דאָרטן נישט אַליין געווען: אַ סך ייִנגלעך זייַנען דאָרטן געווען; אַ טייל האָבן געוויינט, אַ טייל האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן פאַרוווּנדערט. און דערציילט האָט מען אונדז, אַז מאָרגן וועט מען אונדז אַרויסנעמען און ערגעץ אַוועקפירן...

ווען מען האָט אונדז אָנגעהויבן אַרויפזעצן אויף פורן האָבן מיר אַלע געשריען. אונדזערע קולות האָבן זיך אויסגעמישט אין איין שרעקלעך געשריי, אין איין ביטערן יאָמער. טאַטעס און מאַמעס זייַנען אונדז נאָכגעגאַנגען.

מסתמא האָבן זיי אויך געוויינט, נאָר מיר האָבן זייער קול נישט געהערט, איבער אונדזער געוויין. די שטאָט, דאָס פעלד, דער הימל און די ערד האָבן אויף אונדז געוויינט. איך האָב נאָר געזען ווי מייַן מאַמע איז אומגעפאַלן אויף דער ערד און האָט גענומען חלשן... אָבער דער וואָגן מיט די קינדער איז

אוועק ווייטער און ווייטער... מיר האָבן אַזוי לאַנג געווײנט ביז מיר זיינען מיד געוואָרן און שטום געבליבן. יענעם גאַנצן טאָג האָבן מיר נישט אָנגעהויבן עסן, כאָטש די מאַמעס האָבן אונדז פאַרזאָרגט און צוגעבראַכט עסן צום וואָגן.

אַ סך טעג זיינען פאַרבייגעלאָפן, ביז מיר זיינען אָנגעקומען צו אַ באַשטימטן אָרט. אַ סך טעג זיינען מיר געפאָרן און צופוס געגאַנגען מיט געשוואָלענע פיס... און אונדזער „פירער" פלעגט אונדז שעלטן און שלאָגן מיט דער בייטש... אַ סך פון אונדז האָט מען צעשיקט אין פאַרשיידענע ערטער; אַ סך זיינען קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן אין וועג... אַ סך זיינען איינגעטיילט געוואָרן אין דערפער צווישן פויערים, וואָס זאָלן זיי אויסהאָדעווען ביז זיי וועלן טויגן פאַר סאָלדאַטן.

די הויפּט געבאָטן פאַר אונדז זיינען געווען: נִיט רעדן קיין יידיש, ניט זאָגן קיין יידישע תפילות, בעטן אַלע טאָג פאַרן בילד פון דער הייליקער מוטער און פאַרן צלם און זיך ניט אָפּזאָגן פון עסן טרפה עסנס.

מיט מיר צוזאַמען אין איין דאָרף איז געווען דער דרייצניאָריקער יעקב. זיין באַלעבאָס האָט זיך געקלאָגט אויף אים, אַז ער דאַוונט אויף יידיש און וויל קיין פלייש ניט עסן. איז אָרוים אויף אים די שטראָף צו קריגן צוואַנציק שמיץ. און אַלע געכאַפּטע יינגלעך האָט מען געהייסן שטיין דערביי... יעקב האָט געחלשט ביים צענטן שמיץ, האָט דער אויפזעער געמוזט צעטיילן די שטראָף אויף צוויי מאָל. מען האָט יעקבן אַוועקגעטראָגן אין שפּיטאָל אריין, און ס'איז פאַרשריבן געוואָרן, אַז ער דאַרף קריגן נאָך צען שמיץ, ווען ער וועט געזונט ווערן. שפּעטער זיינען מיר שוין צוגעוואוינט געוואָרן צו אַזעלכע זאַכן.

מיין באַלעבאָס' מיידל, מאַרוסיע, האָט אויף מיר רחמנות געקראָגן. נאָך יעקבס שטראָף האָט זי געזען, אַז איך קען זיך קיין אָרט ניט געפינען. איך האָב געמיינט, אַז דאָס האַרץ ווערט מיר צעפּלאַצט. און איינמאָל האָב איך איר דערציילט וואָס מען האָט געטאָן צו יעקבן. איז זי געוואָרן אַ פאַרציטערטע:

— פאַרוואָס האָט מען אים געשמיסן? — האָט זי געפרעגט מיט אַ ציטערדיק קול.

— ווייל ער האָט געדאַוונט אויף יידיש און נישט געוואָלט עסן קיין פלייש.

— און פאַרוואָס האָט ער ניט געוואָלט עסן?

איך האָב געשוויגן. וואָס זאָל איך איר געווען זאָגן? זי וועט דען פאַרשטיין, אַז אין חדר האָט מען אונדז אַזוי געלערנט און אַז ביי יידן איז חזיר־פלייש טרפה?

פלוצלונג האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט אַ פריילעך קול:

— דיך וועט מען ניט שמייסן.

— פונוואַנען ווייסטו?

— דער אָפיציר איז אונדזערער אַ גוטער באַקאַנטער.

און איינמאָל האָב איך טאַקע געזאָלט קריגן שמיץ. מען האָט אונדז דעמאָלט געלערנט ווי אַזוי צו מאַרשירן ווי סאָלדאַטן. און אין מיטן לערנען האָב איך עפּעס אַ זאָג געטאָן צו יעקבן אויף יידיש. דער אָפיציר האָט דאָס דערהערט און האָט באַפוילן איך זאָל קומען מאָרגן צו קריגן צוואַנציק שמיץ. האָט זיך יעקב פלוצלונג אויסגעצויגן פאַרן אָפיציר און האָט געזאָגט:

— ניט ער איז דאָ שולדיק, נאָר איך. איך האָב עס גערעדט צו אים. ער האָט גאָר געשוויגן. איך בין גרייט זיך צו לאָזן שמייסן פאַר אים, ווייל איך בין שולדיק.

דער אָפיציר האָט אַ וואָרף געטאָן אויף אים אַ פריילעכן בליק און האָט געזאָגט:

— דאָס איז זייער גוט, וואָס דו ווילסט זיך אָננעמען פאַר דיין שולדיקן חבר. און דערפאַר וועל איך אים פאַרגרינגערן די שטראָף — פון צוואַנציק אויף צען שמיץ.

אויף מאָרגן אין דער פרי, ווען איך בין געגאַנגען קריגן מיינע צען שמיץ, האָב איך שוין ביים אָפיציר געטראָפן מאַרוסיען. און דער אָפיציר האָט זיך צו מיר אָנגערופן:

— די דאָזיקע מיידל האָט געבעטן פאַר דיר, און צוליב איר איז דיר אַלץ פאַרגעבן. גיי צוריק אַהיים.

אָט אַזוי זיינען אַוועק צען יאָר — אָפּגעריסן פון טאַטע־מאַמע און פון דעם יידישן לעבן — ביז איך בין אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר. נאָכ־דעם האָב איך ערשט געדאַרפט דינען פאַר אַ סאָלדאַט 25 יאָר. דעמאָלט האָט אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן די רוסן און די טערקן. אין דער דאָזיקער מלחמה בין איך שטאַרק פאַרוואונדעט געוואָרן. און ווען איך בין געזונט געוואָרן האָב איך זיך צוריקגעקערט אַהיים.

ווען איך בין אַריין אין שטוב האָב איך קוים דערקענט מיין טאַטן און מיין מאַמען. די קנייטשן, די איינגעפאַלענע באַקן און זייער איינ־געבויגנקייט, האָבן זיי אינגאַנצן פאַרענדערט. אַ, ווי זיי האָבן זיך אויסגעוויינט זייערע אויגן נאָך זייער פאַרלאָרענעם קינד! דער טאַטע האָט געקוקט אויף מיינע גלאַנצנדיקע קנעפּ און האָט געמיינט, אַז איך בין אַ רוסישער אָפיציר... האָט ער אַראָפּגענומען דאָס היטל און איז געשטאַנען פאַר מיר מיטן הוילן קאָפּ. די מאַמע איז געשטאַנען ביים אויוון, און האָט אָנגעהויבן רעדן מיטן טאַטן אויף אַ געמישט לשון — האַלב יידיש און האַלב העברייאיש — דער „אָפיציר” זאָל ניט פאַר־שטיין...

— מסתמא עפּעס אַ שטייער, וואָס מיר דאַרפן צאָלן. פונוואַנען זאָל איך אים נעמען שטייערן?

— אַלטע מענטשן! — האָב איך צו זיי אָנגעהויבן רעדן אויף יידיש — אַ גרוס האָב איך אייך געבראַכט פון אייער זון שמואל!

ווי דער טאַטע האָט דערהערט אַ יידיש וואָרט, איז ער צו־געגאַנגען צו מיר און מיר אויסגעצויגן זיין האַנט:

— שלום עליכם, יונגערמאַן! אַ גרוס, זאָגט איר? פון מיין זון? וואו האָט איר אים געזען?

— ווען האָט איר אים געזען? — פרעגט איבער די מאַמע מיט אַ ציטערדיק קול.

און איך האָב זיי געזאָגט ווער איך בין... איר קענט שוין אַליין זיך פאָרשטעלן ווי גרוים זייער פרייד איז געוועזן.

פאַרשטיי די ווערטער:

שד (שעד) — טייוול
רשע (ראָשע) — שלעכטער
פחד (פּאַכעד) — שרעק
טרפה (טרייפע) — ניט־כשר (קאָשער)

פאות (פּייעס) — side-locks
עדות (איידעס) — witness
תפיסה (טפיסע) — טורמע
תפילות (טפילעס) — prayers



פון פעלד • י. ריבאַק

בירעבידזשאַנער וויגליד

• א. פעפער

שלאָף מיין קינד, פאַרמאַך די אויגן,
טונקלער ווערן בערג,
ס'איז אַן אָדלער דורכגעפלויגן,
זיין זאָלסטו ווי ער.

און ווי ער זאָלסטו זיך הויבן,
זיין מיט וואָלקנס גלייך,
דורך די אָוונטיקע שויבן
קוקט דער בירע-טייך.

ס'פלעג דיין זיידע טראָגן קייטן,
קייטן אין סיביר.
אָט דאָס לאַנד מיט זיינע ברייטן
עס געהער שוין דיר...

ס'פלעג דיין טאַטע אויף די וועגן
שלעפן דעם געוויין,
אויף אַמורער שיינע ברעגן
בויען מיר אַ היים.

אויף די בערג און אויף די צווייגן
דורכזיכטיקע רו,
קינדער וואַקסן אין דער טייגע,
גליקלעכע ווי דו.

שלאָף מיין קינד, פאַרמאַך די אויגן,
טונקלער ווערן בערג,
ס'איז אַן אָדלער דורכגעפלויגן,
זיין זאָלסטו ווי ער.

פאַרשטיי די ווערטער:

דורכזיכטיקע — transparent טייגע — סטעפּ, prairie

ביי אַ מיטינג

דער וואָס פאַרשרייבט די באַשלוסן פון אַ מיטינג איז אַ ————	פאָרזיצער
אויף צו פירן דעם מיטינג דערווײלט מען אַ—	פּראָטאָקאָל-סעקרעטאַר
דער פאָרזיצער עפנט דעם מיטינג און דער פּראָטאָקאָל-סעקרעטאַר לייענט דעם ————	פאָרשלאָג
דער פאָרזיצער האָט אַ צעטל מיט פּונקטן, וועגן וועלכע מען וועט רעדן ביים מיטינג. די דאָזיקע פּונקטן הייסן ————	פּראָטאָקאָל
אַז אַ מיטגליד וויל רעדן וועגן אַ פּונקט פון טאָג-אָרדענונג דאַרף ער ביים פאָר־זיצער ————	טאָג-אָרדענונג
אַז איינער וויל מען זאָל אָננעמען אַ באַשלוס וועגן עפּעס אַ פּונקט מאַכט ער אַ ————	נעמען אַ וואָרט
כדי דער פאָרשלאָג זאָל גיין צו די מיטגלידער מוז אַ צווייטער דעם דאָזיקן פאָרשלאָג —	אָפּשטימען
כדי דער פאָרשלאָג זאָל ווערן אַ בשלום נעמט אים דער פאָרזיצער צום ————	אונטערשטיצן
ווען די גרעסטע צאָל מיטגלידער שטימען פאַר אַ פאָרשלאָג הייסט עס אַ ————	אַ מינדערהייט
די קלענערע צאָל מיטגלידער, וועלכע שטי־מען קעגן דער מערהייט זיינען אַ ————	אַ מערהייט
ווען אַ פאָרשלאָג ווערט אָנגענומען פון אַלע מיטגלידער הייסט עס ————	איינשטימיק

אַ ר ב ע ט: פאַרענדיק יעדן זאַץ פון רעכטס מיט די ריכטיקע ענטפערס פון לינקס. שרייב איבער אין העפט.

געצייכנט פון זוני מאָוד

א

געוועזן אין די טעג ווען עס האָט אַחשוורוש געקיניגט פון הודו ביז כוש, און אין הונדערט-און-זיבן-און-צוואַנציק מדינות. די הויפּט-שטאָט געהייסן האָט שושן.

האָט איינמאָל דער קעניג געפּראַוועט אַ סעודה פאַר האַרן און זיינע באַדינער, און צווישן די געסט אויך פאַרבעטן די פאָלקס-לייט, די קליינע פאַרדינער.

אַ פּרעכטיקע סעודה, מיט שפּייזן די בעסטע, מיט וויינען און פלאַדן, פאַרשטייט זיך. דאָס פאָלק האָט געגעסן, געטרונקען „לחיים", אין הויף פון דעם קעניג געפרייט זיך.

נאָר איינע האָט דאָרטן געפעלט אויף דער שמחה — די קעניגין וואַשתּי, די פיינע; עס האָט איר פאַרדראָסן, פאַרוואָס אויף דער סעודה איז אויך דאָ דאָס פאָלק, דאָס געמיינע...

און וויפיל דער קעניג האָט זי ניט גערופן, געשיקט איר די

העכסטע שטאַפּעטן — זי איז ניט געקומען. עס האָט ניט געהאָלפן קיין שטראָף-רייד, קיין סטראַשען, קיין בעטן.

די חוצפה, די שאַנד האָט נאַטירלעך דעם קעניג דערצאָרנט מיט העלישן צאָרן און ער האָט די קעניגין וואַשטי פאַרטריבן — ווער ווייס וואָס פון איר איז געוואָרן...

ב

און נאָך דער געשיכטע האָט פּלוצים דער קעניג דערפילט זיך אי עלנט, אי איינזאַם, פון זיצן אַליין אויפן טראָן, וואו ס'דאַרף זיצן דער מלך און מלכה געמיינזאַם.

און ס'האָבן די דינער פון קעניג פאַרשטאַנען אַפּנים, וואָס ער האָט אינזינען, און האָבן באַשלאָסן: מ'דאַרף פאַר דעם מלך אַ מלכה אַ נייע געפינען.

אַזוי איז עס געווען: מען האָט פון די טעכטער די שענסטע פון אַלע מדינות געבראַכט פאַרן מלך, אַז ער זאָל די מלכה באַשטימען לויט זיינע מבינות.

און צווישן די שענסטע געווען איז אַן אסתר (דערוויסן מען וועט זיך ערשט שפּעטער, אַז זי איז אַ יידישע גאָר, אַ יתומה, און מרדכי דער צדיק איר פעטער).

אַ פּשוטע מיידל, זי טוט זיך ניט פּוצן, זי וויל ניט קיין זאַלבן, פאַרפומען, נאָר ווען אַחשוורוש דערזען האָט די אסתר, האָט ער זי צום ליבסטן באַקומען.

דאָס פאָלק איז צופרידן געווען מיט דער מלכה — זי קומט פון די אָרעמסטע טעכטער! — נאָר צווישן די וואַשטי-לייט האָט מען געחוזקט, געשטיקט זיך פון שפּאָט און געלעכטער.

„אַ שאַנד פאַרן טראָן!" — האָבן הויפליים געשריגן, געהעצט האָבן האַרן און לאַרדן. זיי האָבן אַפילו צוויי דינער געדונגען, דעם קעניג אַליין צו דערמאָרדן...

און מרדכי, דער פעטער דער גוטער, פלעגט זיצן ביים שוועל פונעם קעניג אין טויער, און ער האָט די מעשה געהערט און פאַרטרויט זי צו אסתרן שטיל אויפן אויער.

אַזוי האָט געפּלאַצט די פאַרשווערונג באַצייטנס; דער קעניג איז לעבן געבליבן — באַשטראָפט די פאַרשווערער, און וואָס איז פאַרלאָפן אין בוך פון דעם מלך פאַרשריבן.

ג

אָ ון נאָך דער געשיכטע האָט דאָן אַחשוורוש דערהויבן אַ האַר איבער האַרן, אַז ער זאָל דעם טראָן און די גאַנצע מלוכה פאַרהיטן פון אַלע געפאַרן.

דער האַר איז געוועזן אַ שונא ישראל, דער רשע געהייסן האָט המן. דאָס פאָלק האָט געציטערט פאַר אים ווי פאַר פייער, געשראָקן זיך בלויז פאַר זיין נאָמען.

געדאַרפט האָבן אַלע פאַר המנען קניען, אי האַרן, אי דינער זיך בוקן. נאָר מרדכי, ער פלעגט זיך ניט בוקן, ניט קניען — אַ שטאָלצער אין פנים אים קוקן.



אַזוי ווי דער האַס צום פאָלק ישראל פלעגט תמיד אין המנען זידן, האָט ער זיך געטראַכט: נו, געקומען די צייט איצט צו מאַכן אַ סוף פון די יידן...

איז המן אַוועק און גערעדט מיטן קעניג, פאַרטרויט מיט אַן ערנסטן פנים: „כ'האָב ענדלעך, מיין קעניג, אַנטדעקט ווער עס זיינען די ערגסטע פאַררעטער און שונאים:

„אַ פאָלק האָט צעשפּרייט זיך אין אַלע מדינות און האַלט אין איין בונטעווען, העצן; אַ פאָלק, וואָס האָט אייגענע זיטן, געבאָטן, און היט ניט דעם קעניגס געזעצן.

„דעריבער, מיין קעניג, אויב דיר איז געפעלן, דו דאַרפסט אַ באַפעל מיר נאָר געבן, און איך וועל שוין זען, אַז פון זיי זאָל ניט בלייבן קיין סימן, קיין זכר פון לעבן..."

האָט דעמאָלט דער קעניג געזאָגט צו דעם המן: „דו ביסט דאָך מיין האַר איבער האַרן — טו אַלץ, וואָס מען דאַרף נאָר און זאָל די מלוכה באַהיט זיין פון אַלע געפאַרן..."

און באַלד איז געקומען די גזירה אויף יידן — צו טויטן זיי אַלע אינאיינעם, די מענער און פרויען, די זקנים און קינדער, ניט שוינען, ניט אויסלאָזן קיינעם.

און זייער פאַרמעגן צערויבט זאָל אויך ווערן, נאָכדעם ווי זיי ווערן

געטויטעט; דעם דרייצנטן אדר געשען זאָל די שחיטה, אַזוי האָט די גזירה געלויטעט.

ד

און יידן דערהערן די פינצטערע בשורה און קלאָגן און פאַסטן תעניתים, און זעק אויף די לייבער מיט אַש זיי באַשיטן און זעען שוין אויס ווי די מתים.

נאָר מרדכי פאַרלירט ניט זיין מוט און זיין גלויבן: דאָס יידישע פאָלק וועט ניט שטאַרבן! זיין האַרץ איז פאַריאָמערט, נאָר קלאָר איז זיין מוח, זיין שטערן נאָר קנייטשט זיך אין קאַרבן.

ער גייט אין די גאַסן און רעדט צו די מענטשן, ער וועקט זייער מענטשלעך געוויסן. ער שרייט אויפן קול ביז צום טויער פון קעניג — זאָל אסתר פון דעם זיך דערוויסן!

„עס רופט דיך דיין פעטער", האָט מרדכי באַפוילן, „זיי וויסן מיין לייבלעכע אסתר: באַשערט דיר נאָך העכער צו זיין פון אַ מלכה — וועסט העלפן דיין פאָלק ווי אַ שוועסטער...

„נאָר אויב דו וועסט איצטער דעם העכסטן געיאָמער פון ברידער און שוועסטער ניט הערן — די רעטונג פאַר יידן וועט סיי־ווי־סיי קומען, נאָר דו בלויז פאַרשאָלטן וועסט ווערן..."

ה

האָט אסתר איר לעבן געשטעלט אין סכנה און איז צו דעם קעניג געלאָפן — און ווער ס'איז צום קעניג אַריין אומגעבעטן, ער פלעגט מיטן טויט אים באַשטראָפן.

נאָר אסתר, ווען זי איז געקומען צום קעניג, איז ער איר אַנטקעגן געגאַנגען. „אָ, אסתר, מיין מלכה!" — האָט ער אויסגערופן. — „וואָס זיינען איצט דיינע פאַרלאַנגען?"

האָט אסתר געענטפערט מיט טרויער און טרערן: „מיין גוטער — מיין גרויזאַמער מלך! מיין פאָלק און דיין מלכה צום טויט האָסט פאַרמשפּט, און דו זעסט אים מונטער און פריילעך..."

און אסתר דערקלערט אים, וואָס זיינען ביי יידן די היילִיקסטע, העכסטע געבאָטן: ניט דינען קיין געצן, ניט מאָרדן, ניט רויבן — דערפאַר וויל זיי המן אויסראָטן...

אַזוי האָט דער מלך געצאָרנט אויף המן, דעם שונא, דעם מערדער, דעם רשע, און ער האָט דער קעניגין אסתר באַוויליקט, וואָס נאָר ס'איז געווען איר בקשה.

ו

און דאַן האָט דער קעניג באַשלאָסן, אַז מרדכי זאָל ווערן זיין האַר איבער האַרן און ער זאָל די פעלקער — דאָס יידישע פאָלק אויך — פאַרהיטן פון אַלע געפאַרן.

אַז המן דער ערשטער איז פון די געפאַרן, ניטאָ גאָר קיין צווייפל ביי קיינעם, איז האָט מען אים טאַקע דעם ערשטן געהאַנגען, מיט זיינע צען זינדלעך אינאיינעם.

דערנאָך האָט דער קעניג באַפוילן צו טויטן וואו נאָר אַ רשע, אַ המן, וואָס האָט פאַר די יידן געשאַרפט זיך אַ מעסער, געגרייט זיך צו מאַכן פאָגראָמען.

עס האָבן די יידן אַליין די גזלנים געהרגעט — פון זיכערקייט וועגן.. די שונאים געטויט, נאָר קיין רויב ניט גענומען, ניט אָנגערירט זייער פאַרמעגן.

אַזוי איז געקומען פאַר יידן דערלייזונג — אַ סוף צו די שרעק און יסורים! און דאָס איז געוועזן דעם פערצנטן אדר, דער טאָג, וואָס מען פייערט איצט פורים.

מען פראַוועט איצט סעודות לכבוד דעם אָנדענק, מען ווילט זיך מיט פריילעכע שפּילן; מען שיקט זיך מתנות — מען רופט דאָס שלח-מנות, מען דריקט אויס די שמחה-געפילן;

מען לייענט די מגילה פון אסתר און מרדכי, וואָס זיי האָבן דעמאָלט פאַרשריבן. אויף אייביקן אָנדענק איז אָט-די געשיכטע אַ פרייהייט-סימבאָל אונדז פאַרבליבן...



פאַרשטיי די ווערטער:

בקשות (באַקאָשעס) — requests
סעודה (סעודע) — party
האַרן — lords
באַדינער — servants
פלאָדן — cakes
שטאַפעטן — couriers
צדיק (צאַדיק) — גוטער
קאַרבן — notches
זאַלבן — to anoint
געהעצט — incited
קניען — to kneel

בוקן — to bow
מדינות (מעדינעס) — לענדער
בונטעווען — to stir up to a rebellion
זיטן — מנהגים (מינאָגים), פירונגען
געבאָטן — commandments
זכר (זייכער) — אָנדענק, remembrance
גזירה (גזיירע) — שלעכט געזעץ
שוינען — to spare
בשורה — אָנזאָג, message

פרילינג

• יהואש

זיץ איך און איך צייל די טעג,
ביז דער ווינטער וועט אַוועק...
נאָך אַ שניי און נאָך אַ פראָסט,
נאָך אַ נאַסער שטורעם בלאָזט,
און דער הימל — שווער און שוואַרץ,
אָבער גרינג שוין איז דאָס האַרץ:
פרילינג הויערט ביי דער שוועל.
באַלד וועט קומען אַ באַפעל,
וועט ער געבן זיך אַ ווייז,
וועט צעווייגען זיך דאָס אייז,
וועט ער עפענען אַ שלאָס
און אַרויסלאָזן דאָס גראָז.

וועט ער געבן זיך אַ וואָרף
אויפן פעלד און אויפן דאָרף,
וועט אַנטקעגן קומען גלייך
יעדער שטראָם און יעדער טייך.
וועלן ביימער טאָן אַ פּלאַץ
מיט אַ וואונדערלעכן שאַץ —
גרינע קעפּלעך פון סמאַראַגד
אויף די צווייגן אָנגעפּאַקט.

וועט עס ווערן אין דער פרי
אַ געפּיפּס און אַ געפלי.
פייגל שפּרינגען הין און הער,
יעדער פויגל טוט אַ קלער:
זאָל איך אויפראַמען צוערשט,
אָדער טאָן אַ פּיק אַ גערשט
און אַוועקפליען צום נעסט?
לאָזט מען איבער בוים און נעסט
און מען דרייט זיך קעפּ אויף קעפּ —
ביז צום הימל שווינדל-טרעפּ,
אָדער גלאַט פעלד-אויס, פעלד-איין,
יאָגנדיק די זונענשיין . . .

בשום אופן	ווייל	וואוהין	בשעת

איך קען זיך בשום אופן ניט פאַרשטעלן, אַז דו זאָלסט ניט גראַדואירן. דו טאָרסט עס בשום אופן ניט טאָן. בשום אופן ניט.

●

ווייל מען הייסט דיר טאָן אַזוי, דעריבער ווילסטו טאָן פאַר־קערט. איך וויל טאָן אַזוי, ווייל איך גלויב אַז אַזוי איז גוט און דעריבער זאָל מיר קיינער קיין עצות ניט געבן. איך לערן, ווייל איך וויל קענען און דעריבער קען איך טאָקע.

●

— וואוהין גייסטו? וואָס הייסט וואוהין איך גיי? איך טאָר שוין אין ערגעץ ניט גיין?

— אָבער מען מעג דאָך וויסן וואוהין דו גייסט.

●

חנה האָט זיך צעלאַכט בשעת דער לערער האָט געהאַלטן אין מיטן דער לעקציע. קענסטו ניט פאַרשטיין, אַז בשעת דער טאַטע האַלט אין מיטן רעדן טאָרסטו אים ניט איבערשלאָגן? טאָרסט קיינעם ניט איבערשלאָגן, בשעת יענער האַלט אין מיטן רעדן.

אַרבעט: מאַך אַליין פינף זאַצן מיט בשום אופן, ווייל, וואוהין, בשעת.

יידישע וויצן וועגן אָרעם און רייך

נעם אים אַריין און וואַרף אים אַרויס!

צו אַ קאַרגן גביר איז אַמאָל געקומען אַן אָרעמאַן בעטן אַ נדבה. דער גביר האָט אים גאָרנישט געגעבן און נאָך גענומען זידלען. דער אָרעמאַן האָט אויך ניט געשוויגן. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט — ביז דער גביר איז אין כעס געוואָרן און געהייסן דעם דינער אַרויסוואַרפן דעם אָרעמאַן אין דרויסן.

דער אָרעמאַן האָט אָבער אין דרויסן אויך ניט געשוויגן. דער גביר האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. פאַר גרויס פאַרדרוס האָט ער גענומען שרייען צום דינער:

— נעם אים צוריק אַריין און וואַרף אים נאָכאַמאָל אַרויס!...

שפּריכוואָרט

ווער עס האָט פאַרוואָס — ביי דעם איז שבת אַלע טאָג.

דער אַרענדאַר

י. ל. פרץ •

קאַפּיטל איינס

אין פּוילן האָט געלעבט אַ ייד אַן אַרענדאַר.

איז דער אַרענדאַר געווען אַנגעזען ביים פּריץ, און דער פּריץ איז אַ גרויסער מאַגנאַט געווען. איז ער, דער אַרענדאַר געקומען צו גרויס רייכקייט.

איז אָבער דער ייד אַ גראָב נפש געווען, און אַ קאַרגער אַ גרויסער. ער לאָזט ניט קיין אָרעמאַן איבער דער שוועל.

אַ ווייב האָט ער געהאַט דווקא אַ גוטהאַרציקע, פלעגט איר אַנטאָן געברענטע לייד פאַר אַ גראָשן צדקה, וואָס זי פלעגט טאָן אונטער זיין ווישן. פייניקן פלעגט ער זי דערפאַר.

וואוילע קינדער האָט ער געהאַט. האָט ער די יינגלעך אין שטאָט אַריין אין חדר נישט געשיקט. עס זיינען אים די פערד אַ שאָד געווען.

קאַפּיטל צוויי

איין מאָל פרייטיק ביינאַכט.

זומער־לעב געווען, אַ טאָג — אַ גאָלדענער.

זיצט דער אַרענדאַר מיט דער גאַנצער משפחה אונטערן פרייען הימל, אין גערטל פאַרן הויז, ביים אָנבייסן.

זיצט ער זיך אויבן־אָן, דער אַרענדאַר, שעפּט נחת פון עסן, פאַר־טרינקט מיט אַלטן מעד און סמאַטשקעט מיט די פעטע ליפּן.

קומט פון צווישן די ביימלעך אין גערטל פלוצלונג אַרויס אַן אָרעמער גייער מיטן פעקל אויף די אַקסל...

וואָס טראָגט אַרום אַ גייער? בענדער און בענדלעך, קעמעלעך, נאָדלען, און האָר־נאָדלען, און שפּילצייג פאַר קינדער און נאָך אַזוינע קליינינקייטן...

דערזעט ער די משפחה ביים טיש, שטעלט ער זיך שטיל אָפּ, לאָזט אַראָפּ דאָס פעקל פון די פּלייצעס, גלייכט זיך אַ ביסל אויס. אַן אַלטער גרויער ייד געווען און אַ שוואַכער, נעבעך.

בעט ער זיך, דער אָרעמער גייער:

— קויפט עפּעס, יידן, לאָמיך פאַרדינען אויף שבת.

וויל זיך צו אים די פרוי אויפהייבן, וואַרפט אויף איר דער אַרענדאַר אַ בייזן בליק, בלייבט זי, נעבעך, זיצן...

— אוועק! — טרייבט דער אַרענדאַר, טרינקענדיק...

— שענקט מיר כאַטש — רופֿט זיך אָן דער גייער — אַ ביסן אין מויל אַריין. די נשמה צו דערכאַפּן... כאַטש וואַסער אַ טראָפּן. ס׳ברענט אַזוי די היץ...

שלינגט די פֿרוי די געזאַלצענע טרערן און שווייגט. קאָנען די קינדער נישט צוזען דער מוטערס צרות און דעם גייערס נויט, און הייבן זיך אויף, און גייען אַוועק פֿון טיש, טיפֿער אין גערטל אַריין, און דער אַרענדאַר שפּרינגט אויף מיט גרוים צאָרן:

— בעטלער, קבצנים האָב איך פֿיינט, הערסט?! כ׳רוף דעם משרת, ברעכט ער דיר אַ ביין!

הייבט דער גייער צוריק אויף דאָס פּעקל אויף די פּלייצעס, צעז-לאַכט זיך פֿלוצלונג און נעמט זיין וועג. פֿאַרשווינדט צווישן דיביימער. און דעם אַרענדאַר ווערט עפּעס אין אַלע איברים היים.

נעמט ער אַ האַנטעך פֿון שטוב אַרויס און גייט זיך באָדן צו דער ווייסל...

קאַפּיטל דריי

באָדט ער זיך אַזוי און קילט זיך, און שעפּט נחת פֿון קאַלטן וואַסער.

אָפּגעשוואומען אַ צייט, לאָזט ער זיך צוריק צום ברעג, צום אָרט, וואו ער האָט זיך אויסגעטאָן, און געפֿינט די זאַכן נישט!

שילט ער דעם גנב, וואָס האָט אים איבערגעלאָזט אין אַזאַ נויט.

די זון האַלט אין זינקען. קיין לעבעדיקע נשמה אויף לאַנקע און פֿעלד — לאַנג שוין אָפּגעשטעלט די אַרבעט.

דערווייל דערשפּירט ער הונגער: נאָכן באָדן מיטן שווימען, און אַזוי לאַנג אין מויל נישט געהאַט.

און קעלט דערצו: צוגעפֿאַלן אַ קילער אָוונט. עס קלאַפּט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן...

ליגט ער אויף דער ערד און בייסט די נעגל פאַר כעס. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז אַלץ איז שטיל און אויסגעלאַשן געוואָרן. ער הויבט זיך אויף און לויפט אַהיים אויף הינטערוועגן, איבער די לאַנקעס...

קומט ער אָן אָטעם און קוים אַ לעבעדיקער צו צום הויז, איז עס שוין איינגעהילט אין חושך. טיר און טויער פאַרהאַמערט, די פענצטער — פאַרמאַכט.

פאַלט ער ערשט רעכט אין כעס אַריין:

— כאַליען שוין! נישט געוואָרט אויפן באַלעבאָס!

ער וועט זיך שוין אָפּרעכענען מיט אַלע... דעם משרת וועט ער אַרויסטרייבן ווי אַ הונט...

און גיט אַ לויף צו צום טויער און הייבט אָן קלאַפּן מיט די פויסטן.

לויפט פון קיך אויפן הויף אַרויס דער משרת מיט אַ געשריי:

— ע, דו, שלעפּער איינער! דאָס איז נישט קיין גאַסט-הויז! דער באַלעבאָס וועט דערהערן, הייסט ער דיר ברעכן אַ ביין!

פאַלט עס דעם אַרענדאַר, ווי אַ בליי אויפן האַרץ. די ווערטער האָט ער דעם אָרעמען גייער געזאָגט: „ער וועט אים הייסן ברעכן אַ ביין!"

דערווייל איז דער משרת צוגעקומען און אַרויסגעקוקט דורך אַ שפּאַרע פון טויער. דערזעט ער אַ נאַקעטן. כאַפּט ער זיך אָן ביי די זייטן פאַר געלעכטער:

— אַ נאַקעט משוגעת, כאַ-כאַ-כאַ!

לאַכן דעם אַרענדאַר אין די אויערן: דער משרת און דער גייער צוזאַמען. לויפט ער אַוועק צום פענצטער פון זיין שלאָף-שטוב.

— גיטעלע — קלאַפּט ער אָן — גיטעלע, עפן מיר אויף!...

דערהערט ער, ווי אַ קול פון אַ מאַן, נאָר עפּעס אַזוי ענלעך צו זיין אייגן קול, פרעגט אין שטוב מיט גרויס וואונדער:

— גיטעלע, ווער קען דיך עס רופן ביינאַכט, און אירצט דיך אַפילו נישט?!...

עפנט זיך פון אינעווייניק דער לאָדן, דערנאָך דאָס פענצטער און עמעץ קוקט אַרויס...

ווערט דער אַרענדאַר שוין גאָר צעטומלט: זיין פּנים, זיין העמד, רויט אויסגענייט, און זיין שלאָף-מיצל מיטן זילבערנעם קוויטל!

און „יענער" — הערט ער — זאָגט:

— גיי נישט צו, גיטעלע, עפּעס אַ נאַקעט משוגעת... אַ רחמנות! דערלאַנג מיר עפּעס, אים צוצודעקן.

— גיב, גיטעלע, אַ העמד, אַ פּאָר הויזן . . . און אַ היטל, און אַ חלה, גיטעלע — ער איז אַוודאי אויסגעהונגערט, נעבעך!

בלייבט דער אַרענדאַר פאַרשטיינערט. און אין אַ ווײַלע אַרום זעט ער מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, ווי „יענער" וואַרפט אים דאָס אַלץ אַרוים! און דאָס פענצטער ווערט באַלד פון אינעווייניק פאַרמאַכט.

— אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן! — ברעכט דער אַרענדאַר די הענט — עפּעס אַ שווינדלער געקומען, פאַרשטעלט זיך און צוגענומען מיין האָב-און-גאָב...

לויפט ער צום לאָדן פון דער קינדער-שטוב, קלאַפּט אָן און רופט:

— יאַנקעלע, משהלע, שיינדעלע! אייער טאַטע קלאַפּט! עפנט אויף! ס'האָט אים אַן אומגליק געטראָפן...

ענטפערט יאַנקעלע פון בעט אַרוים:

— מאַכט נישט קיין חוזק, ייד... מיין טאַטע איז ערשט די רגע דאָ געווען... די קישנס מיר פאַרריכט...

און שיינדעלע גיט צו:

— הערט, רב ייד! נאַרן דאַרף מען נישט... נאָר אויב עס פעלט אייך עפּעס, האָט קיין מורא נישט, קלאַפּט ביים טאַטעשיס פענצטער... וואָרים די מאַמע זאָגט, אַז דער טאַטע איז א י ב ע ר ג ע ב י ט ן. אַ גוטן, וואוילן טאַטן האָבן מיר אַצינד! —

„שלעכט, דאָ איז אַ שרעקלעכער שווינדל געשען!" — פלאַמט אויף אין אַרענדאַרס מוח — „אָפּגענאַרט דאָס ווייב, די קינדער! מען מוז עפּעס טאָן."

קאַפּיטל פיר

וועט ער דאָך נישט לויפן נאַקעט. און הונגעריק איז ער. לויפט ער צוריק צום ערשטן פענצטער, כאַפּט און מאַכט צוויי-דריי ביס פון דער חלה, ציט אויף זיך אַרויף די קליידער און ער לויפט.

לויפט ער אַזוי אַ גאַנצע נאַכט, ביז ער פאַלט ערגעץ אויפן וועג און שלאָפט איין אַ צעוויטיקטער.

נישט לאַנג איז דער אַרענדאַר געשלאָפן... ער כאַפּט זיך אויף און פאַרשטייט נישט, וואָס ער טוט דאָ. וואָס ברעכן אים אַזוי אַלע ביינער? וואָס פאַר אַ קליידער טראָגט ער עס? וואָס פאַר אַ בייזער חלום חלומט זיך אים?

דערמאָנט ער זיך פלוצלונג אַלץ מיט אַ מאָל און כאַפּט זיך אָן ביים קאָפּ...

פאַלט אים איין, אַז מען מוז דערווייל אָפּראַטעווען די חובות ביי לייט.

לויפט ער צו דער פאַרשטאָט. קלאַפּט אָן ביים ערשטן בעסטן פויערישן בעל-חוב.

— עי, וואַסיל, כ'דאַרף גראַד נייטיק געלט, גיב מיר אָפּ דעם חוב.

קוקט וואַסיל דורכן פענצטערל אַרויס און פרעגט:

— ווער ביסטו, ייד? וואָס פאַר אַ חוב האָסטו ביי מיר?

— דערקענסט מיך נישט? איך בין דאָך דער אַרענדאַר!

צעלאַכט זיך וואַסיל אויף אַ קול און קומט אַרויס מיט דער גאַנצער משפחה פאַר דער טיר.

— געפעלט אייך — פרעגט ער — אַזאַ משוגעת? טראָג דיך אָפּ, איך רייץ אויף דיר אָן די הינט...

כאַפּט ער זיך אויף און אַנטלויפט באַצייטנס באַרג-אַראָפּ צום וואַסער צו. דערזעט ער זיך אינעם וואַסער, דערקענט ער זיך נישט! ווי ער זעט אויס: צעוואָרפן די האָר, צעקנייטשט דאָס פּנים, איינגעפאַלענע ברענענדיקע אויגן... און עפּעס גרויער איז ער געוואָרן איבער נאַכט! כאַפּט אים אָן אַ גרויל: עפּעס איז ער אַזוי ענלעך געוואָרן צום אָרעמען גייער, וואָס ער האָט ערשט נעכטן פאַרטריבן...

לויפט ער, ווי משוגע, ביים ברעג פון דער ווייסל, אַ גאַנצן שבת, אויף און אָפּ, ביז די זון איז אונטערגעגאַנגען. לויפט ער אַוועק צום רב. פאַלט ער אַריין מיט אַ געשריי:

— רבי, איר מוזט מיך ראַטעווען!

דערלאַנגט אים דער רבי קודם-כל „שלום" און פרעגט, ווער ער איז.

בלייבט ער שטיין:

— רבי, איך בין דאָך... דער אַרענדאַר בין איך דאָך... — שטאַמלט ער שוין מיט אַ נישט-זיכער קול. צווייפלט ער שוין אַליין, צי ער איז ווירקלעך דער אַרענדאַר.

קוקט אויף אים דער אַלטער רב אַ לאַנגע ווילע מיט גרויס רחמנות און זאָגט דערנאָך אַזוי:

— דעם אַרענדאַר קען איך זייער גוט... זיצט דערווייל, רב ייד...

זעצט ער זיך, דער אַרענדאַר, דעם רב קעגנאיבער.

— פאַרשטייט איר מיך — זאָגט דער רב, נישט אַראָפּלאָזנדיק פון אַרענדאַר דאָס רחמנותדיקע אויג — ער איז ביי מיר פרייטיק נאָכן אָנבייסן געווען, דער אַרענדאַר...

הערט ער אין געהאַקטע וואונדן, און דער רב דערציילט:

— ער האָט זיך, הערט איר, שטאַרק געענדערט, דער אַרענדאַר; גאָר איבערגעביטן...

— געוועזן... גערעדט פשוט, אָן גאווה... אַ סך גערעדט... מענטשלעך...

— און איבערגעלאָזט דערנאָך אַ היפּש ביסל געלט פאַר אָרעמע לייט...

— מילא, דער אַרענדאַר זייט איר נישט... אלא וואָס, איר האָט

אָן איינרעדעניש... און דעריבער ראַט איך אייך, מיין ליבער ייד, גייט אין הקדש אַריין... עס האַלטן זיך דאָרט אויף אַ חברה אָרעמע לייט, נעכטיקט מיט זיי איבער און אין דער פרי וועט איר אייך לאָזן מיט זיי צוזאַמען איבער דער וועלט...

קאַפּיטל פינף

דער אַרענדאַר האָט זיך אונטערגעגעבן.

— פאַרפאַלן!

און שוין יאָרן לאַנג, אַז ער גייט אַרום מיט די קבצנים איבער דער מדינה, פון ישוב צו ישוב, פון הויז צו הויז, פון טיר צו טיר, מיט אַ בייטעלע אויף גראַשנס אין קעשענע און אַ טאָרבע איבערן האַלדז אויף שטיקלעך ברויט און חלה.

משוגענער האָט מען אים גערופן...

מיט דער צייט זיינען די חלומות פון די גוטע יאָרן פאַרשוואונדן...

נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר, האָבן די אַלטע צייטן אים אַליין אויסגעזען, ווי אַ חלום...

ווער ווייס, ווער ער איז, פון וועמען ער שטאַמט, פון וואַנען ער קומט... ער האָט מיט דער צייט זיין נאָמען פאַרגעסן. מען רופט אים „שטיל משוגעת", איז דאָס זיין נאָמען...

נאָך אַ צייט מיט יאָרן איז אַרוים אין דער געגנט, וואו די חברה קבצנים האָט זיך געדרייט, אַ קלאַנג, אַז ערגעץ אין אַ ווייטער שטאָט וועט זיין זייער אַ רייכע חתונה מיט אַ גרויסער אָרעמער סעודה.

קלייבט זיך די חברה קבצנים אַהין צו דער חתונה. גייט „שטיל משוגעת" אויך מיט דער חברה צוזאַמען. קומען זיי צו דער חתונה.

די אָרעמע סעודה איז גרייט, אין אַ זאַל די טישן געדעקט, מיט אַלעם גוטן — צוויי פעסער ביר געעפנט, אַ פאַס מעד...

זעצט מען זיך אַרום די טישן.

דער מחותן מיט דער מחותנתטע, און די כלה אין דער מיט — אויבן־אָן.

זיצט „שטיל משוגעת" און וואַרפט אַן אויג אויף די טישן. באַ־קאַנטע טעלער, באַקאַנטע מעסער און גאָפל און לעפל... ער קוקט זיך בעסער צו: זיינע אותיות אויף די כלים...

הערט ער, ווי די מחותנתטע זאָגט:

— עסט, יידן, און טרינקט געזונטערהייט, און בענטשט מיר די כלה מיינע, און ווינטשט גוטע יאָרן דעם זיווג...

דערקענט ער דאָס קול: גיטעלעס קול!

הייבט ער אויף די אויגן: זיין טאָכטער שיינדעלע איז די כלה!

הייבט דער מחותן אויף אַ כוס און רופט:

— לחיים, יידן, לחיים!

איז עס זיין אייגן קול פון אַמאָל...

דערשרעקט ער זיך, ווערט אים נישט גוט, פאַלט ער אַרונטער אויפן אָנלען פון בענקל.

זאָגט דער מחותן צו צוויי פון די סאַרווערס, וואָס דרייען זיך אַרום טיש:

— נעמט דעם יידן, וואָס עס איז אים נישט גוט געוואָרן, אין דער שטוב אַריין, וואו עס ברענט אין אויוון. טוט אים אויס און לייגט אים אין בעט אַריין... און איך וועל נאָכקומען זען, צי מען וועט נישט דאַרפן קיין דאָקטער...

אין אַ מינוט אַרום ליגט שוין אונדזער אַרענדאַר אין ז י י ן שטוב, אין ז י י ן בעט, אויף זיין קישן, אונטער זיין איבערבעט און קוקט פאַרדולט אין פייער פון אויוון אַריין... איז עס אַ בייזער ווימטער חלום געוועזן?...

די סאַרווערס גייען, דער מחותן קומט אַריין און פרעגט:

— נו, פעלט אייך עפעס, אורח־לעב?

— ניין... — און פאַרמאַכט די אויגן...

און אין אַ ווײַלע אַרום עפנט ער זײַ ווידער:
— זאָגט מיר, כ'בעט אײַך, ווער איז דער חתן אײַערער און וואָס?
ענטפערט דער מחותן מיט דעם זעלבן שמייכל און גאַרנישט פאַר־וואונדערט אויף דער פראַגע:
—אַ למדן אַ גרויסער, אַ גוט האַרץ און מיט אַלע מעלות...
ציט זיך דער בעטלער אוים איבערן בעט:
— מעג איך שוין שטאַרבן! — זאָגט ער, און הייבט אָן צו ציטערן אויפן גאַנצן לייב.
— ניין, רב ייד — זאָגט דער מחותן לאַכנדיק... — מען שטערט נישט קיין יידישע שמחה! מען שטאַרבט נאָך נישט... אײַך איז נאָר קאַלט. זעט, וואָס איך טו...
און ער כאַפּט דעם אָרעמאַנס אָנטאָן פון בענקל אַראָפּ און וואַרפט עס אין פײַער אַרײַן.
— איר — זאָגט דער מחותן — וועט נעמען אויף זיך מ ײַ נ ע, דאָס הייסט, א ײַ ע ר ע קליידער: גענוג שוין געליטן...
און אין איין אויגנבליק וואַרפט ער פון זיך די קליידער אַראָפּ און ער אַליין פאַרשווינדט...

קאַפּיטל זעקס

איז מיטאַמאָל דעם אָרעמען אַרענדאַר אויפגעגאַנגען אַ ליכט און די אויגן...
און עס באַנייען זיך אים פלוצלונג די כוחות, און ער שפּרינגט אַרויס פון בעט, כאַפּט אויף זיך די איבערגעלאָזטע קליידער, און לויפט אַרויס — אַ מחותן צו די אָרעמע געסט...
זאָגט גיטעלע מיט אַ ליבן שמייכל:
— נו, מײַן מאַן, נישט גלײַכער אַזוי?
און שיינדעלע פאַלט אים אויפן האַלדז:
— טאַטעשי! אוי, אַ גוטער ביסטו, טאַטעשי.
אָן קראַנקן אָרעמאַן האָבן עפּעס אַלע גאָר פאַרגעסן...

פאַרשטייט די ווערטער:

אַרענדאַר — lessee of a farm
צדקה (צדאָקע) — charity
נפש (נעפעש) — soul, person
צער (צאַאַר) — pity
בענדער — ribbons
קבצנים (קאַבצאָנים) — poor men
איברים (אייוורים) — limbs
נחת (נאַכעס) — pleasure
חושך (כוישעך) — פינצטערניש
כאַליען — שלאָפן
משרת (מעשאָרעס) — servant
אירצט — זאָגט „איר“ אָנשטאָט „דו“
שלאָף־מיצל — sleeping cap

האָב־און־גאָב — goods, wealth
חוזק (כויזעק) — שפּאַס
בעלי־חובות (באַלע־כויוועס) — debtors
העזה (האָזע) — arrogance
גאווה (גייווע) — pride
מילא (מיילע) — well
אלא (עלע) — but
הקדש (העקדעש) — poorhouse
ישוב (יישעוו) — settlement
זיווג (זיווּעג) — חתן־כלה (כאָסן־קאַלע)
איבערבעט — featherbed
אורח־לעב (אוירעך־לעב) — טייערער גאַסט

פרילינג

• פּרץ מאַרקיש

עפנט טירן, קומט אין דרויסן,
רייסט די פענצטער, ברעכט זיי אויס,
נעמט אַריין דעם גאַסט דעם גרויסן, —
קומט אַנטקעגן אים אַרויס:

ס'איז היינט יום־טוב אין די גערטנער,
אויף די גאַסן, אומעטום,
ס'איז היינט ליכטיק, זעט נאָר, הערט נאָר,
ווי עס טאַנצן ווינטן אום.

הערט נאָר ווי די צווייגן טרישטשען,
און דער טייך, ווי שרייט און ברומט,
הערט נאָר פייפן, הערט נאָר סווישטשען —
קומט אין דרויסן, גיכער קומט!

משה'לעס חלום

• מ.א סול •

געגרייט איז דער סדר מיט מצות און כריין,
עס לויכטן די ליכט און עס פינקלט דער וויין.

דער זיידע געהילט אין א קיטל אַ ווייסן,
דערציילט איצט די קינדער אַן אור-אַלטע מעשה.

און משהלע רירט זיך צומאָל ניט פון אָרט,
מיט אָפענעם מויל ער שלינגט יעדעס וואָרט.

און פול איז מיט וואונדער די מעשה די שיינע,
און ס'האָרכן פאַרגאַפט סיי די גרויסע און קליינע.

דער זיידע דערציילט פונעם פרעהן דעם שלעכטן,
פון יידישן פאָלק דעם געיאָגטן, פאַרקנעכטן.

ווי פאַרשקלאַפט ס'האָט די יידן דער קעניג דער בייזער,
און ווי משה ז'געוואָרן פון זיין פאָלק דער דערלייזער.

ניט מיד ווערט דער זיידע, עס פליסן די ווערטער,
נאָר משהלען שלעפערט און האַלב שוין דערהערט ער.

דער שלאָף גיט פלוצים צום קישן אַ צי אים,
און ס'קומט אים אַ חלום אַזאַ מין צו פליען:

איבער טאָל, איבער באַרג ער פליט אויף אַ פערד גאָר,
און פלינק איז דאָס פערד, עס באַרירט ניט די ערד גאָר.

דאָס רייט ער אַזוי צו פרעהן דעם מלך
(אָט דאָס איז דער חלום, אָט ווי איך דערצייל אייך).

אָט שטייט ער פאַר פרעהן און מיט צאָרן ער זאָגט אים:
„באַפריי אונדזער פאָלק, האָסט גענוג שוין געפּלאָגט אים!

דו ביזט דאָך ווי היטלער אַ רשע אַ בייזער.
און איך בין משה, מיין פאָלקס דערלייזער.

אָט נעם איך דיין צעפּטער, נו, גיב אַ דערלאַנג!
און איך מאַך פון אים תיכף אַ גיפטיקע שלאַנג.

אָט טו איך אַ זאָג און ס׳וועט שוין זיין געמאַכט,
און די זון וועט פאַרגיין און ווערן וועט נאַכט!"

און ווי נאָר ער זאָגט עס צו פרעהן מיט צאָרן —
איז גאַנץ מצרים פינצטער געוואָרן!

עס האָט זיך דער קעניג דערשראָקן אויף טויט,
און ווייס איז געוואָרן זיין פנים און רויט.

און אָט פירט ער שוין, משה, די יידן אַרויס,
און גרויס איז די פרייד און די שמחה איז גרויס.

און פלוצים זיי הערן אַ גרויסן געפילדער,
און ס׳טראָגט זיך אַ רויש און טומל אַ ווילדער.

פרעה באַטראַכט זיך און ס׳האָט אים פאַרדראָסן,
וואָס ער האָט די יידן באַפרייען באַשלאָסן.

איז האָט ער אַרויסגעשיקט זיינע רייטער,
זיי זאָלן די יידן ניט לאָזן גיין ווייטער.

נאָר תיכף ביז איינעם זיי כאַפּן און ברענגען,
אויב ניט, די רייטער וועט ער הייסן אויפהענגען.

איז קלאַפּט עס און דונערט, ווי ס׳וואָלט די ערד
זיך געשפּאָלטן,
און ס׳ווייסן די יידן ניט וואו זיך באַהאַלטן.

ווייל פאָרנט דער ים איז און הינטן די רייטער —
נאָר משה רופט זיי: קומט ווייטער! קומט ווייטער!

און ווי נאָר צו דעם ים־ברעג געקומען,
האָט ער אַ פּאַטש געטאָן מיט זיין שטעקן, דעם קרומען,

און גענומען דער ים האָט זשומען און שאָרכן,
און געמוזט האָבן כוואַליעס משהן געהאָרכן.

און די יידן, פאַרגאַפטע, האָבן אויפגעהערט שרייען —
ס׳האָט דער ים זיך צעעפנט אין אַ וועג אַ פרייען!

און געשפּאַנט האָט דאָס פאָלק צווישן ים׳יקע ווענט,
און משה פאָרויס, מיט פאַרהויבענע הענט.

און ס׳האָבן די מצרים פאַרגעסן אַן שרעק,
ווען זיי האָבן דערזען דעם אָפענעם וועג.

און ס׳האָבן די רייטער, מיט פערד און מיט וואָגן,
גענומען די יידן איבער דעם ים דאָרט צו יאָגן.

נאָר געטאָן האָט משה מיטן שטעקן אַ פיר,
ס׳האָבן די ים־ווענט געטאָן זיך אַ ריר

און מיט ווילדן געפּראַל, מיט שוימען און שפּרייען
זיי האָבן פאַרשלונגען פרעהס אַרמייען!

און די יידן, מיט שטאָלצן, מיט גלייכן רוקן,
זיינען געגאַנגען און דער וועג איז געווען פאַר זיי טרוקן.

און דאָ האָט זיך משהלע פּלוצים צעוועקט,
דער טיש איז ווי פריער נאָך געווען געדעקט.

דער זיידע געהילט אינעם קיטל דעם ווייסן,
האָט ווייטער געשפּונען די אוראַלטע מעשה:

„דאָס יידישע פאָלק האָט אַ סך שוין געליטן,
ס׳האָבן נייע פרעהס די אַלטע פאַרביטן.

אפילו נאָך היינט פאַראַן זיינען פרעהס,
מען וועט זיי פאַרטרייבן, די פינצטערע כמאַרעס.

מיר וועלן דאָס אַלץ נאָך דערציילן אין פריידן.“
און אַזוי האָט פאַרענדיקט די מעשה דער זיידע.

פאַרשטיי די ווערטער:

צעפּטער — sceptre
פאַרגאַפטע — amazed
מצרים (מיצראַאים) — Egypt
שפּרייען — to drizzle

כריין — horse-radish
קיטל — white linen robe
רשע (ראָשע) — שלעכטער

אליהו הנביא

• שלום עליכם

קוים דערלעבט פסח, דעם ליבן טייערן פסח, אויסגעקליידט האָט מען מיך, ווי עס פּאַסט פאַר אַ נגידס אַ ייִנגל. וואָס קומט מיר אָבער אַרויס, אַז איך טאָר ניט אַרומשפּרינגען אין דרויסן — איך וועל זיך פאַרקילן. אַז איך טאָר ניט אַרומלויפן מיט אַלע קבצנישע קינדער — איך בין אַ נגידס אַ ייִנגל. אַזעלכע שיינע מלבושים — ניטאָ פאַר וועמען צו באַרימען זיך. אַ פולע קעשענע מיט נים — ניטאָ מיט וועמען צו שפּילן.

ניט גוט צו זיין אַ בן יחיד, אַ ציטעריקער, וואָס „פון זיבן איינער געבליבן", און נאָך אַ נגידס אַ ייִנגל דערצו.

דער טאַטע האָט אָנגעטאָן די בעסטע קאַפּאָטע און איז אַוועק אין שול דאַווענען. זאָגט צו מיר די מאַמע: „ווייסטו וואָס? לייג זיך צו, שלאָף זיך אויס, וועסטו קאָנען זיצן ביים סדר, וועסטו פרעגן דעם טאַטן די פיר קשיות." משוגע בין איך? פאַרן סדר וועל איך גיין שלאָפן! „געדענק-זשע, פסח צום סדר טאָר מען ניט שלאָפן. וואָרים טאָמער חלילה וועסטו אַנטשלאָפן ביים סדר, אַזוי קומט אליהו הנביא מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס..." „פסח ביינאַכט גייט אַרום אליהו הנביא און קוקט: ווער עס שלאָפט ביים סדר, דעם נעמט ער אין זאַק אַריין..." כאַ-כאַ! איך וועל אַנטשלאָפן ווערן ביים סדר? איך? און אַז מען זאָל זיצן אַ גאַנצע נאַכט? און אַפילו ביזן ווייסן טאָג אַריין? ווי אַזוי איז געווען, מאַמע, פאַראַיאָרן? „פאַראַיאָרן ביסטו אַנטשלאָפן געוואָרן באַלד נאָך קידוש." פאַרוואָס-זשע איז ניט געקומען צו מיר דעמאָלט אליהו מיטן זאַק? „דעמאָלט ביסטו נאָך געווען אַ קלענינקער, היינט ביסטו שוין אַ גרויסער. היינט דאַרפסטו פרעגן דעם טאַטן די פיר קשיות, היינט דאַרפסטו עסן מיט אונדז פיש און יויך און קניידלעך... שאַ, אָן גייט דער טאַטע פון שול."

— גוט יום-טוב!

— גוט יום-טוב!

דאַנקען גאָט, דער טאַטע האָט אָפּגעמאַכט קידוש, איך אויך. דער טאַטע האָט אויסגעטרונקען דעם ערשטן כוס, איך אויך. און דווקא אַ פולן כוס, און דווקא ביזן דנאָ. „זע נאָר, ביזן דנאָ!" — זאָגט די מאַמע צום טאַטן. און צו מיר זאָגט זי: „אַ פולן בעכער מיט וויין? וועסט אַנטשלאָפן ווערן..." כאַ-כאַ! איך וועל אַנטשלאָפן ווערן? איך? און אַז מען זאָל זיצן אַ גאַנצע נאַכט, אַפילו ביזן ווייסן טאָג אַריין?



פאַרשטייט זיך, אַז איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן...

אַנטשלאָפן געוואָרן, חלומט זיך מיר, אַז די מאַמע אַליין שטייט אויף פון טיש, גייט עפענען די טיר מקבל פנים זיין אליהו הנביאן. שוין וועט זיין, טאָמער קומט טאַקע אליהו הנביא, ווי די מאַמע זאָגט, מיטן זאַק אויף די פלייצעס און זאָגט צו מיר: „קום, בחור!“... און אַזוי ווי איך טראַכט מיר די דאָזיקע מחשבות, אַהאַ! הער איך אַ סקריפּ פון דער טיר און דער טאַטע שטייט אויף און רופט אויס אויף אַ קול: „ברוך הבא!“ איך קוק מיך איין צו דער טיר — יאָ, ס׳איז ער. ער גייט, ער גייט פּאַוואָלינקע, קוים וואָס מען הערט. אַ שיינער ייד אליהו הנביא, אַן אַלטער מאַן. אַ זקן מיט אַ גרייז-גרויער באָרד ביז די קני, דאָס פּנים אַלט, געל, געקנייטשט, נאָר שיין און גוט איז ער אָן אַן עק. און אויגן, אַך אויגן! גוטע, ווייכע, פריינטלעכע, ליבע, געטרייע אויגן. איינגעבויגן, אָנגעלענט אויף אַ גרויסן, גרויסן שטעקן מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס, און שאַ, שטיל, אָן ווערטער — און גלייך צו מיר.

— נו, ייִנגעלע, אַריין צו מיר אין זאַק אַריין און קום! — אַזוי זאָגט צו מיר אָט-דער אַלטיטשקער און דווקא מיט גוטן, און דווקא אַזוי ווייך, אַזוי זיס.

פרעג איך אים: וואוהין? מאַכט ער צו מיר: „וועסט שוין נאָכדעם זען...“ וויל איך ניט, זאָגט ער מיר נאָכאַמאָל. בעט איך מיר ביי אים: „ווי קען איך מיט דיר גיין, אַז איך בין אַ נגידס אַ ייִנגל?“ זאָגט ער: „און אַ נגידס אַ ייִנגל, וואָס ביסטו פאַר אַ מיוחס?“ זאָג איך: „איך בין ביי טאַטע-מאַמע אַ בן יחיד...“ זאָגט ער: „ביי מיר ביסטו ניט קיין בן יחיד.“ זאָג איך: „אַ ציטעריקער, פון זיבן איינער געבליבן. זיי וועלן, זאָג איך, דערזען, אַז איך בין ניטאָ, וועלן

זיי דאָס ניט אויסהאַלטן, זיי וועלן שטאַרבן און דערהויפּט די מאַמע.״ קוקט ער אויף מיר, דער אַלטיטשקער, און מיט גוטן, מאַכט ער צו מיר ווייך און זים ווי פריער: „גייסטו ניט מיט מיר, טאָ שלאָף געזונט, נאָר ווער אַנטשלאָפן אויף אייביק...״ הויב איך אָן צו וויינען: „הייסט דאָס, אַז איך זאָל שטאַרבן? זיי וועלן דאָס ניט אויסהאַלטן... איבער־הויפּט די מאַמע...״ „ווילסטו ניט שטאַרבן, טאָ קום מיט מיר, געזעגן זיך אָפּ מיט טאַטע־מאַמע און קום...״ „סטייטש, ווי קען איך גיין, אַז איך בין אַ בן יחיד, פון זיבן איינער געבליבן?״ מאַכט ער צו מיר שוין שטאַרקער: „צום לעצטן מאָל, ייִנגעלע, קלייב זיך אוים איינס פון די צוויי: אָדער געזעגן זיך אָפּ מיט טאַטע־מאַמע אויף שטענדיק און קום מיט מיר, אָדער בלייב דאָ און ווער אַנטשלאָפן אויף אייביק, אויף אייביק...״

אָפּגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, טרעט ער אָפּ פון מיר אויף איין שפּאַן און וויל שוין אויסקערעווען זיך צו דער טיר. וואָס טוט מען דאָ? אַוועקגיין מיט דעם אַלטן, גאָט ווייס וואוהין, פאַרפאַלן ווערן, — וועלן טאַטע־מאַמע שטאַרבן: אַ בן יחיד, פון זיבן איינער געבליבן... בלייבן דאָ און אַנטשלאָפן ווערן אויף אייביק, הייסט דאָך דאָס, איך אַליין זאָל שטאַרבן... ציי איך אוים צו אים ביידע הענט מיט טרערן אין די אויגן: „אליהו הנביא! גוטער, ליבער, האַרציקער אליהו! גיב מיר איין מינוט אויף צו באַטראַכטן זיך!״ דרייט ער אוים צו מיר דאָס שיין, אַלט, געל, געקנייטשט פּנים מיט דער גרייז־גראָער באָרד ביז די קני, קוקט אויף מיר מיט זיינע שיינע, ליבע, געטרייע אויגן און מאַכט צו מיר מיט אַ שמייכל: „איין מינוט אויף צו באַטראַכטן זיך — גיב איך דיר, מיין קינד, אָבער ניט מער ווי איין מינוט...״

דער אַלטיטשקער לענט זיך אָן אויף זיין גרויסן, גרויסן שטעקן און וואַרט.

פרעגט זיך: וואָס האָב איך באַדאַרפט אין דער מינוט צוטראַכטן אַזעלכעס, אַז איך זאָל ניט דאַרפן ניט גיין מיטן אַלטן און ניט אַנט־שלאָפן ווערן אויף אייביק? אַנו, ווער וועט טרעפן?

פאַרטייטשט די ווערטער:

נגידים (נאָגידים) — רייכנס	דווקא (דאַווקע) — טאַקע, נאָר
מלבושים (מאַלבושים) — קליידער	כוס (קאָס) — גלעזל
בן יחיד (בען יאָכעד) — איין־אייניציקער זון	דנאָ — עק, סוף (סאָף)
קאַפּאָטע — לאַנגער ראָק	מחשבות (מאַכשאָוועס) — געדאַנקען
קשיות (קאַשעס) — פראַגעס	זקן (זאָקן) — אַלטער מאַן
	מיוחס (מעיוכעס) — aristocrat

אויף גושן איז אַראָפּ די נאַכט

• יצחק קאַצענעלסאָן

אויף גושן איז אַראָפּ די נאַכט,
שטיל איז דער טאָג פאַרגאַנגען,
און אַלץ אַרום האָט זיך געהילט
אין שאָטנס און אין באַנגען...

איינזאַם ביי איר פענצטער זיצט
אַ מאַמע שטום באַקימערט;
אַ זונענשטראַל, אַ לעצטער שוין
בלאָנדזשעט נאָך און שימערט.

זי האַלט דאָס קינד אין שויס, ווי גרויס
די אויגן זיינע זיינען: —
„מאַמע, זע די וואָלקנס דאָרט,
זע נאָר ווי זיי ברענען...״

ווייט, העט ווייט, צו מערב-זייט
בליקט זי מיט אַ טרויערן:
„קינד, מיין קינד, דיין טאַטע דאָרט,
בויט איצט שטעט און מויערן.

„פאַר מיר דאָרט בויט דער טאַטע שטעט,״
רופט דאָס קינד צופרידן,
און קוועלט גאָר אָן; די מאַמע נאָר —
זי גיט אַ זיפץ אַ מידן.

„אַך, פאַר פרעהן בויט ער דאָרט...״ —
די זון איז שוין פאַרגאַנגען,
און גושן, גושן הילט זיך איין
אין שאָטנס און אין באַנגען...

פאַרשטיי די ווערטער:

גושן (גוישן) — אַ געגנט אין אַמאָליקן מצרים (מיצראַאים)
געהילט — פאַרדעקט, פאַרבאַהאַלטן
באַקימערט — פאַרטרויערט, פאַרזאָרגט
מערב-זייט — west-side

באַנגען — being sorry
איינזאַם — אַליין
שימערט — פינקלט
קוועלט — לאַכט, פרייט זיך

אײנצאָל ——— מערצאָל

דער דאַך	—	די דעכער			די מויז	—	די מײַז		
דאָס ראָד	—	—	———		דער שוך	—	—	———	
די באָד	—	—	———		דער נוס	—	—	———	
דאָס הויז	—	—	———		דער פּוס	—	—	———	
דער בויך	—	—	———		די הון	—	—	———	
דאָס מויל	—	—	———		די רוט	—	—	———	
דער האָן	—	—	———		דער ברודער	—	—	———	

אַ ר ב ע ט: שרײַב איבער אין העפט און שטעל צו די מערצאָל.

קענסטו לייענען און שרײַבן די דאָזיקע העברייאישע ווערטער?

משוגע-משוגעים * לבנה-לבנות * שונא-שונאים
קבצן-קבצנים * כלומרשט * ים * נחת
הנאה * חוצפּה * קודם כל

דאָס — דעם

דאָס גוטע לאַנד	מיר לעבן אין ——— ——— לאַנד.
דאָס רויטע ליכט	מיר זײַנען געבליבן שטיין בײַ— — ליכט.
דאָס נײַע ביכל	עס לייענט זיך גוט פון — — ביכל.
דאָס ליכטיקע פּנים	עס איז אָנגענעם צו קוקן אויף— — פּנים.
דאָס ריכטיקע וואָרט	אַלע האָבן געוואַרט אויף — — וואָרט.
דאָס קאָרענע ברויט	מיר האָבן זיך געקוויקט מיט— — ברויט.
דאָס געזאַלצענע וואַסער	אַלע האָבן זיך אָוועקגעקערט פון — — וואַסער.
דאָס ליכטיקע קלייד	וואָס האָסטו זיך היינט פאַרפּוצט אין — — קלייד?
דאָס וואונדערלעכע בילד	מיר שטייען לעבן ——— ——— בילד.
דאָס נײַע יאָר	אַ נײַ לעבן האָט זיך אָנגעהויבן מיט ——— ——— יאָר.

אַ ר ב ע ט: שרײַב אַרײַן אין העפט און שטעל צו „דאָס“ אָדער „דעם“.

ש פּ ר י כ װ ע ר ט ע ר:

אַ נאַר זאָגט וואָס ער ווייסט, אַ קלוגער ווייסט וואָס ער זאָגט.
כעס מאַכט אַ קלוגן צום נאַר.

דער קונצנמאַכער

י. ל. פּרץ •

1.

אין אַ קליין שטעטל אַריין איז אַמאָל געקומען אַ קונצן־מאַכער.

און כאָטש עס איז געווען אין דער פאַר־פּסח־צייט, ווען אַ ייד האָט מער זאָרג, ווי האָר אויפן קאָפּ, האָט דאָך זיין אָנקומען אָנגעמאַכט אַ גרויסן רעש; עפּעס אַ מאָדנער מענטש! אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן און — אויפן קאָפּ אַ צילינדער. אמת, אָן אָפּגעטראָגענער, אַ צעקנייטשטער, אָבער אַזאַ הויכער! אָן אמת יידיש פּנים, אָבער אָן אַ באָרד. און עסן האָט אים קיינער נישט געזען. גיי ווייס, וואָס ער איז. מען פרעגט אים: פון וואַנען? זאָגט ער: „פון פּאַריז.״ וואוהין? — „קיין לאָנדאָן!״ ווי קומט איר אַהער? — ענטפערט ער: „פאַרבלאָנדזשעט!״ אַפּנים, צו־פוס געגאַנגען! און שטייט מען צו אים צו, מאַכט מען אַרום אים אַ רעדל, ווערט ער פּלוצים פאַרשוואונדן, גלייך די ערד וואָלט אים איינגעשלונגען, — און שווימט אַרויס אויף יענער זייט מאַרק.

דערווייל האָט ער זיך געדונגען אַ פּלאַץ און אָנגעהויבן צו מאַכן קונצן.

אָבער קונצן! פאַר אַלעמען אין די אויגן האָט ער געשלונגען ברענענדיקע קוילן, ווי פאַרפל; און פון מויל אַרויסגעצויגן האָט ער אַלערליי בענדער: רויטע, גרינע, וואָס פאַר אַ קאָליר מען האָט נאָר געוואָלט, און לאַנגע, ווי דער גלות. פון אַ שטיוול וואַרפט ער אַרויס זעכצן פּאָר אינדיקעס, אָבער אינדיקעס — ווי די בערן! און לעבעדיקע, און זיי צעלויפן זיך איבער דער סצענע! דערנאָך הויבט ער אויף אַ פוס און קראַצט אָפּ פון דער זויל גאָלדענע רענדלעך; אַ גאַנצע שיסל גאָלדענע רענדלעך! פּאַטשט מען „בראַוואָ״. גיט ער אַ פייף, צעפליען זיך אונטערן סופיט חלות און לעקעכער, און מישן זיך, און לויפן זיך צוזאַמען, און הויבן אָן טאַנצן אַ ראָד אונטער דער סטעליע! און גיט ער אַ צווייטן פייף, — ווערט דאָס אַלץ פאַרשוואונדן, גלייך גאָר נישט געווען! אוים לעקעכער, אוים בענדער, אוים אינדיקעס — גאָרניט!

מילא, ווייסט מען דאָך אַז ס'איז אַ כישוף, עס בלייבט אָבער דאָך נאָך אַלץ די פראַגע: פאַר וואָס איז ער אַזאַ גרויסער קבצן? אַ מענטש שאַרט רענדלעך פון זויל, און האָט נישט מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר דעם צימער; מיט אַ פייף באַקט ער אָן מער לעקעכער און חלות, ווי דער גרעסטער בעקער; אינדיקעס ציט ער אַרויס פון שטיוול, — און אַ פּנים האָט ער אָן אויסגעצויגענעם, אַז אַ שענערן לייגט מען אין דער ערד אַריין. און דער הונגער ברענט אים אין די אויגן, ווי אַ פלאַקער.

2.

נאָר דערווייל וועלן מיר איבערלאָזן דעם קונצן־מאַכער און איבער־גיין צו חיים־יונהן און זיין ווייב רבקה־ביילע.

חיים־יונה איז אַמאָל אַ וואַלד־סוחר געווען, האָט ער זיין געלט פאַרלאָרן. איז ער געוואָרן אַ שרייבער ביים סוחר אין וואַלד, האָט ער די שטעל פאַרלאָרן; זיצט ער שוין אַ שיינע פּאָר חדשים אָן פּרנסה. אַ ווינטער האָט מען איבערגעלעבט — אויף אַלע שונאים געזאָגט. נאָך ווינטער אָבער גייט פּסח, — און פאַרזעצט איז שוין ביזן לעצטן קישן.

גייט רבקה־ביילע און זוכט נאָך אַמאָל אין אַלע ווינקעלעך און געפינט אָן אַלטן אָפּגעריבענעם זילבערנעם לעפל — טאַקע אַ נס! שוין יאָרן זייט דער לעפל איז פאַרפאַלן געוואָרן!

גייט חיים־יונה, פאַרקויפט אים, און טראָגט אַריין די פּאָר גראָשן צום רב אויף מצות פאַר אָרעמע לייט. אָרעמע לייט — זאָגט ער — זיינען בילכער.

די צייט דערווייל רוקט זיך, שוין אינגאַנצן נישט מער ווי אַ פּאָר וואָכן צו פּסח; עס גייט אַוועק נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, רבקה־ביילע ווייסט נישט פון קיין שלאָף, באַהאַלט דאָס פּנים אין די הענט און וויינט שטילערהייט, חיים־יונה זאָל נישט הערן... און אויף פּסח איז קיין צייכן ניטאָ. און טעג האָט זי ערגערע ווי נעכט, — ביינאַכט וויינט זיך אַ מענטש כאָטש אָפּ דאָס האַרץ, ביי טאָג אָבער מוז מען קנייפּן די באַקן, די פאַרב זאָל שטיין!

שכנות קוקן איר נאָך און גאַפן, און קוקן זיך די אויגן אויס, און שטעכן זי מיט רחמנות־בליקן, ווי מיט נאָדלען... אַנדערע פרעגן: „ווען באַקט איר מצות? ווי האַלט איר מיט אייער?" די נעענטערע זאָגן:

— סטייטש, וואָס טוט זיך מיט אייך, רבקה־ביילע?! פעלט אייך, וועלן מיר אייך באָרגן...

חיים־יונה וויל אָבער נישט אָנקומען צו קיין מענטשן, און רבקה־

ביילע וועט קענען איר מאַן נישט גיין — זוכט זי אויס תירוצים פון אונטער דער ערד, און דאָס פּנים פלאַמט און פלאַמט...

און — שוין פּסח!

3.

חיים־יונה גייט פון שול אַהיים, זעט ער, אַז אַלע פענצטער אין מאַרק שיינען אַרויס מיט יום־טוב, און נאָר זיין דירה שטייט, ווי אַ בלינדער צווישן זעענדיקע. ער פאַלט אָבער ביי זיך נישט אַראָפּ: „עס וועט נאָך זיין פּסח!" — טראַכט ער.

ער גייט אַריין און זאָגט פריילעך: „גוט יום־טוב דיר, רבקה־ביילע!" און רבקה־ביילעס קול ענטפערט אים, אָנגעזאָפּט מיט טרערן, פון אַ פינצטער ווינקל אַרויס:

— גוט יום־טוב, גוט יאָר!

און אירע אויגן ברענען אַרויס פון פינצטערן ווינקעלע, ווי צוויי ברענענדיקע קוילן.

גייט ער צו איר צו און זאָגט איר:

— רבקה־ביילע, היינט איז יום־טוב, די יידן זיינען אַרויס פון מצרים, פאַרשטייסט? טרויערן טאָר מען נישט! מיר האָבן ניט א ו נ ד ז ע ר פּסח, מוז מען זיין ביי אַ פרעמדן סדר. וועלן מיר גיין ערגעץ־אַנדערש צום סדר! מען וועט אונדז אַריינלאָזן אומעטום... טיר און טויער שטייען אָפן... יידן זאָגן היינט: „ווער עס איז הונגעריק, זאָל אַריינקומען עסן." קום, נעם אויף דיר די שאַל, וועלן מיר גיין צום ערשטן בעסטן יידן...

און רבקה־ביילע, וואָס טוט שטענדיק וואָס איר מאַן הייסט, האַלט איין מיט אַלע כחות דאָס געוויין, וואָס רייסט זיך צום האַלדז, נעמט אויף זיך אַ צעריסענע שאַל און וויל שוין גיין.

אין דער זעלבער רגע עפנט זיך אָבער די טיר, און עמעץ קומט אַריין און זאָגט:

4.

— גוט יום־טוב!

ענטפערן זיי: „גוט יאָר", נישט זעענדיק, ווער עס איז צו זיי אַריינגעקומען.

זאָגט דער, וואָס איז אַריינגעקומען:

— איך וויל זיין אייער גאַסט צום סדר!
ענטפערט חיים־יונה:
— מיר האָבן אַליין קיין סדר נישט...
ענטפערט יענער, אַז ער האָט מיטגעבראַכט דעם סדר מיט זיך!
— אין דער פינצטער? — האַלט זיך שוין רבקה־ביילע נישט איין און צעוויינט זיך.
— חלילה! — ענטפערט דער גאַסט — עס וועט זיין ליכט.
און ער גיט אַ מאַך: האָקוס־פּאָקוס! און עס באַווייזן זיך צוויי פּאָר זילבערנע לייכטער מיט אָנגעצונדענע ליכט, אין מיטן שטוב, אין דער לופט! עס ווערט ליכטיק! חיים־יונה און רבקה־ביילע דערזעען, אַז דאָס איז דער קונצן־מאַכער, און זיי גאַפן און קאָנען פאַר וואונדער און שרעק קיין איינציק וואָרט פון מויל נישט אַרויסברענגען. זיי כאַפּן זיך איינס דאָס צווייטע אָן ביי די הענט און שטייען מיט אויפגעריסענע אויגן און אָפענע מיילער.
דער קונצן־מאַכער ווענדט זיך דערווייל צום טיש, וואָס איז גע־שטאַנען פאַרשעמט אין אַ ווינקעלע, און זאָגט צו אים:
— נו, בחורל, באַדעק דיך און קום אַהער!
און אַזוי ווי ער זאָגט דאָס אַרויס, פאַלט פון דער סטעליע אויפן טיש אַראָפּ אַ שניי־ווייס טישטוך און באַדעקט אים, און דער באַ־דעקטער טיש הייבט זיך אָן רירן, און גייט, און קומט אין שטוב אַריין, און פאַרהאַלט זיך פונקט אונטער די ליכט, און די זילבערנע לייכטער לאָזן זיך נידעריקער אַראָפּ און שטעלן זיך אַנידער אויפן טיש.
— אַצינד — זאָגט דער קונצן־מאַכער — פעלן נאָר הסבֿ־בעטן, — זאָלן זיין הסבֿ־בעטן!
גייען דריי בענקלעך, פון דריי עקן פון שטוב, און גייען צו צום טיש און שטעלן זיך אויף זיינע דריי זייטן.
הייסט ער, דער קונצן־מאַכער, זיי זאָלן ברייטער ווערן, ציען זיי זיך אויס אין דער ברייט, און עס ווערן פון זיי פאָטער־שטולן. רופט ער אויס:
— ווייכער!
באַדעקן זיי זיך מיט רויטן סאַמעט, און גלייך פאַלן אויף זיי פון סטעליע אַראָפּ ווייסע, שניי־ווייסע קישנס און צעלייגן זיך איבער די פאָטער־שטולן און — עס ווערן הסבֿ־בעטן! אויף זיין געבאָט באַ־ווייזט זיך אויך אַ שיסל מיט אַלע גוטע זאַכן און שטעלט זיך אויפן טיש. עס באַווייזן זיך אויך רויטע כוסות מיט פלעשער וויין, און מצות, און אַלץ, וואָס מען דאַרף צו אַ פריילעכן סדר, אַפילו הגדות.

דער קונצנמאַכער • מאַרק שאַגאַל

5.

דעמאָלט האָבן זיי זיך ערשט אויפגעכאַפּט פון גאַפן.
און רבקה־ביילע פרעגט חיים־יונהן אויפן אויער:
— מעג מען? וואָס?
און חיים־יונה ווייסט איר נישט וואָס צו ענטפערן.
ראַט זי אים:
— גיי, מיין מאַן, און פרעג דעם רב.

ענטפערט ער, אַז ער קאָן זי מיטן קונצן־מאַכער אַליין נישט איבערלאָזן. וויל ער, זי זאָל גיין. זאָגט זי, אַז אַ נאַרישער יידענע וועט דער רב נישט גלויבן. ער וועט מיינען, אַז זי איז פון זינען אַראָפּ. גייען זיי ביידע צום רב און לאָזן איבער דעם קונצן־מאַכער מיטן סדר.

האָט דער רב געזאָגט, אַז דאָס, וואָס ווערט געמאַכט מיט כישוף, האָט קיין ווערט ניט, וואָרים כישוף איז נאָר אַ פאַרבלענדעניש פאַר די אויגן. הייסט ער זיי אַהיים גיין, און אויב די מצה וועט זיך לאָזן

אָפּברעכן, דער ווײַן — גיסן אין די כוסות אַרײַן, און די קישנס פון העסע־בעט — אָנטאָפּן, איז גוט... מעגן זײ געניסן.

אַזוי האָט דער רבֿ געהייסן.

גייען זיי מיט האַרץ־קלאַפּעניש אַהיים. קומען זיי אַרײַן, איז דער קונצן־מאַכער שוין נישטאָ, און דער „סדר" שטייט, ווי ער איז געשטאַנען. די קישנס לאָזן זיך אָנרירן, דער ווײַן גיסט זיך, די מצות ברעכן זיך...

האָבן זיי ערשט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אליהו הנביא, און האָבן געהאַט אַ פריילעכן יום־טובֿ!

פאַרשטיי די ווערטער:

סופיט — ceiling
כישוף (קישעף) — magic
נס (נעס) — miracle
גאַפן — to gape
צורה (צורע) — פנים (פּאָנעם)
קונצן־מאַכער — magician

צילינדער — high hat
בענדער — סטענגעס, ribbons
גלות (גאָלעס) — exile
רענדלעך — אַמאָליקע מטבעות
חלילה (כאָלילע) — by no means
כוסות (קויסעס) — גלעזלעך

דער — דעם

מיר זײַנען אַרײַנגעקומען צו ——— ——— ——— דאָקטער.	דער באַרימטער דאָקטער
מיר זײַנען געווען בײַ — — דאָקטערשע.	די באַרימטע דאָקטערשע
מיר האָבן גערעדט מיט — — געלערנטן.	דער גרויסער געלערנטער
ווי קען ער אַרבעטן מיט — — האַנט?	די געליימטע האַנט
קענסטו אַרויפקריכן אויף — — באַרג?	דער ריזיקער באַרג
מיר האָבן געבלאָנדזשעט אין ——— ——— ——— וואַלד.	דער געדיכטער וואַלד
איך בין געלעגן אויף ——— ——— זײַט.	די רעכטע זײַט
מיר זײַנען געווען בײַ ——— ——— לעקציע.	די לעצטע לעקציע
ביטער איז דאָס לעבן פון ——— ——— ——— אַרבעטער.	דער שווערער אַרבעטער
ער איז שוין אויסגעמאַטערט פון — — — אַרבעט.	די שווערע אַרבעט

אַ ר ב ע ט: שרײַב איבער און שרײַב צו „דער" אָדער „דעם".

ניט געשלאָפן, נאָר געוואַכט

יהואש

אויפן קוימען, אויפן דאַך,
האַלטן קליינע פייגל וואַך,
מיט די אייגלעך ווינקען זיי,
פון לבנה טרינקען זיי.

אָט אַזוי די גאַנצע נאַכט,
ניט געשלאָפן, נאָר געוואַכט,
ביז דער הימל צינדט זיך אָן,
ווי דער קאַם ביים רויטן האָן.

ביימער שטייען לעבן שליאַך,
האָבן זיי אַזאַ מין שפּראַך,
ווייט אַ ווינטל הוידען זיי,
גייט אַ רעגן סודען זיי.

אָט אַזוי די גאַנצע נאַכט,
ניט געשלאָפן, נאָר געוואַכט,
ביז דער הימל צינדט זיך אָן,
ווי דער קאַם ביים רויטן האָן.

ליגן גרילן גרין-געקליידט,
פירן זיי אַ מין גערייד:
אין די גראָזן ווילן זיי,
מיט די צינגלעך פיילן זיי.

אָט אַזוי די גאַנצע נאַכט,
ניט געשלאָפן, נאָר געוואַכט,
ביז דער הימל צינדט זיך אָן,
ווי דער קאַם ביים רויטן האָן.

זיצן זשאַבעס ערגעץ-וואו,
מאַכן זיי אַן אויג ניט צו;
פאַלט אַ שטערן שלינגען זיי,
און צוזאַמען זינגען זיי.

אַט אַזוי די גאַנצע נאַכט,
ניט געשלאָפן, נאָר געוואַכט,
ביז דער הימל צינדט זיך אָן,
ווי דער קאַם ביים רויטן האָן.

פאַרשטיי די ווערטער:

שליאַך — highway קוימען — chimney דאַך — roof

פאַרקערט	דווקא	ס׳ווייזט אויס	לויט

די קאָמפּאָזיציע איז גאָרניט אַזוי שלעכט, פאַרקערט, זי האָט אַ סך נישקשהדיקע זאַצן. עס קען זיין אַזוי און עס קען אויך זיין פונקט פאַרקערט.

דו ווילסט דווקא אַזוי און ער וויל דווקא פאַרקערט. איך מוז ניט דווקא טאָן ווי ער הייסט מיר. דווקא ווייל ער הייסט מיר אַזוי, וועל איך שוין טאָן ווי איך אַליין פאַרשטיי.

ווי ס׳ווייזט אויס וועט נאָך היינט גיסן אַ רעגן. ווייזט אויס, אַז די באַן האָט פאַרשפּעטיקט. ס׳ווייזט זיך דיר אַזוי אויס.

לויט מיין מיינונג וואָלסטו געדאַרפט מער לייענען. לויט דעם יינגלס וויסן וואָלט ער געדאַרפט זיצן אין אַ העכערן קלאַס. לויט דיין אויפפירונג וואָלט דיר געפּאַסט זיין אַ פּיצעלע קינד.

אַרבעט: מאַך פינף זיצן מיט: פאַרקערט, דווקא, ס׳ווייזט אויס, לויט.

האָפֿ און גלויב

• י. ל. פרץ

האָפֿ! ניט ווייט איז שוין דער פרילינג,
ס'וועלן שמעטערלינגען שפרינגען!
נייע נעסטן, נייע פייגל
וועלן נייע לידער זינגען.

גלויב, די נאַכט וועט שוין פאַרשווינדן,
און די וואָלקנס אויך צערינען,
בלוי וועט ווייטער זיין דער הימל —
נייע שטערן, נייע זונען!



דעבס

• נ. גראָס

איר האָט אוודאי געזען, ווי צו יעדן צוג זיינען צוגעטשעפּעט א פאָר פולמען-וואַגאָנען. דאָס זיינען וואַגאָנען מיט אַ סך מער באַקוועמלעכקייטן ווי די געוויינלעכע וואַגאָנען. פאַראַן דאָרט באַזונדערע קופּייען פאַר די פּאַסאַזשירן, די זיץ-פּלעצער זיינען ווי דריי-שטולן, אַזוי אַז מען קאָן זיך זעצן מיטן פּנים וואוהין איינעם איז ליב.

די אַרבעטער אויף די פולמען-וואַגאָנען איז אָבער גאָרנישט ניט געווען אַזוי באַקוועם. זיי זיינען געווען אין דער ערגסטער לאַגע צווישן די באַן-אַרבעטער. זיי האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות און האָבן באַקומען אַ הונגער-לוין.

מיסטער פולמען, דער אייגנטימער פון די פולמען־וואַגאָנען, האָט אויסגענוצט זיינע אַרבעטער ביז זייערע לעצטע כוחות. ער האָט געפאָדערט די מערסטע אַרבעט און האָט געצאָלט דעם קלענסטן לוין. מר. פולמען האָט זיך געהאַט זיינע וועגן ווי אויסצונוצן זיינע אַרבעטער, און נאָך צונעמען ביי זיי דעם לעצטן אָרעמען לוין.

מיסטער פולמען האָט אויפגעבויט באַראַקן, וואו זיינע אַרבעטער האָבן געמוזט וואוינען און באַצאָלן מער דירה־געלט ווי ערגעץ־אַנדערש; ער האָט געעפנט קראָמען אַלעריי, און זיינע אַרבעטער האָבן געדאַרפט קויפן וואָס זיי דאַרפן בלויז אין פולמענס קראָמען. און דאָ האָט מען פאַר אַלץ געמוזט צאָלן העכערע פרייזן: פאַר שפּייז און פאַר קליידער און פאַר אַלע אַנדערע זאַכן.

און די אַרבעטער, וואָס האָבן גענומען בלויז דאָס נייטיקסטע, וואָס זיי דאַרפן — האָבן געמאַכט חובות און האָבן זיך פאַרשולדיקט איבערן קאָפּ. און געבן אויף באָרג האָט מען זיי דווקא געגעבן. ווארים דאָס האָט די אַרבעטער פשוט צוגעבונדן צו זייער מיזערנער אַרבעט און זיי האָבן נישט געטאָרט גיין זוכן קיין אַנדערע אַרבעט. אויף אַזאַ אופן זיינען זיי געוואָרן איינפאַכע שקלאַפן ביי דעם מיסטער פולמען.

אַלץ האָט אָבער אַ גרענעץ, און יעדע זאַך האָט אַ סוף. אַז די אַרבעטער האָבן שוין מער נישט געקענט אַריבערטראָגן זייערע ביטערע צרות, האָבן זיי איין שיינעם טאָג דערקלערט אַ סטרייק. דאָס איז געווען אין יאָר 1894. טויזנטער פולמען־אַרבעטער, פון די ברעגן פון אַטלאַנטיק ביז צו די ברעגן פון פּאַציפיק, האָבן באַשלאָסן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די קייטן פון שקלאַפעריי און ווערן פריי.

מיסטער פולמען האָט זיך געווענדט צו גראָווער קליוולאַנד, וואָס איז דעמאָלט געווען פּרעזידענט, אַז ער זאָל שיקן מיליטער קעגן די סטרייקער. דער פּרעזידענט האָט אים צוליב געטאָן און האָט געשיקט סאָלדאַטן צו אונטערדריקן דעם סטרייק. און דעם אמת געזאָגט — מיט דעם סטרייק האָט שוין געהאַלטן גאָר שמאָל. נאָר דאָ איז אונטערגעקומען דעבס. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן נאָך אין דער רעכטער צייט און האָט גענומען פירן דעם סטרייק. די אַרבעטער האָט ער געהייסן זיצן אין דער היים. זאָלן די סאָלדאַטן מיט זייערע ביקסן פירן די באַנען.

זעט דער מיסטער פולמאַן, אַז מיט די סאָלדאַטן קאָן ער גאָרנישט ניט אויפטאָן, ווענדט ער זיך צו אַ ריכטער, ער זאָל דורכן געזעץ צווינגען די אַרבעטער צו גיין צו דער אַרבעט. דער ריכטער, וואָס

האָט געהאַלטן מיט דעם מיסטער פולמען, האָט אַרויסגעגעבן אַ פּסק, אַז אַלע אַרבעטער מוזן גיין צוריק צו דער אַרבעט.

דעבס האָט אָבער די אַרבעטער נישט געלאָזט צוריקגיין צו דער אַרבעט אויף די אַלטע קאָנדיציעס. זיי מעגן רואיק זיצן אין דער היים, האָט ער זיי דערקלערט, נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך. זאָלן זיי זיך נאָר האַלטן אייניק און אָנגיין מיטן סטרייק. קיינער וועט זיי דעמאָלט נישט קענען צווינגען צו גיין אַרבעטן.

וואָס טוט איצט דער מיסטער פולמען? טראַכט ער און טראַכט, און אַז ער זעט, אַז דאָס אַלץ איז דעבסעס קאָפּ און אַרבעט, טראַכט ער פריער ווי אָפּצוראַמען דעבסן פון וועג. ער לאָזט דעבסן אַרעסטירן פאַר ברעכן דאָס געזעץ. וואָרים דער ריכטער האָט דאָך געפּסקנט, אַז די אַרבעטער מוזן צוריקגיין צו דער אַרבעט, נאָר דעבס לאָזט זיי נישט. אַרעסטירט מען דעבסן און מען זעצט אים איין אויף זעקס חדשים.

די פולמען-אַרבעטער האָבן לסוף טאַקע געוואונען דעם סטרייק, דעבס איז אָבער געזעסן אין תּפיסה. נאָר נישט אַליין איז דעבס דאָרטן געווען. מיליאָנען מענטשן זיינען געווען מיט אים. און בריוו האָט ער געקראָגן — בריוו מיט טרייסט און מיט לויטער פריינטשאַפט און האָפענונג. איין בריוו, וואָס איז געקומען נאָך איידער מען האָט אים איינגעזעצט, איז געווען אַזאַ:

ליבער דזשין!

איך הער, אַז מען וויל דיך פאַרשיקן אין תּפיסה. דו וועסט דאָרטן דאַרפן האָבן אַ פריינט — לאָמיך זיין דיין פריינט.

י ו ד ז ש י ן פ י ל ד.

דער פּאָעט פון דעם באַרימטן ליד: „ווינקי, בלינקי ענד נאָד", האָט דאָס אים געשריבן אַזאַ בריוו.

פאַרטייטשט די ווערטער:

צוג — באַן, train

באַקוועמלעכקייטן — conveniences

אייגנטימער — owner

לוין — געהאַלט,

דירה־געלט — rent

חובות (כויוועס) — debts

פּסק (פּסאַק) — sentence

געפּסקנט (געפּאַסקנט) — passed a sentence

לסוף (לעסאָף) — finally

תּפיסה (טפיסע) — prison

דער זיידע און דאָס אייניקל

• דוד ראַדין

— זיידעניו טייערער! זיידעניו ליבינקער!
פאַרוואָס איז דיין האַנט מיט מאַזאָליעס באַצויגן,
מיט אָדערן בלויע — ווי שטריק אָנגעצויגן?
קינדעניו האַרציקער! קינדעניו גוטינקער!
פון דלאָטע און האַמער און פון אייזן און שער,
פון זעג און פון אַלערליי אַרבעטס-געווער —
איז מיין האַנט מיט מאַזאָליעס באַצויגן.

זיידעניו טייערער! זיידעניו ליבינקער!
פאַרוואָס איז דער רוקן אַזוי דיר געבויגן,
אַזוי ווי דו וואָלסט צו דער ערד זיך געבויגן?
— קינדעניו האַרציקער! קינדעניו גוטינקער!
פון שלעפּן אַ משא געשמידט אין אַ קייט:
פון שלעפּן אַ לעבן דורך צרות, דורך נויט —
איז דער רוקן געוואָרן געבויגן.

— זיידעניו טייערער! זיידעניו ליבינקער!
פאַרוואָס זיינען בלינד דיר די אויגן,
בלינד ווי מיט קאָרע מיט ווייסער פאַרצויגן?
— קינדעניו האַרציקער! קינדעניו גוטינקער!
פון זוכן אַ וועג צו פאַרמיידן די לייד,
פון זוכן אין לעבן אַ טראָפּעלע פרייד —
זיינען בלינד מיר געוואָרן די אויגן.

— זיידעניו טייערער! זיידעניו ליבינקער!
פול איז דיין לעבן מיט שרעקן געווען.
מוז עס דען שטענדיק אַזוי אַ געשען?
— קינדעניו האַרציקער! קינדעניו גוטינקער!
געבענטשט זיינען אַלע וואָס זעען אַ שיין...
געבענטשט זאָלסטו זיין... געבענטשט זאָלסטו זיין...

פאַרשטיי די ווערטער:

דלאָטע — chisel
מאַזאָליע — callus
קאָרע — bark

דער ערשטער מאַי

עס איז ערב דעם ערשטן מאַי. זיצט דער זיידע שלמה און הערט זיך צו ווי זיין איניקל חיים לייענט פאַר אים פון זיין שול-ביכל מאָריס ראָזנפעלדס ליד „מיין יינגעלע". דעקלאַמירט חיימל מיט זיין קלינגענ־דיק קול, ווי דער טאַטע, דער אַרבעטער, זעט זעלטן זיין שיין קליין יינגעלע, ווייל ער גייט אַוועק צו דער אַרבעט, ווען דאָס יינגעלע שלאָפט נאָך און קומט צוריק פון דער אַרבעט, ווען דאָס יינגעלע שלאָפט שוין. און דאָס יינגעלע פרעגט: „אָ, מאַמע, גוטע מאַ, ווען קומט און ברענגט אַ פעני מיר מיין גוטער, גוטער פאַ?"

טוט דער זיידע שלמה אַ פיר מיט דער האַנט איבער זיין גע־קנייטשטן שטערן, ווי ער וואָלט זיך וועלן עפּעס דערמאָנען. ווייסט שוין חיימל, אַז דער זיידע האָט שוין עפּעס צו דערציילן, קוקט ער דעם זיידן גלייך אין פּנים אַריין און וואַרט. און דער זיידע לאָזט חיימלען לאַנג ניט וואַרטן.

— זייער אַ גוט ליד, חיימל, — זאָגט דער זיידע — ווייל ס'איז אַן אמתדיק ליד. עס דערמאַנט מיר אין מ י י ן טאַטן. מיין טאַטע... ווען האָב איך געקענט זען מיין טאַטן, אַז ער האָט געאַרבעט צוועלף און פערצן שעה אַ טאָג. מיין טאַטע... צוועלף יאָר בין איך דעמאָלט אַלט געווען, ווען מיין טאַטע איז איינמאָל אַוועקגעפאַלן ביי דער שווערער אַרבעט און איז שוין מער קיינמאָל ניט אויפגעשטאַנען... מיין מאַמע, דאָס איז געווען דיין עלטער-באָבע, איז שטאַרק קראַנק געוואָרן פאַר ווייטיק. און איך האָב געמוזט אַוועקגיין אַרבעטן, זיך אַוועקזעצן אויפן זעלביקן בענקל און ביי דער זעלביקער מאַשין, אויף וועלכער מיין טאַטע האָט אַ סך יאָרן געשטעפּט מאַנטלען...

— פאַרוואָס-זשע האָט מען ניט געמאַכט קיין סטרייק, זיידע? — האָט חיימל געפרעגט.

— זייער אַ קלוגע פראַגע, חיימל, — זאָגט דער זיידע און גלעט חיימלען איבערן קעפּל — אָבער די אַרבעטער האָבן נאָך דעמאָלט ניט געהאַט קיין גרויסע און שטאַרקע יוניאָנס. זיי האָבן ערשט אָנ־געהויבן זיך צו אָרגאַניזירן אין יוניאָנס, ווייל עס האָט זיך שוין אָנ־געקליבן אַ סך צאָרן, און אַ גרויסער פייער האָט געברענט אין זייערע הערצער. און ערב דעם ערשטן מאַי, 1886, — איך בין דעמאָלט דרייצן יאָר אַלט געווען — האָט מען מיך גערופן צו אַ פאַרזאַמלונג. אַ סך אַרבעטער זיינען צו דער פאַרזאַמלונג געקומען — ענגלישע, רוסישע, פוילישע, אוקראַאינישע, איטאַליענישע און יידישע. און דאָרטן, חיימל,

האָב איך געהערט רעדן, אַז דעם ערשטן מאַי וועלן אַלע אַרבעטער אַוועקלייגן די אַרבעט און מען וועט אַרויסגיין אין אַ דעמאָנסטראַציע.

— איך האָב געהערט רעדן, אַז ביי דער דעמאָנסטראַציע וועט מען פאָדערן אַכט שעה אַרבעט, אָנשטאָט צוועלף און פערצן... איז אויף מיר געוואָרן אַזאַ פרייד, אַז איך בין אַריינגעפאַלן אין הויז צו דער מאַמען מיט אַ גרויס געשריי: „מאַמע, מאַמע, אַכט שעה אַרבעט! מאַמע, איך וועל שוין ניט דאַרפן קומען פון דער אַרבעט שפּעט אין אָונט, וועל איך קאָנען בעסער אַכטונג געבן אויף דיר און דו וועסט געזונט ווערן.״ און איך האָב איר דערציילט וועגן דער פאַרזאַמלונג און וועגן דער דעמאָנסטראַציע. און שטעל זיך פאָר, חיימל, ווי גרויס מיין פרייד איז געווען, ווען די מאַמע איז אַרונטער פון בעט און האָט געזאָגט:

— איך פיל זיך שוין בעסער וואָס מיין קינד וועט ניט דאַרפן אַרבעטן אַזוי שווער, ווי זיין טאַטע. אַ, ווי דערלעבט מען שוין, אַז קינדער זאָלן גאָר אינגאַנצן ניט דאַרפן אַרבעטן...

— מיר׳ן דערלעבן, מאַמע! מיר׳ן דערלעבן! — האָב איך מיט גרויס האָפענונג און גלויבן געזאָגט. — לאָמיר נאָר געווינען דעם ערשטן קאַמף!

— נו, און וועגן דער דעמאָנסטראַציע האָסטו מיר נאָך נישט דער־ציילט — האָט חיימל געפרעגט.

— וואַרט־צו, וואַרט־צו, חיימל, מיר קומען שוין צו דער דעמאָנ־סטראַציע. אָט איז שוין דער ערשטער מאַי, 1886. האָט די מאַמע זיך פאַרפוצט אין אירע בעסטע קליידער און איז מיט מיר מיטגעגאַנגען צום יוניאָן־סקווער. איז דאָס, חיימל, געווען אַ יום־טוב! צענדליקער טויזנטער אַרבעטער מיט רויטע שלייפלעך אין זייערע לאַצן! פאָנען און פלאַקאַטן! און אויף די פלאַקאַטן איז אָנגעשריבן: אַכט שעה אַרבעט! אַכט שעה פאַרברענגען! אַכט שעה שלאָפן און רוען! האָט די מאַמע געהאַלטן אין איין לייענען די דאָזיקע אויפשריפטן און איר האַרץ איז געוואַקסן, און טרערן פון פרייד זיינען געשטאַנען אין אירע אויגן, ווען מען האָט מאַרשירט איבער די גאַסן מיט פאָנען און פלאַקאַטן... אָט־דאָס, חיימל, איז געווען די דעמאָנסטראַציע! די ערשטע מאַי־דעמאָנסטראַציע! די ערשטע אין אַמעריקע און איבער דער גאַנצער וועלט!

האָט דער זיידע שלמה זיך אָפּגעשטעלט, ווידער אַ פּיר געטאָן מיט זיין האַנט איבערן געקנייטשטן שטערן, ווי ער וואָלט וועלן זיך עפּעס דערמאָנען, און חיימל האָט געוואַרט. האָט דער זיידע שלמה

אים אַ גלעט געטאָן איבערן קעפּל מיט גרויס ליבשאַפט און האָט געזאָגט:

— וואָס־זשע, חיימל, ווילסט טאַקע וויסן דעם גאַנצן סוף? איז אָבער דער סוף פון דער ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציע ניט געווען קיין פריילעכער. די פּאָליציי האָט זיך אַריינגעמישט, ווייל די פאַבריקאַנטן האָבן ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז די אַרבעטער זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין גרויסע שטאַרקע יוניאָנס. האָט די פּאָליציי אָנגעהויבן צעטרייבן די אַרבעטער. און אין שיקאַגאָ האָט מען טאַקע עטלעכע אַרבעטער דערשאָסן אויף טויט... האָבן די אַרבעטער דאָרטן זיך ווידער פאַר־זאַמלט, דעם דריטן מאַי, אויפן העימאַרקעט־סקווער, צו פּראָטעסטירן קעגן די שיסערייען אויף פרידלעכע אַבעטער. און פּלוצלונג... טראַך! . . . אַ באָמבע האָט געפּלאַצט דאָרטן וואו די פּאָליציי איז געשטאַנען און עטלעכע פּאָליצייליט זיינען דערהרגעט געוואָרן...

— ווער־זשע האָט געוואָרפן די באָמבע? — האָט חיימל געפרעגט.

— ניט די אַרבעטער, חיימל. דאָס האָבן די פאַבריקאַנטן געמאַכט אַ בילבול אויף די אַרבעטער, אַז זיי וואַרפן שוין באָמבעס... מסתמא האָבן זיי אַליין אונטערגעקויפט עמעצן צו וואַרפן די באָמבע, כדי די צייטונגען זאָלן קאָנען זיך צעשרייען מיט גרויסע קעפּ, אַז די אַרבעטער וואַרפן באָמבעס... און מען האָט טאַקע אין שיקאַגאָ באַלד אַרעסטירט די בעסטע אַרבעטער־פירער און מען האָט זיי פאַרמשפּט צום טויט...

— און מען האָט זיי טאַקע? . . . — האָט חיימל געפרעגט מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם.

— זיי זיינען געשטאָרבן ווי גרויסע העלדן, חיימל. איינער פון זיי, שפּיז איז געווען זיין נאָמען, האָט אונטער דער תליה אויסגערופן: „דאָס קול וואָס איר ווילט דערשטיקן, וועט פון קבר אַרויסשרייען נאָך שטאַרקער ווי איצט...“ און אַ צווייטער, אַלבערט פאַרסאָנס האָט מען אים גערופן, האָט ביי דער תליה אָנגעהויבן רעדן צום פאָלק: „זאָל דאָס קול פון פאָלק דערהערט ווערן!“... און די פאַרצויגענע שטריק האָט דערשטיקט זיינע לעצטע ווערטער... און דו, חיימל, ווייסט ניט... טויזנטער העלדן האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס אין קאַמף פאַר פרייהייט... און דערפאַר איז דער ערשטער מאַי אונדז נאָך מער ליב און טייער. ער איז דער יום־טוב פון פרייהייט פאַר אַלע אַרבעטנדיקע מענטשן.

פאַרשטייט די ווערטער:

תליה — gallows

בילבול — frame up

ערשטער מאַי

• ל. מילער

היינט איז יום־טוב, היינט איז פרילינג.
אונדזער פרילינג — ערשטער מאַי.
מאַי און פרילינג אונדזער צווילינג.
יום־טוב פרילינג, יום־טוב פריי.

באַראַבאַנען, הערט, דערמאָנען,
אַז מען גייט היינט ניט אין שול.
אָפּגעשטעלט פאַבריק און באַנען
און מיט פרייד די גאַסן פול.

לאָמיר מיט די טריט אויסשלאָגן
ליד פון פריי, פון מאַי און זון.
זאָל דאָס ליד זיך ווייט צעטראָגן,
וואו מען וויסט נאָך ניט דערפון.

קומט אין גאַס און לאָמיר שפּאַנען
צו דעם טאַקט פון פויק און ליד,
הימל־בלוי און פריי די פאָנען,
אונדזער מאַי האָט זיך צעבליט.

דער יינגל הירשקע לעקערט ווערט אַ העלדישער קעמפער

אין דער שטאָט ווילנע, רוסלאַנד, האָט הירשקע אָנגעהויבן צו אַרבעטן, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונג יינגל, כמעט אַ קינד נאָך. אַזעלכע ווי ער דאַרפן זיך נאָך שפּילן, ווי קינדער שפּילן זיך, אָבער ווי האָט ער צייט דערפאַר, אַז ער מוז אַרבעטן צען און צוועלף שעה אַ טאָג.

ווער-זשע איז שולדיק אין דעם וואָס דער יינגל הירשקע מוז אַרבעטן שווער צען און צוועלף שעה אַ טאָג און האָט ניט קיין צייט צו זיין אַ קינד און זיך אַ שפּיל טאָן, ווי קינדער שפּילן זיך?

הירשקע ווייסט שוין ווער ס'איז שולדיק אין דעם. ער אַרבעט דאָך צוזאַמען מיט דערוואַקסענע אַרבעטער, הערט ער זיך צו צו זייערע שטילע שמועסן... מען טאָר ניט רעדן הויך, ווייל מען וועט אַרעסטירן. אָבער פאַר הירשקען היט מען זיך ניט. מען רופט אים שוין אַפילו צו געהיימע פאַרזאַמלונגען, וואו הירשקע הערט זיך אָן אַ סך זאַכן און דערוויסט זיך אַ סך זאַכן. דערפאַר ווייסט ער שוין, אַז שולדיק איז דער צאַר ניקאָלאַי מיט זיינע רייכע פּריצים און פאַבריקאַנטן. זיי זיינען אויך שולדיק אין די יידישע צרות און אין די פּאָגראָמען.

איז געקומען דער ערשטער מאַי, 1902. הירשקע איז שוין אַ גרויסער בחור און אַ דערוואַקסענער אַרבעטער. איצט אָרגאַניזירט ער די ערשטער-מאַי-דעמאָנסטראַציע קעגן דעם פאַרבאָט

פון גאָווערנאָר פ אָ ן־ו ו א ל, וועלכער האָט אַראָפּגעבראַכט טויזנ־טער קאָזאַקן און האָט זיך באַרימט, אַז מען וועט שפּאַלטן קעפּ, שיסן אויף טויט . . . און — נאָך ערגערס...

האָט הירשקע געטראַכט: וואָס קען זיין ערגער פון ערגער? ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט קיינמאָל קיין צייט ניט געהאַט צו זיין אַ קינד און זיך שפּילן, ווי קינדער שפּילן זיך. ער האָט זיך דער־מאָנט אין די פּאָגראָמען אויף יידן און אין דער פאַרשקלאַפונג פון אַלע אַרבעטער און אָרעמע מענטשן. וועט עס טאַקע אייביק אַזוי זיין? וואָס־זשע טויג אַזאַ לעבן?

האָט הירשקע געפירט די ערשטער־מאַי־דעמאָנסטראַציע. אַ סך אַרבעטער האָט מען צעשלאָגן און אַ סך האָט מען אַרעסטירט. הירשקע האָט באַוויזן זיך אַרויסצודרייען פון די קאָזאַקן — איז ער ניט אַרעס־טירט געוואָרן. אָבער . . . וואָס הערט מען עס אַזעלכע גוואַלדן און געשרייען פון דעם טורמע־הויף? אַזאַ שאַנד! דאָרטן שמייסט מען די אַרעסטירטע אַרבעטער . . . מיט ריטער שמייסט מען זיי אויפן הוילן לייב . . . און זייער בלוט שפּריצט איבער דעם גאַנצן טורמע־הויף . . .

דאָס איז געווען פ אָ ן־ ו ו א ל ס אַרבעט. האָט הירשקע זיך באַזאָרגט מיט אַ רעוואָלווער און האָט אָפּגעוואַרט דעם גאָווערנאָר פ אָ ן־ו ו א ל ביים ווילנער טעאַטער... קנאַק, קנאַק . . . אים אַריינ־געשאָסן עטלעכע קוילן... דאָס האָסטו דיר, בלוטיקער פ אָ ן־ו ו א ל, פאַרן שמייסן!...

אָבער פ אָ ן־ו ו א ל איז בלויז פאַרוואונדעט געוואָרן. הירשקען האָט מען געכאַפּט, און פ אָ ן־ו ו א ל האָט אים פאַרמשפּט צום טויט. ער האָט געמיינט, אַז דער יידישער אַרבעטער הירשקע וועט אים פאַלן צו די פיס און זיך בעטן ער זאָל אים שענקען דאָס לעבן. אָבער הירשקע איז שטאָלץ געגאַנגען צו דער תליה. ער האָט גערעדט צום פאַרזאַמלטן עולם וועגן אַ נייער פרייער וועלט, וואָס וועט קומען, ווען מען וועט פּטור ווערן פון ניקאָלאַיען און פון זיינע פ אָ ן־ו ו א ל ס.

אין ווילנע איז אַמאָל געשטאַנען אַ מאָנומענט — אַ סטאַטוע פון אַ רוסישן צאַר. אין 1917 האָט מען דעם דאָזיקן מאָנומענט אַרונטער־געוואָרפן... און מען האָט אויפגעשטעלט אַ נייעם מאָנומענט — פאַרן יידישן העלדישן קעמפער הירשקע לעקערט. און קינדער שטעלן זיך אָפּ ביי הירשקע לעקערטס מאָנומענט און לייענען די געשיכטע פון דעם יידישן העלדישן קעמפער, וועלכער האָט געהאָלפן באַפרייען רוסלאַנד פונעם צאַר.

און דו אַקערסט

• ג. הערוועג

און דו אַקערסט, און דו זייסט,
און דו פּיטערסט, און דו נייסט,
און דו האַמערסט, און דו שפּינסט —
זאָג, מיין פאָלק, וואָס דו פאַרדינסט.

וועבסט ביים שטול טאָג און נאַכט,
גראָבסט אונדז אייזן פון דער שאַכט,
ברענגסט די שפע אונדז אַריין,
פול מיט תבואה און מיט וויין.

נאָר — וואו איז דיין טיש געגרייט?
נאָר — וואו איז דיין יום-טוב-קלייד?
נאָר — וואו איז דיין שאַרפע שווערד?
וואָסער גליק איז דיר באַשערט?

שאַפסט די אוצרות אָן אַ שיר,
אַלץ פאַר יענעם, נישט פאַר דיר,
און פאַר זיך האָסטו אין נויט
נאָר געשמידט אַ שווערע קייט . . .

פאַרשטיי די ווערטער:

שאַכט — mine
שפע (שעפע) — prosperity
תבואה (טוואוע) — grain
באַשערט — destined

ד ע ר — ד ע ם

ער דערציילט אַ מעשה —— —— קלאַס.	דער גאַנצער קלאַס
דער לערער גיט גוטע צייכנס —— —— —— תלמיד.	דער פלייסיקער תלמיד
גיט אָפּ כבוד —— —— מאַן.	דער קלוגער מאַן
מיר האָבן געשענקט ביכער — — חברטע.	די נייע חברטע
דאָס אייניקל דערציילט —— —— באָבען װעגן דער שול.	די אַלטע באָבע
מיר האָבן אָװעקגעשענקט זאַכן — — מאַן.	דער אָרעמער מאַן
דאַנק — — יידן פֿאַר דעם חנוכה־געלט.	דער גוטער זיידע
מיר שיקן אונדזער דאַנק — — משפחה.	די גאַנצע משפחה
לאָמיר שענקען אונדזערע בילדער — — קינד.	דאָס ליבע קינד
גיב —— —— אַ שאָקאָלאַד.	דאָס קליינע מיידעלע

<u>סינאָנימען</u>		<u>אַנטאָנימען</u>
מיטפֿילנדיק	**גאװה**	װאָר, װירקלעכקייט
קלענסטער	**רחמנותדיק**	רייכקייט, עשירות
שטאָלץ, גדלות	**אַקוראַט**	אַ באַרעדעװודיקער
טרוים	**מינדסטער**	זעלטן, אַמאָל־אַמאָל
קבצנישקייט, דלות	**טייוול**	איינציקער
אַ שטילער	**צווילינג**	מלאך
שטענדיק, אַלעמאָל	**תמיד**	גרעסטער
אַ פּאָרל	**אַ שװייגנדיקער**	פּאַרקערט
שד	**אָרעמקייט**	אומברחמנותדיק
געניי, פּינקטלעך	**חלום**	באַשיידנקייט

אַ ר ב ע ט: שרייב איבער אין העפט מיטן ריכטיקן אַרטיקל.

ש פּ ר י כ װ ע ר ט ע ר:

װאו מען דאַרף מוח, העלפֿט ניט קיין כוח.

די צונג איז דעם מענטשנס גרעסטער שונא.

אַז אַ ליגנער זאָגט אַן אמת, גלויבט מען אים אויך ניט.

אַרבעט ברענגט ברויט, פֿוילקייט — נויט.

דער העלדישער זון פון אַמעריקע טאָם מוני

דאָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1916, אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה. אין סאַן פראַנציסקאָ איז פאָרגעקומען אַ גרויסער מלחמה-פּאַראַד. פּלוצלונג האָט אַ באָמבע געפּלאַצט צווישן דעם גרויסן עולם און אַ צאָל מענטשן זיינען דערהרגעט געוואָרן. קיינער האָט דעם באָמבע-וואַרפער ניט געכאַפּט... אָבער מען האָט אַרעסטירט דעם סטרייק-פירער טאָם מונין, און מיט אים אויך וואָרען בילינגס, אויך אַן אַרבעטער-פירער, וועמען די פּאָליציי האָט געוואָלט אונטערקויפן ער זאָל עדות זאָגן, אַז ער האָט געזען טאָם מונין וואַרפן די באָמבע... און אַ „משפט" האָט מען כלומרשט דורכגעפירט: גנבים און גענגסטערס, וועלכע האָבן טאָם מונין ניט געקענט און אים קיינמאָל ניט געזען, האָבן עדות געזאָגט, אַז ער האָט געוואָרפן די באָמבע. און די ריכטער האָבן אויף שנעל באַשלאָסן: מוני און בילינגס מוזן גיין אויף דער תליה...

אַזוי האָבן די רייכע געוואָלט פּטור ווערן פון דעם סטרייק-פירער טאָם מוני.

זיצן מוני און בילינגס אין תפיסה און וואַרטן אויפן טויט. אָבער די אַרבעטער פון אַמעריקע און פון דער גאַנצער וועלט ווייסן, אַז ביידע אַרבעטער-פירער זיינען אומשולדיק. און עס קומען אַן טויזנטער בריוו און טעלעגראַמעס מען זאָל זיי באַפרייען.

— אונדזער טאָם מוז לעבן!

און טאָם מוני בלייבט לעבן: מען האָט זיין טויט־אורטייל פאַר־ביטן אויף אייביקער תפיסה. קומען ווידער אָן טויזנטער בריוו און טעלעגראַמעס:

— באַפרייען טאָם מונין!

יאָ, מען וועט באַפרייען טאָם מונין, אָבער... זאָל ער קיין סטרייקן ניט פירן. און דער גאָווערנאָר פון קאַליפאָרניע זאָגט צו אים מיט די ווערטער:

— מיר וועלן דיך, טאָם, גלייך באַפרייען, אויב דו וועסט זיך מודה זיין, אַז דו האָסט געוואָרפן די באָמבע, נאָר... דו בעטסט מען זאָל דיר מוחל זיין...

— א י ך זאָל זיך מודה זיין? — שרייט טאָם מיט כעס. — מ י ר זאָל מען מוחל זיין? זאָלן מיינע ריכטער זיך מודה זיין, אַז ז י י האָבן אויסגעטראַכט אויף מיר אַ בילבול, כדי צו צעברעכן די יוניאָנס. זאָלן ז י י בעטן, איך זאָל ז י י מוחל זיין.

זיינען די צוויי אַרבעטער־פירער ווייטער געבליבן פאַרשפּאַרט אין טורמע.

1920 ... 1925 ... 1930 ... 1934 ... אַ סך, אַ סך יאָרן זיינען זיי אַזוי געזעסן פאַרשפאַרט אין טורמע. אין 1934 איז געשטאָרבן מונים עלדישע מאַמע. צוזאַמען מיט אַלע אַרבעטער האָט זי די גאַנצע צייט געקעמפט פאַר זיין באַפרייאונג, ביז אירע כוחות האָבן זיך אויסגעלאָזט. און אַ גרויסע לוויה האָבן די אַרבעטער געמאַכט פאַר מונים עלדישער מאַמע. האָט זיך די לוויה אָפּגעשטעלט לעבן דער סאַן קווענטין־טורמע, וואו מוני איז געזעסן פאַרשפאַרט און האָט אַרויסגעקוקט דורך די גראַטעס... מען האָט אים ניט אַרויסגעלאָזט צו כאַפּן אַ לעצטן קוק אויף זיין באַליבטער מאַמען.

באַפרייט האָט מען אים ערשט מיט פיר יאָר שפּעטער. דער אַמאָליקער יונגער טאָם מוני איז אַרויסגעקומען פון טורמע אַן עלטערער מאַן, מיט אַ צעבראָכענעם קערפּער. אָבער זיין גייסט איז געבליבן שטאַרק ווי אַמאָל. און ווי אַמאָל האָט ער באַלד גענומען העלפן די אַרבעטער אין זייערע קאַמפן.

ער האָט שוין אָבער לאַנג ניט געלעבט טאָם מוני — דער העלדישער זון פון אַמעריקע.

קינדער

• איציק פעפער

ניט מיט קאַלטע הענט מיט הוילע,
נאָר מיט פולע קוישן מאַי,
גייט דער גרויסער קינדער־עולם,
גייט די גרויסע קינדעריי...

איבער אַלע בערג און שליאַכן,
מ׳האָט אַזוינס נאָך ניט געהערט,
ווען באַזונטע קינדער לאַכן,
לאַכט מיט זיי די גאַנצע ערד.

וואונדערט זיך די זון די יונגע,
מיט איר אַלטער זונעריי,
מ׳האָט אַזוי נאָך ניט געזונגען,
אַלע לידער: זון און מאַי...

די געזונטע מחנות גייען,
און די זון, זי ווערט ניט מיד!
אין די העלע קינדער־רייען
שפּאַנט די צוקונפט און דאָס ליד!

אַ רעגן

• י. אַ. ראַנטש

די זון האָט אַ גאַנצן פרימאָרגן געבראָטן.
מיר זיינען געלעגן באַהאַלטן אין שאָטן
פון נוסבוים דעם אַלטן, פאַרזונקען אין דרימל:
געטריי האָט געהיט אונדז דער קלאָר-בלויער הימל.

האָט פלוצלונג גענומען אונדז עמעצער וועקן,
אַזוי ווי אַ הונט וואָלט דעם פנים אונדז לעקן —
און ס׳פאַלן שוין וואַרעמע טראָפּנס פון רעגן
און וואַשן און וואַשן דעם וואַלד און די שטעגן.

מיר האָבן מיט פרייד-אויסגעשרייען געלאָזן
זיך לויפן אין וואַלד אַריין, טיף אין די גראָזן,
צום טייך, וואָס איז רואיק אין וואַלד זיך געפלאָסן.
געבליצט האָט, געדונערט, דער רעגן געגאָסן...

די קליידער אַרונטער, אין טייך — שפרונג-געשפרונגען,
און ווייט האָבן אונדזערע קולות געקלונגען;
געשוואומען, געטונקט זיך און קונצן באַוויזן,
געבאָרעט אין גראָז זיך, ווי אמתע ריזן.

דער רעגן פאַרביי שוין, די זון ווייזט זיך ווידער;
די פייגל אין וואַלד זינגען זאָרגלאָזע לידער;
דער וואַלד שמעקט; מיט פערל באַשאָטן די וועגן.
עס פרייט זיך און זינגט אַלץ: „אַ דאַנק פאַרן רעגן!“

פאַרשטיי די ווערטער:

געטונקט — dipped   געבאָרעט — wrestled   זאָרגלאָזע — careless

אַלעמענס דאָרף

• שנייער וואַסערמאַן

1.

איז אַ טייכל, גלייך און שמאָל,
זיך געפלאָסן אין אַ טאָל,
טאָג און נאַכט זיך נאָר געפלאָסן
און דעם גאַנצן טאָל פאַרגאָסן.

און די פעלדער אָנגעטרונקען,
האָבן פעלדער זיך צעזונגען,
זיינען פעלדער אויפגעגאַנגען,
פול מיט קערנדיקע זאַנגען.

מיט צעבליטן ווייץ און קאָרן
זיינען זאַנגען רייף געוואָרן,
האָבן סערפן זיך צעקלונגען,
האָבן שניטער זיך צעזונגען.

האָט מען סנאָפעס אויפן פעלד,
אין די שאָקן אויסגעשטעלט,
אויסגעטריקנט אויף דער זון
און דערנאָך אַזוי געטון:

אָפגעפירט זיי אינעם שייער.
אין די ווינטער-טעג, די פרייע —
אויסגעדרעשט און אויסגעווייעט,
האָט מען גרויסע זעק גענייט.

אָנגעשאָטן פולע זעק
און מיט זיי אין מיל אַוועק,
מעל צו מאָלן אויפן ווינט,
פאַרן גאַנצן הויזגעזינד.

2.

נאָר די מיל געווען איז ווייט
ערגעץ, העט אויף יענער זייט,
און דער מילנער-יונג — אַ מרוק,
אָן אַ שמייכל איז זיין בליק.

און אַ בייזער מענטש, אַ כעסן,
פלעג פאַר כעס די ליפן בייסן.
אָנשטאָט רעדן פלעג ער ציילן
און דאָס מעל אין דרייען טיילן:

העלפֿט פֿאַר זיך, פֿאַרן מאַלן,
העלפֿט פֿאַר רענט דעם פּריץ צאָלן.
און דעם פּויער וואָס? — די קלייען.
ריכטיק איינגעטיילט אין דרייען...

3.

האָבן פּויערים זיך פֿאַרקלערט,
קלערנדיק — געגלעט די בערד,
האָבן שטערנס זיך געקנייטשט,
און אַ פּויער מיט אַ בייטש,

נישט אַזויפֿיל אַלט, ווי גרוי,
האָט אַ זאָג געטאָן אַזוי:
„לאָזט די ווינטמיל מיטן ווינט
און דעם פּריץ מיט די הינט!

„אונדזער טייכל שטראָמט און קוועלט,
און באַפּרוכפּערט אונדזער פֿעלד,
זאָל עס אויך פֿאַר אונדז אַליין,
אונדזער אייגן מיל־ראָד דרייען.“

האָבן פּויערים צוגעהערט,
צוגעשאָקלט מיט די בערד
און צוריק אַהיים געפֿאָרן
מיט די פֿולע זעק מיט קאָרן.

האָט מעןביימער אויסגעהאַקט,
אָפּגעפֿירט זיי מיטן טראַקט,
אָפּגעלייגט זיי אויפֿן ברעג,
האָבן זיך צעבליצט די העק.

האָבן העקער זיך צעזונגען,
האָבן עכאָס אָפּגעקלונגען,
און אַ מיל האָט זיך צערוישט
אויפֿן טייכלס קלאָרן שוים.

יעדנס מיל און אַלע מאַלן,
קיינער דאַרף נישט קיינעם צאָלן.
שטראָמט דאָס טייכל, דרייט דאָס ראָד
און די מיל, זי מאָלט און מאָלט.

4.

פֿאַרט אין מיל אַ פֿערד און וואָגן,
דאַרף מען אויך אַ ראָד באַשלאָגן
און אַ פּאָדקאָווע צום פֿערד.
האָט מען ווידער זיך פֿאַרקלערט,

ווידער אויסגעשאַרפֿט די העק
און אין וואַלד אַריין אַוועק.
האָט מען ביימער אויסגעהאַקט,
אָפּגעפֿירט זיי מיטן טראַקט,

אָפּגעלייגט זיי לעבן מיל.
האָט די אַרבעט זיך צעשפּילט,
האָבן זיך צעזונגען הענט,
האָבן ווידער העק געבלענדט.

און אין זעלבן אויפֿדערנאַכט,
האָבן פֿונקען אויפֿן דאַך,
אָנגעזאָגט דעם טאָל מיט פֿרייד,
אַז אַ קוזשניע שטייט שוין גרייט!

שמידט מען דאָרט אַ גאַנצע וואָך,
בלאָזט דער בלאָז־זאַק, פּאָך און פּאָך!
קלאַפּט דער האַמער און ער קלינגט
און דאָס טייכל שטראָמט און זינגט.

5.

האָט שוין ברייט צו עסן יעדער
און צום וואָגן גאַנצע רעדער,
דאַרף מען אויך שוין גאַנצע שיך,
דאַרף מען שענער אָנטאָן זיך.

האָט זיך דאָרט באַזעצט אַ שניידער, איז אַ דאָרף שוין אויפגעבויט! —
נייט ער פאַרן דאָרף די קליידער,
מיט אַ נעדעלע פון שטאָל,
און אַ שוסטער מיט אַן אָל.

און אַ סטאָליער מיט אַ זעג. —
איז אַ לעבן אויפן ברעג!

וואו דאָס ברויט איז יעדנס ברויט.

וואו דאָס קלייד איז יעדנס קלייד
און פאַר אַלעמען די פרייד!
און דאָס טייכל, גלייך און שמאָל,
שטראָמט און זינגט נאָך מער אין טאָל.

פאַרשטיי די ווערטער:

שייער — barn	פּאַדקאָווע — horse-shoe
קוזשניע — blacksmiths shop	טראַקט — וועג
אַ מרוק — grumbler	שוים — bosom
באַפּרוכפּערט — מאַכט וואַקסן	געבלענדט — געגלאַנצט

יידישע וויצן וועגן נאַראָנים און נאַרישקייטן

אַ גליק

אין אַ פינצטערער נאַכט איז אויסגעבראָכן אַ שׂרפה. גרויס און קליין זיינען אַראָפּ פון די געלעגערס און געלאָפן לעשן דאָס פייער. אײן לייזער מלמד איז געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט פאַרטראַכט.

— וואָס זיינט איר אַזוי פאַרטראַכט? — פרעגט אים איינער.

— איך קלער — ענטפערט ער — אַז ס'איז אַ גרויס גליק, וואָס ס'האָט אויסגעבראָכן אַ פייער, ווייל אין אַזאַ פינצטערער נאַכט וואָלט מען דאָך גאָרניט געזען, וואו מען דאַרף לעשן...

מאָרגן וועט ער קיין צייט נישט האָבן

אַ כעלעמער לויפט אין גאַס. פרעגט אים אַ פרעמדער:

— וואָס לויפט איר אַזוי?

— איך לויף — זאָגט ער — צו דער באַן באַגעגענען מיין פאָטער, וועלכער דאַרף מאָרגן אָנקומען פון וואַרשע.

— שוטה — לאַכט דער פרעמדער — אויב אייער פאָטער דאַרף קומען מאָרגן, וואָס־זשע לויפט איר ה י י נ ט צו דער באַן?

ענטפערט דער כעלעמער:

— און טאָמער האָב איך מאָרגן קיין צייט נישט?

דער זיידעס מענדעלע

• שניייער וואַסערמאַן

אונדזער זיידן מענדעלע —
ווער האָט אים דען נישט געקענט? —
ער פֿלעגט דאָך מיט זיין אָרעמער „קליאַטשע"
אויספֿאָרן אַ וועלט.

וואו אַ שטאָט, אַ שטעטעלע,
איז ער דאָרט געווען.
זיינע שיינע קלוגע אויגן,
האָבן אַלץ געזען.

און וואָס דער זיידע האָט געזען,
האָט ער דאָס פֿאַרשריבן;
איז דערפֿאַר פֿונעם זיידן
שיינע מעשׂות אונדז פֿאַרבליבן:

אַ מעשׂה אַזאַ פֿון אַ „קליאַטשע",
וואָס האָט זייער פֿיל געליטן —
אויף דער „קליאַטשעס" דאָרן רוקן
האָבן אַלע אומגעריטן:

„דאָס קליינע מענטשעלע", „דער בעל-טאַקסע",
גלאַט אַזוי „שיינע לייט".
און נאָך אַ סך אַזעלכע מעשׂות,
האָט דער זיידע אונדז דערציילט.

איצטער, ווען דער ליבער זיידע
האָט זיך ווייט פֿון אונדז פֿאַרקליבן,
האָבן זיינע אייניקלעך
נייע מעשׂות אָנגעשריבן.

פֿאַרשטיי די ווערטער:

אומגעריטן — געפֿאָרן רייטנדיק
בעל-טאַקסע (באַל־טאַקסע) — דער וואָס נעמט פֿלייש־שטייערן

ווערטער מיט „דער, די, דאָס“ לויטן אלף בית

א ..

1. דער אָדלער
2. דער אַקסל
3. דער אייזל
4. דער אָקס
5. דער אַרבעטער
6. די אַרבעט
7. דאָס אייזן
8. דאָס אויג
9. דאָס אויער

ב

10. דער באַרג
11. דער בוים
12. דער בער
13. דער באַלעבאָס
14. דער בלייער
15. דאָס בעט
16. דער בויך
17. די באַר
18. די בלום
19. די בין
20. דאָס ברויט
21. דאָס בילד
22. דאָס בוך

ג

23. דער גאָרטן
24. דער גאָפּל
25. די גאַנדז
26. די גאַס
27. דאָס גאָלד
28. דאָס געלט

ד

29. דער דיכטער
30. דער דאָלער
31. דער דאַך
32. די דירה
33. דאָס דריידל

ה

34. דער הימל
35. דער הונט
36. דער האָלדז
37. די הויט
38. די האַנט
39. דאָס הויז
40. דאָס העפט

וו

41. דער ווינטער
42. דער וואַלד
43. דער וואָלף
44. די וועלט
45. די וואַנט
46. דאָס וואַסער

ז

47. דער זייגער
48. דער זון (אַ קינד)
49. די זון (אין הימל)
50. דאָס זילבער

ט

51. דער טייך
52. דער טאָפּ
53. די טויב
45. די טיר
55. דאָס טויער
56. דאָס טיכל

י

57. דער ים
58. דער יעגער
59. די יוגנט
60. דאָס יאָר

ל

61. דער לייב
62. דער לאָמפּ
63. דאָס ליילעך
64. די לבנה
65. דאָס ליד
66. דאָס לאַנד

מ

67. דער מויער
68. דער מאָלער
69. דער מענטש
70. דער מאָגן
71. די מלוכה
72. די מלאכה
73. דאָס מויל

נ

74. דער נאָגל
75. דער נעכטן
76. די נאַכט
77. די נעסט
78. די נויט

ס

79. דער סוחר
80. די סחורה
81. די סוכה

ע

82. דער ערשטער
83. דער עלטסטער
84. דער עפּל

פּ

85. דער פּויער
86. די פּען

פֿ

87. דער פֿויגל
88. דער פֿינגער
89. די פֿלוים
90. דאָס פֿענצטער

צ

91. דער צייכן
92. די צייט
93. דאָס צימער

ק

94. דער קעלער
95. די קיך
96. דאָס קלייד

ר

97. דער רעגן
98. די רעדע

ש

99. דער שטול
100. די שטאָט

אַ וואָרט צו די לערער

„מיין בוך — פיר" פאַרענדיקט דעם קאָמפּלעט לייען־ און אַרבעט־ביכער, וואָס די קינדער־שולן פון יידישן פּראָטערנאַלן פאָלקס־אָרדן האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין 1944.

דאָס בוך איז געצילט פאַר דעם גראַדואיר־קלאַס פון דער עלעמענטאַר־שול, דאָס הייסט, פאַרן פערטן אָדער פיפטן קלאַס [לויט דעם צי די שול איז אַ פיר־ אָדער פינף־יעריקע].

דער מאַטעריאַל, וואָס גייט אַריין אין בוך, איז שטאַרק רעדאַגירט און פאַר־לייכטערט געוואָרן, כדי אים צו מאַכן צוגענגלעך פאַר דעם 12-13־יאָריקן תּלמיד פון דער אַמעריקאַנער יידישער שול היינט צו טאָג. עס גייען אָבער אין בוך אַריין עטלעכע לענגערע און שווערערע זאַכן (ווי „דער אָרענדאַר" און „דער קונצנמאַכער" פון י. ל. פּרץ; „די פאָן" פון שלום עליכם, און אַ צאָל אַנדערע), וואָס דער לערער דאַרף פּראָזיכטיק און גענוי באַאַרבעטן מיט די קינדער, סיי שפּראַכלעך און סיי אינהאַלטלעך.

כאָטש דאָס בוך איז פאָרמעל ניט איינגעטיילט אין באַזונדערע אָפּטיילן, קאָן דער לערער אָבער זייער לייכט אַרויסשיילן די עטלעכע הויפּט־טעמעס אַרום וועלכע דאָס בוך איז געבויט: יידישע יום־טובים, די שול, דאָס קינד, יידן איבער דער וועלט, דער אַרבעטער, דער ערשטער מאַי, א. אז. וו. און דער לערער קאָן נאַטירלעך נוצן די מאַטעריאַלן אין דער אָרדענונג, וואָס איז אַמבעסטן פּאַסיק פאַר אים. (אַזוי, למשל, קומט אין דעם בוך יהודה שטיינבערגס „אין יענע צייטן" צוויישן צוויי בירא־בידזשאַנער זאַכן, כדי אוועקצושטעלן פאַרן קינד דעם קאָנטראַסט פון אַמאָליקן און איצטיקן לעבן אין דער אַלטער היים. דער לערער קאָן אָבער זייער לייכט פאַרבינדן „אין יענע צייטן" מיט שלום עליכמס „מאָטל פּייסי" און אברהם רייזענס „רייזעלע", כדי אַזוי אַרום פולער צו מאַכן ביים קינד דאָס בילד פון אַמאָליקן יידישן לעבן אויף יענער זייט ים.)

אין בוך גייען אַריין אַרום 200 שפּראַך־אַרבעטן. די איבונגען זיינען באַזירט אויף דעם שפּראַך־פּראָגראַם (גראַמאַטיק, לעקסיק א. אז. וו.) פאַרן פערטן קלאַס און זיי דאַרפן פּאָרזיכטיק און גענוי, שריפטלעך און מינדלעך, באַאַרבעט ווערן סיי אין קלאַס און סיי אין דער היים. דער לערער דאַרף אויך לייגן ספּעציעלן געוויכט אויף די הונדערט העברייאישע ווערטער וואָס גייען אַריין אין בוך. דאָס קינד דאַרף אין משך פון יאָר זיך אויסלערנען לייענען און שרייבן די ווערטער. די ענגלישע פּאַרטייטשונגען צום סוף פון לייען־מאַטעריאַל דאַרפן ניט נאָר העלפן דעם קינד פאַרשטיין די ווערטער, נאָר אויך העלפן אַנטוויקלען דאָס זעלבסטשטענדיקע לייענען אין דער היים.

מיר שטרייכן אונטער, אַז דער לערער טאָר זיך ניט יאָגן מיט דעם בוך און ניט באַטראַכטן דעם לייען־מאַטעריאַל ווי דעם עיקר, און די שפּראַך־איבונגען פון צווייטער וויכטיקייט.

מיר דאַנקען די חברים פון דער נאַציאָנאַלער פּעדאַגאָגישער קאָמיסיע פון די אָרדן־שולן, וועלכע האָבן אַ סך אַרויסגעהאָלפן מיט זייערע עצות און אָנ־ווייזונגען. מיר וועלן שטאַרק אָפּשאַצן די מיינונגען און עצות פון די לערער בנוגע דעם בוך.

נאַציאָנאַלע שול־ און קולטור־קאָמיסיע פון די
קינדער־שולן פון דעם יידישן פּראָטערנאַלן פאָלקס־אָרדן
א. גאָלדבערג, נאַציאָנאַלער דירעקטאָר

אינהאַלט

זייט

מיר וואַקסן, מיר וואַקסן! — ש. וואַסערמאַן — 3
די צוויי „טשעמפּס" פון פערטן קלאַס — מ. פעלדמאַן — 4
רבי הלל — 9
שפּראַך — 10
אַ גליקלעכע רייזע — ה. רויזנבלאַט — 11
די פאָן — שלום עליכם — 12
שפּראַך — 16
האַרבסט — פּרץ מאַרקיש — 17
דער קליינער איבערשרייבער — ד'אַמיטשים — 18
שפּראַך — 23
שקאַצעריי — לויט ח. נ. ביאַליק — 25
שפּראַך — 29
רויזעלע — אברהם רייזען — 30
שפּראַך — 35
סעמי דער שיכפּוצער — ז. וויינפּער — 36
שפּראַך — 38
מאָטל פּייסיס אויפן ים — שלום עליכם — 39
שפּראַך — 42
די מאַמע — חנה לעווין — 43
אַ ייד קומט אַרבעטן אין אַ שאַפּ — א. ראַבאָי — 45
שפּראַך — 47
די קינדער זיינען אַנגעלאָפן — י. י. שוואַרץ — 48
אַ מעשה וועגן בעטהאָווען — מ. דאַניעל — 48
שפּראַך — 51
דער בלייבער אַפּרויטער — מ. ראָזענפעלד — 52
אַ מעשה מיט אַ מאַנטל — ז. ליבין — 53
שפּראַך — 57-58
דער שניידער — ד. עדלשטאַט — 59
מיין ערשטער דעפּאָזיט — משה נאַדיר — 60
יידישע וויצן וועגן נאַראָנים און נאַרישקייטן — 65
שפּראַך — 66-67
אַקעגן פראָסט — א. פּעפער — 68
יהודה המכבי — אברהם ליעסין — 69
דער קליינער יהונתן — משה שיפרים — 70
אויפן גליטש — לייב קוויטקאָ — 75
שפּראַך — 75-76
אין דעם שטעטעלע מודיעין — מ. פעלדמאַן — 77
יעקב און די אינדיאַנער — לויט סטעפען ווינסענט בעניי — 79
אויפן ים — יהואש — 83
שוואַרץ און ווייס — י. קרעפּליאַק — 84
שפּראַך — 90
אין די ווייטע לענדער — א. רייזען — 91
אַ קריסטלעך יינגעלע דערציילט — לויט קאַרל עוואַלד — 92
שפּראַך — 95-96
אַ קינדער-קעניג — מאַרים ווינטשעווסקי — 97
פון אַ פּאַסטעך—אַ גרויסער געלערנטער— איבערדערציילט פון מ. געלמאַן — 98
שפּראַך — 102
ליד פון אַרבעט — ש. פרוג — 103
דער קאַרגער און ניט-פאַרגינער — יידישע פאָלקס-מעשה — 104
לופו און יאַקאָב — י. מעצקער — 105

שפּראַך — 110
מלחמה — י. אַדלער — 111
סאַרדזשענט מאיר לעווין — 112
אייבערהעם לינקאָלן — מ. פעלדמאַן — 114
שפּראַך — 116
די לבנה גייט שלאָפן — ר. פּאַטאַש — 117
די קליינע העלדן פון כפר תבור — י. יערי-פּאָלעסקין — 118
יצחק-לייבוש האָט געוויינט — א. גאָלדבערג — 121
שפּראַך — 126
בירא-בידזשאַן — י. פּאַפּערניקאָוו — 127
שפּראַך — 128-129
אין יענע צייטן — יהודה שטיינבערג — 130
בירעבידזשאַנער ליד — א. פעפער — 135
שפּראַך — 136
די מעשה פון פּורים — ב. פּענסטער — 137
פרילינג — יהואָש — 142
שפּראַך — 143
דער אָרענדאַר — י. ל. פּרץ — 144
פרילינג — פּרץ מאַרקיש — 152
משהלעס חלום — מ. א. סול — 153
אליהו הנביא — שלום עליכם — 156
אויף גושן איז אַראָפּ די נאַכט — יצחק קאַצענעלסאָן — 159
שפּראַך — 160
דער קונצנמאַכער — י. ל. פּרץ — 161
שפּראַך — 166
ניט געשלאָפן, נאָר געוואַכט — יהואָש — 167
שפּראַך — 168
האָף און גלויב — י. ל. פּרץ — 169
דעבס — נ. גראָס — 169
דער זיידע און דאָס אייניקל — דוד ראַדין — 172
דער ערשטער מאַי — 173
ערשטער מאַי — ל. מילער — 176
הערשעלע אַסטראָפּאָליער — 176
דער ייִנגל הירשקע לעקערט ווערט אַ העלדישער קעמפער — 177
און דו אַקערסט — ג. הערוועג — 179
הערשעלע אַסטראָפּאָליער — 179
שפּראַך — 179
דער העלדישער זון פון אַמעריקע, טאָם מוני — 181
קינדער — איציק פעפער — 183
הערשעלע אַסטראָפּאָליער — 183
אַ רעגן — י. א. ראָנטש — 184
אַלעמענס דאָרף — שנייער וואַסערמאַן — 185
יידישע וויצן וועגן נאַראָנים און נאַרישקייטן — 187
דער זיידע מענדעלע — שנייער וואַסערמאַן — 188
דער-די-דאָס—טאַבעלע — 189
אַ וואָרט צו די לערער — 190
אינהאַלט — 191